STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05465

VELTELEKH

Morris Adershleger

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

JEWISH PROGRESSIVE LIBRARY of Los Angeles, Cal.

מ: אדערשלעגער

װעלטעלעך

ערצעהלונגען און בילדער

—פון—

מ. אדערשלעגער.

ארויסגעבער:
ל. זינגער, בוכהאנדלונג, 117 דעלענסי סטריט,
ניו־יארק.

פאָרוואָרט

פון מאָררים ראָזענפעלד.

איך בעצוועק ניט מיט מיין קורצען פאָרוואָרט אָבצושאָ־צען דעם ליטעראַרישען און קינסטלערישען ווערטה פון מ. אָדערשלעגער; איך לאָז דיזע פעראַנטוואָרטליכע ארבייט איבער פאַר עהרליכע, פעהיגע קריטיקער. איך בעצוועק אויך ניט צו העלפען דעם פערפאַסער צו קריעגען אַ נאָמען. ערש־טענס, ווייל ער האָט דאָס קיינמאָל דורך פרעמדע מענשען ניט געזוכט, און צווייטענס, ווייל די אידישע לעזער פון דער זייט ים, קענען מ. אָדערשלעגער זעהר גוט, זיי טרעפען זיין נאָמען זעהר אָפט אין די גרעסטע אידישע צייטונגען אין אַמעריקאַ, וואו עס ערשיינען זיינע קורצע ערצעהלונגען, בילדער און סקיצען.

דער צוועק פון דיזע ציילען איז אַ גאַנץ אַנדערער, נעמ־ליך: אַזוי ווי איך געדענק דעם „אלף בית" פון אָדערשלעגער'ס ליטעראַרישע קאַריערע; אַזוי ווי איך בין געווען איינער פון זיינע ערשטע ערמוטהיגער און ערוואַרטענדיג פון איהם שעהנע און גוטע שאַפונגען, האָב איך שטענדיג נאכגעפאָלגט דעם ענטוויקלונגס־גאַנג פון זיין טאַלאַנט, — האָב איך דאָס געפינען אַלס אַ גייסטיגע גענוג־טהואונג, פאַר מיר אַליין, מיט צו געבען דעם יונגען פערפאַסער מיין הערצליכע ברכה ביי זיין ערשטע ארויסטרעטען פאַר דער גרויסער, אידישער לעזע־וועלט אַלס זעלבסט שטענדיגער מענש מיט זיין נשמה־פאַמי־ליע צווישען אייגענע טאַוולען.

עס איז, ווי געזאָגט, ניט מיין אויפגאַבע צו בעשטימען וועלכע שטאָט מיין יונגער פריינד ווערט פערנעהמען אין דעם

מקום קדוש פון דער אידישער ליטעראטור, איך לאז דאס פאר
בעגאבטע קריטיקער, (ליידער האבען מיר נאך זעהר, זעהר
וויניג אזעלכע) זיי זאלען זאגען וועלכע שטופע דער מחבר
פון דיזען ווערק האט דערגרייכט אין די קונסט פון דערצעה־
לען, סקיצירען און פארטרעטירען. אלץ וואס איך קען טאהן
אין דעם דאזיגען פאל, איז מיט זיכערהייט און ריינעם געווי־
סען צו רעקאמענדירען מ. אדערשלעגער צו זיינע לעזער, אלס
אן עהרליכען, אויפריכטיגען ליטעראט, וואס האט געהיט די
הייליגקייט פון זיין פעדער און האט זיך שטענדיג געזעצט
ביי זיין שרייב־טיש מיט דער כונה צו שאפען שעהנע און גר־
טע זאכען. ער האט ניט געדינט די אידישע ליטעראטור אי־
בער געוואלד, ווי אב צו פטר'ן א חוב, זאנדערען מיט ליעבע,
מיט פרייד, מיט ענטציקונג!

עס איז מיר אונמעגליך צו זאגען וויפיעל גייסטיגען פער־
געניגען די לעזער וועלען פון אדערשלעגיצר'ס בוך געניסען,
איך האף, אז זיי וועלען האבען א סך פערגעניגען; יא, זיי
וועלען אין סך ערטער פון זיין ווערק געפינען א נשמה־נחת,
זיי וועלען דערפיהלען און דערזעהן אן אמת'ן טאלאנט. זיי
וועלען גאנץ גיך קומען צום בעשלוס, דאס זיי האבען ניט פאר
זיך קיין הומבאג־ארטיסט, קיין מוטהווילגען פערפאסער פון
„מאכערייקעס". אדערשלעגער האט ניט געשריבען זיינע זא
כען אלס צייט־פערטרייב, אדער פון מאדע וועגען, אדער וויל
איהם האט זיך געדאכט אז ער מוז שרייבען, ווי דאס טהוען
ליידער פיעל שרייבער, וואס ווארפען זיך אויף דעם ביכער־
מארק מיט פאלשע פרעטענזיעס.

משה יעקב אדערשלעגער איז געבארען דעם 11טען נא
וועמבער 1882, אין אלעסק, א קליין חסידיש שטעדטעל אין
גאליציען. ער איז צעהן יאהר אין אמעריקא, די גאנצע צייט
אין נויארקער אידישען קווארטאל, דער איינציגער ארט אויפ'ן
ערד קוגעל צו שטודירען דאס לעבען פון די אידען פון דער
גאנצער וועלט. ער שרייבט בסך הכל פינף יאהר און האט זיך
ערווארבען פאפולאריטעט צווישען זיינע לעזער.

דעם פערפאסער'ס פאטער איז יונג געשטארבען און דער
יתום האט שוין אין דער צארטער קינדהייט פון 13 יאהר, גע
מוזט ווערען, ניט נאר זיין אייגענער שפייזער, זאנדערען דער
ברויט־געבער פון דער פאמיליע. מיט די קארגע ידיעות פון
א חדר־ערציהונג, יתום'קייט, ארעמקייט אין גלות, האט ער
זיך אריינגעווארפען אין דעם ווילדען שטראם פון ברויטזו־

בעניש. ער איז געוואָרען אַ ראַזירער, געאַרבייט שווער, גערוהט ווייניג און געליטען פיעל. אַלס אַ קינד פון אַ אונגליקליך וואַנדער־פאָלק האָט ער גענומען אין האַנד דעם וואַנדערשטאַב. ווי אַ סך פון זיינע אידישע ברידער האָט ער געוואָגעלט איבער'ן ים, און איז געוואָרען אַן ארבייטער אין אַמעריקאַ.

מ. אַדערשלעגער איז אַ גייסטיגער פּראָדוקט פון דעם נויאָרקער אידישען קוואַרטאַל, ער איז איינער פון די זיידענע קינדער פון די גאַליציאַנער אידען אין אַמעריקאַ. אויסער ליטעראַט איז אונזער יונגער אוטהאָר אויך אַ הויפּט אָרענטליכער מענש, וועלכען מען מעג בעגעגענען, געבען די האַנד און בעגריסען.

מ. אַדערשלעגער דער ליטעראַט, דער קינסטלער, איז קיין בן יחיד אין דער נויאָרקער אידישער גאַס, ער האָט דאָ קיין עין הרע אַ רעכט ביסעל, מעהר אָדער ווייניגער, בעגאַבטע און בעגייסטערטע ברידער, אָבער אַדערשלעגער דער מענש, האָט ניט פיעל וואָס זאָלען זיך גלייכען צו איהם. אין זיין בוך „וועלטעלעך“ וועלען די לעזער קומען פנים אל פנים מיט אַ מייסטער און אַ מענש צוגלייך.

מאָררים ראָזענפעלד.

נויאָרק דעם 11טען פעברואר, 1910.

אינהאלט-פערצייכנים:

I.

פון דער נייער היים.

זייטע

אסתר׳ס טעות — — — — — — — — 9

חתן־כלה — — — — — — — — — 20

ליעבעס־קלאנגען — — — — — — — 26

א „קעראסינע“ — — — — — — 31

קריעג און פריעדען — — — — — 36

זייעע

קאנקורענטען — — — — — — — — 41

באצילען — — — — — — — — — 45

איינזאם — — — — — — — — — 51

אויף דער עלטער — — — — — — — 55

צווייגען פון לעבען — — — — — 66

II.

גאסען בילדער.

אין דער פרייער נאטור — — — 73

אויף א קארנער — — — — — 78

א פאנאראמא — — — — — — 82

אלטווארג — — — — — — — 85

אונטער וויליאמסבורג בריק — 89

אמעריקא... — — — — — — — 92

אבגעריסענע טענער — — — — — 94

פרעמד בלוט... — — — — — — — 95

אונטערן פרייעם הימעל — — — — 96

III.

פון דער אלטער היים.

אונטערוועגענס — — — — — — 101

אין א ווינטער אבענד — — — 105

א מאמע — — — — — — — — 108

ביים רבין׳ס שלוש־סעודות — — 112

ר׳ אלטער דער קלעזמער — — 117

מיין טאטעו׳ס פידעל — — — — 121

מיין פערפלאסענער פריהלינג — 124

IV.

לידען.

אוים דעם טאגע בוך פון א געטהא־מיידעל — — — — — — — — — — 131

I.

פון דער נייער היים

אסתר'ס טעות

1.

נאָכדעם ווען אסתר איז אין א געוויסען אבענד פארטיג גע־וואָרען מיט איהר ארבייט, אין דעם הויז וואו זי דיענט, האָט זי זיך אָרומגעוואשען, געבראַכט אין אָרדענונג איהרע האָר, און איז, ווי איהר שטייגער איז, אוועק צו איהרען א לאַנדסמאן אין „קענדי סטאָר“ אביסעל פערברייינגען.

אין דיעזען פלאַץ פערברייינגט אסתר מיט פערגניגען יעדע פרייע שטונדע, כמעט זינט זי איז אין אמעריקא. זי פיהלט זיך שוין דאָרט אזוי היימיש, אז זי וואָלט זיך שוין, דאַכט זיך, פון דאָרט ניט געקענט אָברייסען, ווען מען וואָלט זי אפילו געטריבען מיט שטעקענעס!

איבערהויפט האָט אסתר שטאַרק הנאה, ווען זי טרעפט זיך דאָרט צוזאַמען מיט מאַקס'ען, אָדער „מאַקס דער שווארצער“, ווי מען רופט איהם. — ער איז אזא פרעהליכער יונג, אז מ'קען פון איהם איינפאַך בלייבען אָהן זייטען פון לאַכען! ווער שמועסט, אז ער טהוט זיך נאָך א רוק ארונטער דאָס איינגעקנייטשטע קאַפע־לושעל איבער זיין שווארצען געדיכטען קאָפּ האָר, און נעהמט נאָכ־מאַכען ווי אַן „עקטער“, איז ער ווערט מען זאָל איהם אויסקושען יעדעם עבר, אזוי בע'חן'ט איז ער!

איין זאַך נאָר, מיט וואָס אסתר איז פון מאַקס'ען ניט זעהר צופריעדען, איז ווען ער נעהמט זי טשעפּען מיט די הענד... אזוי שפּאַסען קען ער מיט איהר וויפיעל ער וויל! אָבער אז ער נעהמט קריכען מיט די הענד יעדער זאָל זעהן, וואָלט זי איהם בעליידיגט ווי דעם לעצטען! זי קען דאָס ניט ליידען. זי האָט ליעב אז מען בענעהמט זיך מיט איהר אָרענטליך... און וויפיעל מאָל זי האָט איהם שוין געבעטען ער זאָל זיך אָבגעוועהנען פון דער טבע און זי קען דאָס בשום אופן ניט פועל'ן. ווי נאָר ער דערזעהט זי, איז ער באַלד דאָ מיט די הענד... טהוט איהר יעדען קניפּ, אז ס'דערגעהט איהר פשוט צום הארצען.

אריינקומענדיג יענעם אבענד אין „קענדי סטאָר“, האָט, אסתר דאָרט, ווי אימער, געטראָפען מאַקס'ען צוזאַמען מיט עטליכע חברים

אין זיין געוועהנליך פרעהליכער שטימונג. דערזעהענדיג זי, איז ער איהר באלד אקעגען געלאָפען מיט אן אויסגעשטרעקטער האַנד און אויסגערופען מיט א מעלאָ־דראמאטישען טאָן:

— העלאָו אסתר! אָה, ווי שעהן, ווי רייצענד איהר זעהט היינט אויס!

ער האָט ביי די ווערטער א נעהם געטהאָן איהר האנד און א שטארקען דריק געטהאָן.

— מאקס!... — האָט זיך אסתר א קנייטש געטהאָן פון שמער־צען, ארויסרייסענדיג פון איהם די האנד — דער טייפעל זאָל אייך נעהמען! ס'וואָלט שוין צייט געווען איהר זאָלט ניט זיין אזוי משוגע!

מאקס האָט אויסגעשטעלט אויף איהר א פּאָר אויגען, מעשה אקטיאָר, און א זאָג געטהאָן שארף, מיט דעמזועלבען פריהערינען טאָן:

— ווער, איך משוגע? אָה, מיט דיין לעבען זאָלסטו דערפאר בעצאָהלען!

— איהר הויבט שוין ווידער אָן? — האָט זיך אסתר קאפּ־ריזנע געווערט — איך זאָל אזוי לעבען ווי איך וועל אייך אמאָל דערפאר אזוי בעליידיגען, אז איהר וועט מיך האָבען צו געדענקען!

— נעהמט א שטיקעל שאָקאָלאדע — האָט מאקס פון איהר ניט אָבגעטרעטען — וואס זאָל איך טהאָן, אז איך האָב אייך פּארט ליעב? איך זאָג אייך א שטיק געזונד קומט מיר צו ווען איך זעה

און שנעל ווי א בליץ, האָט ער זי ארומגעכאפּט ביי דער טאליע, א הויב געטהאָן אין דער הויך, און מיט אימפּעט אוועקגעזעצט אויף א ביינקעל.

— געהט, געהט! איך האָב פיינט אזעלכע חכמות! — האָט איהם אסתר מיט כעס פון זיך אָבגעשטויסען און איז געבליבען זיצען א ברוגז'ע.

אין א ווייל̇ע ארום איז מאקס צו איהר ווידער צוגעקומען, א קניפּ געטהאָן אין איהר באק, און איהר גענומען שטופּען א שטי־קעל שאָקאָלאדע אין מויל אריין.

אייך!

— אז איך וויל ניט קיין שאָקאָלאדע, קומט מיר עפּעס דער־פאר? — האָט זיך אסתר געלאַזט בעטען.

— וויל איך איהר זאָל יאָ נעהמען! — האָט זיך מאקס איינ־געשפּארט.

— איך האָב נאָך אין מיין לעבען ניט געזעהן אזא מאָדנע מענש ווי איהר זייט — האָט שוין אסתר גענומען רעדען ווייבער — אָל־רייט, לייגט אוועק אויפ'ן טיש וועל איך דאָס אליין נעהמען...

— דאָס געהט ניט! — האָט זיך מאקס ניט געוואָלט אונטער־געבען – נאָר פון מיין האנד אין מויל אריין מוזט איהר דאָס נעהמען! . . .

— אזוי? — האָט זיך אסתר גע'חן'דעלט, אויסשטעלענדיג דערביי די ליפען ווי צום קושען — אנדערש זייט איהר ניט גע־וואוינט פון דער היים אויס?...

און פלינק ווי א קאַטץ, האָט זי אין דער זעלבער רגע ארויס־געכאַפּט פון מאקס'ס האנד דאָס שטיקעל טשאָקאָלאדע, און איז דער־רייט אוועקגעלאָפען אין א ווינקעל.

— איהר כאַפּט גאָר? — איז איהר מאקס נאָכגעלאָפען און זיך מיט איהר גענומען רייסען — אין כאַפּערלעך געהט ניט ביי מיר! נאָר פון מיין האנד אין מויל אריין, מוזט איהר נעהמען! — נאָר פון מיין האנד!....

— דוקא וויל איך ניט! — האָט אסתר געסאַפּעט בעשיצענדיג זיך פון אלע זייטען.

— ווע׳לען מיר זעהן ווער ס'וועט אויספיהרען! — האָט מאקס שטארק הנאה געהאט פון דעם קאמפף.

און ראנגלענדיג זיך אזוי א קורצע ווייל, האָט ער זי מיט א מאָל א שטאַרקען ציה געטהאָן צו זיך, צוגעהאלטען איהר פעסט די הענד, און איהר א בים געטהאָן אין באק...

— אוי!... — האָט זי איהם פון זיך א שטופּ געטהאָן מיט א קוויטש, — אין דער העל אריין זאָלט איהר געהן מיט אייערע חכמות!...

* * *

אין יענעם אבענד איז אסתר אהיים געקומען פון „קענדי סטאָר" ווי א פערכשוף'טע. עס איז איהר עפּעס געווען אזוי גוט אויפ'ן הארצען, אז זי האָט אליין ניט געוואוסט וואָס מיט זיך צו טהאָן. אי־בערהויפּט האָט איהר ניט געקענט ארוים פון קאָפּ, מאקס'ס מאָדנע צוגעלאָזענקייט צו איהר; ער איז נאָך עפּעס קיינמאָל ניט געווען אזוי הארציג צו איהר ווי היינט...

אסתר איז א פּאָר מאָל שטעהן געבליבען א קעגען שפּיגעל, בעטראכט איהרע בלאַסע איינגעפאלענע באקען, וועלכע זיינען שוין

ערטערוויז, ווי דורכגעוועבט געוועזן פון דינע רינצלען; בעקוקט איהר פלאכע מאגערע ברוסט און עס האט איהר אויסגעוויזען, אז זי זעהט יעצט פאר זיך עפעס אן אנדערע אסתר — א שעהנערע, א לעבעדיגערע!

איין געדאנק נור, וואס האט יעדעס מאל איבערגעריסען איהר צופרידענע שטימונג, איז געווען, פארוואס זי האט מאקס'ען בע־ליידיגט. זי האט ניט בעדארפט צו איהם רעדען אזוי גראב, אזוי פרעך... אפשר מיינט ער טאקע מיט איהר אויף אן אמת? אפשר ליעבט ער זי?... ווען ער וואלט זי ניט ליעבען וואלט ער ניט גע־ווען אזוי צוגעלאזט... פארוואס שפאסט ער ניט אזוי מיט אנדערע? ווייניג מיידליך קומען אהין אריין?

און אסתר האט אין יענעם מאמענט געפיהלט, ווי אוועקצורופען מאקס'ען ערגעץ אין א שטילען פערבארגענעם ווינקעל, בעטען איהם ער זאל איהר ענטשולדיגען, און אויב ער מיינט מיט איהר אויף אן אמת, זאל ער זיך אביסעל האלטען פאר מעהר מענש; ניט טשעפען זי אזוי אפען... דער עיקר, ניט אויסשרייען אזוי יעדען אין די אויגען אז ער ליעבט זי... אן אמת'ע ליעבע, וויים זי, דארף זיין א שטילע; קיינער דארף דערפון ניט וויסען. זי געדענקט נאך פון דער היים, ווען זי איז נאך א יונגע מיידעל געווען, ווי צום פריץ'ס טאכטער, וועלכע האט ניט וויים פון זייער הויז געוואוינט — פלעגט קומען א געליעבטער. ער פלעגט שטיל מיט איהר אויפ'ן גאניק זיצען, גע־רעדט צו איהר אזוי גוט, אזוי צערטליך...

אין די זומערדיגע פארנאכטען, פלעגט זי, ניט איינמאל, ליעב האבען צו פער'גנב'ענען זיך דורך זייער גארטען, און צוהערען זיך ווי זיי רעדען, קוקען ווי זיי קושען זיך.. זי פלעגט זיי דאן אין האר־צען עפעס אזוי מקנא זיין...

2.

איינמאל, איז אסתר אהיים געקומען א גליקליכע!

ארויסגעהענדיג אין א געוויסען אבענד, פון „קענדי סטאר“, איז צו איהר פלוצלונג אונטערגעקומען מאקס, אנגענומען זי פארן ארים, און בעגלייט ביז אהיים.

— ווי פאלט איהר דאס אוים צו טהאן? — האט אסתר'ן געוואונדערט זיין פלוצלינגע ערשיינונג.

מאקס האט ביי די ווערטער נאך זיכערער ארונטערגערוקט זיין

האנד אונטער איהר אָרים, און געזאָגט מיט אַ געמאַכטען ערענסט:

— וואָס־זשע, איהר שעהמט זיך אפשר מיט מיר צו געהן?

אסתר האָט גלייכגילטיג אַ ציה געטהאָן מיט די אקסלען, און געענטפערט ניט זיכער:

— שעהמען ? — וואָס איז זיך מיט אייך צו שעהמען ?... פערקעהרט, אז איהר טרייבט ניט קיין קאטאָוועס האָב איך גאנץ ליעב מיט אייך צו רעדען... איך וויים, ביי אנדערע מיידלעך מאַכט דאָס אפשר ניט אוים — אַ שפּאַס איז אַ שפּאַס!... אמאָל אָבער דאַרף מען אליין פערשטעהן... אַ שטילען מענשען האָט יעדער ליעב... איך, דאַכט זיך, וואָלט פאר אַ שטילען מענשען אוועקגעגעבען די נשמה...

— וואָס מיינט איהר, — האָט זיך מאַקס ווי פערענטפערט

— אז מען מאַכט אמאָל אַ שפּאַס איז שוין אזוי געפעהרליך? גאָרנישט, וואָס מאַכט עס אוים?...

מאַקס'ם געלאַסענע האלטונג האָט אסתר'ן ווי פער'שכור'ט. די גאַנצע צייט וואָס זי איז מיט איהם געגאַנגען, האָט זי זיך געפיהלט ווי עפּעס אויף אַן אנדערער וועלט. עפּעס האָט זיך איהר יעצט געוואָלט מיט איהם רעדען אנדערש ווי געוועהנליך. שעהנער, איידעלער! וועגען אַזעלכע זאַכען, וואָס זאָל איהם בעווייזען אז זי איז ניט אַ פּראָסטע; אז זי פערשטעהט אויך עפּעס...

אָבער פון וואָס זי האָט געטראַכט צו רעדען, איז איהר אַלץ שווער געווען צו געפינען די פּאַסענדע ווערטער.

— ווען איהר וואָלט מאָרגען געהאַט צייט — האָט מאַקס מיט אמאָל איבערגעהאַקט איהרע געדאַנקען — וואָלט איך אייך „גע־טריט" אין טהעאַטער...

אסתר האָט אין מאָמענט אַליין ניט געוואוסט וואָס אויף דעם צו ענטפערען. מאַקס'ם ווערטער האָבען עפּעס פאַר איהר געקלונגען פרעמד, אונגלויבליך!

— איהר האָט שוין ניט פון וועמען חוזק צו מאַכען ? — האָט זי איהם געמאַכט אַ שפּאַסהאַפטען פאָרוואורף.

— וואָס עפּעס חוזק? — האָט מאַקס געמיינט גאַנץ ערענסט — אז איך זאָג „טריטען" איז „טריטען"! וואָס איז, ס'איז עפּעס אַזאַ שווערע זאַך? איך קום מאָרגען צו, געהען מיר אין טהעאַטער.

אסתר'ן איז ביי די ווערטער ווי דורכגעלאָפען אַ הייסער שטראָם איבער'ן גאַנצען קערפּער. זי האָט עפּעס דאָן אזוי פיעל גע־

פיהלט צו זאָגען, אזוי פיעל צו דערצעהלען — אַ ים מיט ווערטער האָבען זיך אין איהר גענומען מישען! א ים מיט געדאנקען! זי האָט מאקס'ען גענוי געוואָלט איבערפרעגען וואָס ער מיינט דער־מיט; אויב ער שפּאַסט ניט; דערצעהלען איהם אז זי איז אן אָרי־מע, אן עלענדע — אז אפילו קיין לייטיש קליידיל אַנצוטאָן האָט זי ניט... דעם גאנצען אמת! קיין זאַך פאר איהם ניט פערבאָרגען!

זי האָט אָבער אַליין ניט געוואוסט ווי אָנצופאנגען. דאָס הארץ האָט איהר עפּעס אזוי געקלאפּט, אזוי געשראָקען...

— אז איהר מיינט אויף אן אמת, גלויב איך אייך... — האָט זי מעהר געשטאמעלט ווי גערעדט — איך ווייס... אויב די מיסעס וועט מיר ערלויבען, קען זיין אז איך וועל אפשר געהן... איך ווייס אליין ניט. מיר איז נאָך עפּעס קיינמאָל ניט אויס־געקומען צו געהן אין אַ פּראָסטען אבענד אין טהעאטער... פונדעסט־וועגען, איך מיין אז די מיסעס וועט מיר ניט אָבזאָגען...

צוקומענדיג צום הויז, האָט זי מאקס אריינבעגלייט אין קאָ־רידאָר, אָבגעשטעלט זיך אביסעל מיט איהר, געלאָזט פאלען אַ פּאָר קאָמפּלימענטען און ניט פערפעהלט דערביי יעדעסמאָל אַ טשעפּע צו טהאָן זי מיט די הענד...

— געוועהנט זיך שוין אמאָל אָב פון דער טבע... — האָט זיך אסתר פון איהם גוטמוטהיג געווערט — וואָס פאר אַ מאָדנע מענש איהר זייט, באלד קריכט איהר מיט די הענד!...

— איך מוז אייך אַ קוש טהאָן! — האָט זיך מאקס גע'עקשן'ט.

און איידער אסתר האָט זיך נאָך צייט געהאט אַ ריהר צו טהאָן, האָט ער זי ראַפּטום ארומגענומען, און זיך איינגעגעסען אין איהרע באקען...

— געהט, געהט, — האָט זיך אסתר אביסעל פערשעהמט — איהר האָט א שלעכטע טבע!...

— יעצט קענט איהר שוין זאָגען וואָס איהר ווילט — האָט זיך מאקס געוויצעלט זיגרייך — אָבער אַ קוש האָב איך אייך גע־געבען? . . .

— אַ טייערע חכמה האָט איהר בעוויזען — האָט איהם אסתר געמאכט אַ סארקאסטישען פאָרוואורף — היינט קושט איהר מיך, מאָרגען וועט איהר קושען אן אנדערע...

— זאָל איך ביז מאָרגען ניט דערלעבען! — האָט איהר מאקס פערזיכערט מיט אַ שבועה.

— אז וואס?

— אויב איך האב נאך א חוץ אייך, אפילו איין מיידעל גע־קושט!...

— איך מעג מיר חאטש ווינשען די טויזענדער פאר יעדען מאל.

— און איך זאל האבען די מכות!...

— — — — — — — — — — — — — —

ביז שפעט אין דער נאכט איז אסתר אין יענעם אבענד אב־געלעגען אויף איהר געלעגער און אויף איהרע אויגען איז קיין שלאף ניט געקומען. אלעס, אויף וואס נור איהר בליק האט זיך אבגעשטעלט, איז איהר געווען ליעב און טייער. יעדע קלייניגקייט האט אין איהר ארויסגערופען א צופריעדענהייט.

— אז גאט וועט וועלען — איז איהר דורכגעלאפען א געדאנק — וועל איך נאך אפשר אין גיכען זיין א בעל־הבית'טע פאר זיך...

ביי דעם געדאנק האט זי געפיהלט, ווי עפעס אן אנגענעהמע לייכטקייט האט זיך איבער איהר הארצען צוגאסען.

ווי שעהן דאס וואלט געווען, ווען זי קומט אזוי מיט אמאל צו געהן צו איהרע לאנדסלייט, און דערצעהלט זיי אז זי איז א כלה געווארען... — האט זי זיך גענומען מאלען אין דער פאנטאזיע — מאקס וואלט איהר אודאי א שעהנעם פרעזענט געגעבען... קיין טייערע פרעזענטען וואלט זי פון איהם אליין ניט פערלאנגט. וואס ער וואלט איהר געגעבען וואלט זי צופרידען געווען. פון א גרויסער חתונה וואלט זי איהם אויך אבגעשלאגען. — ווענען האט זי דען דא איינצולאדען?... סיידען אפשר פון זיין צד... ער מוז דא אודאי האבען א גרויסע פאמיליע... — דער עיקר אבער וואלט ביי איהר געווען, איהר אייגענע היים וואס זי וואלט געהאט; איהר אייגען בעל־הבית'ישקייט. ווי גוט זי וואלט געפיהלט, ווען זי וואלט זיך אזוי געשטאנען ביי איהר אייגענעם אויווען, און פאר איהר מאן א מאכל געקאכט... ס'איז ביי־טאג, מאקס איז ביי דער ארבייט, און זי זיצט זיך איינע אליין אין איהרע שעהנע מעבלירטע צימערן. — אלץ איז איהרס — איהרס און מאקס'ס... איבער אלעמען איז זי די בעל־הבית'טע. יעדעס ווינקעלע איז ביי איהר ריין, ציכטיג — יעדע קלייניגקייט איז ביי איהר אבגעהיט ווי אן אויג אין קאפ! גוט פאר־צעלייען געשיער, האלט זי אויסגעשטעלט אויף א העכערע פאלי־צע; גוטע גלעזערנע „סעטס" אין „פראנט־רום" אויף דער „ביורא" — בענוצט דאס בלויז פאר א „נאוועגע"; ווען געסט קומען...

ביי־טאָג, ווען מאַקס איז ניט אין דער היים, איז איהר אביסעל אומעדיג. באלד אָבער ווערט איהר פרעהליך; מאַקס קומט פון דער ארבייט, זיי זעצען זיך ביידע ביים טיש, עסען פון איין טעלער — מאַקס, שארט איהר צו מעהר א שטיקעל פלייש, זי, איהם, זיי צואווערטלען זיך אמאָל דערפאר, ווערען אויף א קאטאָוועס ברוגז... אָבער באלד ווערען זיי ווידער גוט; פוצען זיך אויס, און געהן זיך, אָרים אין אָרים, שפּאצירען איבער דער גאַס. — דאָס איז מיין מאַן — שטעלט זי איהם פאַר פאַר בעקאַנטע...

פערזונקען אין א זעלכע מחשבות, האָט אסתר צוגעמאכט די אויגען, איינגעגראָבען דעם קאָפּ אין קישען, און טיעף אין איהר הארצען האָט עפּעס געגומען נאָגען אזא בענקשאפט — א בענקשאפט וואָס זי האָט נאָך קיינמאָל ניט געפיהלט!

מאַקס!... — האָט יעדעסמאָל ווי א זיס שלאָף־ליעד פון א צערטליכער מוטער דורכגעבליצט איהר מח — פאַר מאַקס'ען וואָלט זי יעצט איהר לעבען אוועקגעגעבען; מיט דעם לעצטען ביסען זיך געטיילט!...

3.

אין דער צייט וואָס אסתר איז געגאַנגען מיט מאַקס'ען אין טהעאטער האָט זי געפיהלט ווי יעדעס אבר וואָלט זיך אין איהר געפרייהט! עפּעס האָט זיך איהר געוואָלט אז יעדער זאָל זי יעצט זעהן! די גאַנצע וועלט זאָל וויסען אז זי געהט מיט מאַקס'ען! איהר אָרט שטילע דרך ארץ'דיגע האַלטונג האָט עפּעס ווי אראָפּגערעדט פון איהר; געבעטען זיך ווי מיט שטומע הארציגע ווערטער: — פערלאָז מיך ניט; דו וועסט זעהן ווי געטריי איך וועל דיר זיין; וועסט זעהן וואָס פאַר א גוטע בעל הבית'טע איך בין...

אויסער דעם האָט אסתר'ן זעהר הנאה געטאָהן, וואָס די מיסעס האָט אפילו קיין צוויי ווערטער ניט איבערגערעדט, ווען זי האָט זי געבעטען זי זאָל איהר היינט ערלויבען צו געהן אין טהעאטער.

— וואָס עפּעס אין א פּראָסטען מיטען וואָך אין טהעאטער?

— האָט זי זיך בלויז געוואונדערט.

די פראגע האָט אסתר'ן געבראכט אין א מאָדנע פערלעגענהייט.

— איך וויים אליין ניט — איז איהר שווער געווען צו זאָגען דעם אמת — איך האָב זיך גראָדע געטראָפען מיט א גוטען בעקאַנטען האָט ער מיך צוגעזאָגט צו „טריטען"...

— אפשר שוין מיט א חתן? — האָט די פרוי געפרופט ביי איהר דערגעהן.

די לעצטע ווערטער האָבען אסתר'ן געטראָפען אין סאמע האַר־צען. עפּעס האָט איהר אויסגעוויזען ווי אַן אייגענע מוטער וואָלט יעצט צו איהר גערעדט. דער פרוי'ס גוטמוטהיגקייט האָט זי אזוי צוגעצויגען, אַז זי האָט זיך פון צופרידענהייט קיין אָרט ניט געקענט געפונען.

— איך ווייס... — האָט זי זיך שוין בעמיהט צו רעדען אבי־סעל אָפּענהערציגער — וואָס קען איך נאָך דערוויל ווייסען? מיט אבי ווען וועמען וואָלט איך ניט געגאַנגען... ווען איהר וואָלט איהם זעהן, וואָלט איהר מיך אַליין אויך ניט אָבגעראטהען... ער זעהט אויס זעהר א וואוילער יונגער מאַן; טראָגט א גאָלדענע „וואַטש־און־טשיין", א רינג, — מ'לויבט איהם פאַר זעהר א גוטען פערדינער...

נאָך דיעזען געשפּרעך, האָט עס שוין אסתר'ן ניט געלאָזט רוהען. זי איז יעדעסמאָל שטעהן געבליבען א קעגען שפּיגעל, גע־גוידערט זיך, געפּרופט אלע מאָל אויסלייגען איהרע האָר אין אַנדערע פריזור, נאכהער, האָט זי געעפענט איהר קופערט, וועלכער געפינט זיך אין א ווינקעל פון קיך, און גענומען בעטראַכטען איהרע ביידע „וויסטלעך" וואָס זי פערמאָגט — א בלויע, און א ראָזע — און עס איז שווער געווען צו בעשליסען, וועלכע זי זאָל היינט אָנ־טאָן. ענדליך האָט זי בעשלאָסען — די ראָזע. די בלויע איז אפילו מעהר מאָדערנע, די ראָזע אָבער פּאַסט איהר בעסער. מאַקס האָט דאָס איהר אויך אמאָל געזאָגט...

איין זאַך נאָר מיט וואָס אסתר איז ניט זעהן צופרידען געווען, איז מיט איהר אָבגעטראָגענעם „העט", וועלכער איז איהר אקעגען ש יגעל גאָרניט געפעלען געוואָרען. זי האָט איהם אפילו פריהער, כמעט איינגאנצען איבערגעארבייט; אויסגעפּרעסט די באַנד, אויפ־געפרישט די בלומען — פון אַלט נייַ אָבער, קען מען ניט מאַכען... די מיסעס האָט איהר אפילו אָנגעבאָטען צו לייען איהרען א „העט", האָט זי דאָס אָבער אליין ניט געוואָלט. זי האָט אמאָל בגנבה אָנ־געמאָסטען דער מיסעס א „העט", האָט זי אויסגעקוקט צו אלט...

* * *

די גאַנצע צייט וואָס אסתר איז געזעסען מיט מאַקס'ען אין טהעאטער, האָט זי זיך געפיהלט ווי עפּעס א פרעמדע, אַן איבעריי־גע! יעדעס מאָל וואָס מאַקס האָט אויף איהר א קוק געטהאָן, האָט

איהר אויסגעוויזען אז עפּעס האלט זי זיך ניט ווי עס בעדארף צו זיין; עפּעס איז ביי איהר ניט אין אָרדענונג...

מעהר ווי אַלעס האָט איהר דערקוטשעט דער „העט", וועלכען זי האָט די גאַנצע צייט געהאלטען אויף איהר שויס. עס איז ביי איהר קיין צווייפעל ניט געווען אז מאקס שעהמט זיך יעצט מיט איהר צוליעב דעם... געהענדיג אין טהעאטער האָט ער עפּעס אויף איהר יעדעסמאָל אזוי מאָדנע געקוקט...

ביי דעם געדאנק האָט אסתר בעשלאָסען, אז פון יעצט אָן, וועט זי שוין אָנהויבען אויף זיך אביסעל מעהר אכטונג צו געבען. סטאַרען זיך צו געהן אָנגעטאָן אביסעל לייטישער; ניט זיין אזוי אָבגעלאָזען!... נאָר דאָס ערשטע וועט זי מוזען אַ טראכט טהאָן וועגען עפּעס אַ שעהנערען „העט"...

געהענדיג פון טהעאטער איז מאקס פריהער אריין מיט זיין בעגלייטערין אין אַ קאפע הויז, טראקטירט זי מיט עפּעס, נאכהער איז ער מיט איהר שטעהען געבליבען נעבען אַ האָטעל און איהר געמאכט אַ פאָרשלאָג זי זאָל מיט איהם אריין געהן אין אַ בעזונדערען צימער...

אסתר'ן האָבען די ווערטער אַ ציה געטהאָן אין הארצען...

— וואָס רעדט איהר? — האָט זי אויף איהם געגומען קוקען פערדעכטיג און צושראָקען — איהר שפּאסט?...

— געהט, מאכט זיך ניט תם'עוואטע — האָט מאקס אַ זאָג געטהאָן מיט אַ וואויל־יונגעשער גלייכגילטיגקייט — קומט ארויף און געגוג! וואָס זייט איהר אַ קינד?...

— הערט אויף! — האָט זיך אסתר ביי איהם גענומען בעטען אַ פערביטערטע — איהר דארפט צו מיר אזוי ניט רעדען... איהר דארפט דאָס אליין פערשטעהן...

— זייט ניט קיין נאַר — האָט שוין מאקס צו איהר גענומען רעדען מיט אַ ליבליכער ווייכקייט — ווער וועט דען וויסען דערפון? מיר וועלען דאָרט צוזאמען פערברענגען, אמוזירען זיך — קומט, — האָט ער זי גענומען ציהען ביי דער האנד — איהר וועט זעהן ווי עס וועט אייך ניט באנק טאָהן... איך וועל אייך נאכהער אַ שעהנעם פרעזענט קויפען — איך וועל אייך קויפען וואָס איהר וועט נאָר אליין וועלען!...

אסתר האָט ענדליך פערשטאנען איהר ביטערען טעות, און זי איז שטעהן געבליבען ווי אַ דערשלאָגענע!

— פאָלגט מיך און קומט אהיים — האָט שוין איהר קול גענר־מען ציטערען מיט טרערען — ס'איז ניט שעהן פון אייך... ס'פּאסט ניט... ניט פאר אזעלכען האָב איך אייך געהאלטען — ניט פאר אזעלכען...

זי האָט זיך ביי די ווערטער מעהר קיין אָרט ניט געקענט גע־פונען. די טרעהרען האָבען זי גענומען שטיקען און זי איז פון איהם אוועק ווי מיט אונטערגעהאקטע פיס...

.1910

חתן-כלה

זינט פריידעל איז א כלה פאר איהר מאררים'ען, פערשאפט ער איהר מיט קיין שום זאך ניט אזא פערגעניגען, ווי אז ער זעצט זיך לעבען איהר אוועק אין איהר בעזונדערען צימערעל און לעזט איהר פאר דעם ראמאן פון דער צייטונג.

לעזען קען זי אפילו אליין אויך; אליין אבער אז זי לעזט, פיהלט זי ניט אזא טעם. ערשטענס איז איהר אביסעל שווער צו לעזען אהן נקודות, און צווייטענס האט זי פשוט ליעב מאררים זאל פאר איהר לעזען. עפעס אז ער לעזט, איז יעדעס ווארט אויס־צוקושען. עס קומט איהר איינפאך צו א שטיק געזונד. ווען מען וואלט איהר צונויפטשעפען דריי טעג מיט דריי נעכט, וואלט זי זיצען און הערען איהר מאררים'ען לעזען.

דיעזען פערגעניגען אבער, געניסט פריידעל בלויז פון איין פרייטאג־צו נאכט'ס צום צווייטען. יוייל ערשטענס איז מאררים די גאנצע וואך פערנומען ביי דער ארבייט, און צווייטענס האט זי ניט ליעב צו לייענען קיין קורצע „שטיקלעך“.. ווי נאר זי ווערט שטארק פעראינטערעסירט, גיט מען א האק אב!... דאס מאכט זי ניט איינמאל אזוי בייז, אז זי וואלט דעם פערפאסער צוריסען אין שטיקער!

זאמעלט פריידעל פון א גאנץ וואך די צייטונג און פרייטאג צו נאכטס לעזט איהר מאררים פאר אלע פארטזעצונגען אויף אמאל.

איידער זיי זעצען זיך צום לעזען, ווערט פריהער אלעס צוגעגרייט, כדי קיין שום זאך זאל בשעת דעם לעזען ניט שטערען. — דער חתן קוקט איבער די פארטזעצונגען, זעהט נאך אויב זיי זיינען גלייך צונויפגעלייגט, אויב ס'פעהלט ניט, פריידעל צינדט אן א ליכט און שטעלט אוועק אויף דעם טישעל וואס געפינט זיך נאהענט נעבען איהר בעט — זי קען אפילו ברענען די גאז, וויל זי דאס אבער אליין ניט. זאלען די מענשען, ביי וועלכע זי וואוינט, ניט האבען צו איהר קיין טענות, אז זי ברענט אויס צופיעל גאז...

די גאנצע צייט וואס מאררים לעזט, זיצט פריידעל נעבען איהם ווי א צוגעשמידטע! שלינגט מיט א בעזאנדערער אויפמערקזאמקייט יעדעס ווארט וואס קומט פון זיין מויל ארויס.

א חוץ דעם, האט פריידעל טאקע שטארק הנאה פון דעם ראמאן גופא. זי איז נאך פון קיין ראמאן ניט אזוי געריהרט געווארען,

ווי פון דיעזען! איינפאך, עס צושרויפט איהר יעדעס אבר! ניט איינמאל ניט עס איהר אזא נעהם פאר'ן הארצען, אז זי קען זיך ניט איינהאלטען פון טרעהרען...

— ווייסט, מאררים — בעדויערט זי אפט נאך'ן לעזען דעם העלד פון'ם ראמאן — מיט קיינעם איז ניט אזא מיטלייד ווי מיט דעם גראף... אה, וואס דער מענש האט שוין נעבעך איבערגעליטען!

— און אמאליא?... — סימפאטיזירט מאררים מיט דער העלדין — זי ליידעט וויינינ?... פריהער האט איהר ניט אויפגעהערט צו פערפאלגען דער ציגיינער, און יעצט ליידעט זי ווידער פון דער העקסע...

— זי האב איך אין דר'ערד! — ערוויעדערט פריידעל מיט עקעל צו דער אינטריגאנטקע — פון דער העקסע זאלסטו מיר ניט רעדען! אזא שטיק מיאוסקייט, איבעראל איז זי דא מיט איהר פאסקודנעם פיסק!... ווער האט פערראטהען דעם גראף, אז ניט זי?... זי האט ניט געשווארען אז זי האט אליין געזעהן ווי ער האט ערמארדעט דעם ציגיינער?...

דיסקוטירענדיג אזוי א לענגערע צייט וועגען דעם ראמאן, געהט זייער געשפרעך געוועהנליך איבער וועגען זייער אייגענעם חתן־כלה־לעבען.

— איך וואלט געוואלט וויסען וואס דאס איז? — פרעגט פריידעל איהר חתן מיט צערטליכקייט — יעדעס מאל ווען עס קומט מיר אויף דער מחשבה דער גראף, דאכט זיך מיר נאר אז ער זעהט אויס ווי דו...

— מיר זאלעןביידע אזוי גליקליך זיין, ווי די זעלבע זאך אין מיט מיר! — כאפט מאררים אונטער מיט הנאה — מיר האט זיך נאך קיינמאל ניט פארגעשטעלט, אז אמאליא זעהט אויס אנדערש ווי דו....

— ניט איינמאל, ווען איך ליג ביינאכט אויפ'ן געלעגער — רעדט פריידעל ווייטער — נעהמט זיך מיר עפעס פלאנטערען אזעלכע טרויעריגע מחשבות... מיר שטעלט זיך אפט פאר, אז איך זעה דיך זיצען אין געפענגניס... דיין פנים איז בלאס, אויף דיינע הענד הענגען שווערען קייטען, און דו בעטסט, מען זאל דיך ראטעווען... עס ווערט מיר דאן עפעס אזוי אומעטיג אויפ'ן הארצען... מיר קומט פאר, ווען אזא זאך וואלט חלילה מיט דיר געטראפען אויף אן אמת, וואלט איך דאס ניט אויסגעהאלטען!...

מאַררים ווערט געריהרט פון די ווערטער און ער בעדעקט דער־פאַר זיין כלה מיט ווארימע קושען...

— ווייסט וואָס איך קלעהר? — זאָגט ער איהר אין א ווײלע ארום מיט צערטליכקייט — איך רעכען, אז גאָט וועט געבען איך וועל האָבען א גוטען סיזאָן, וועלען מיר אפשר א טראכט טאָהן וועגען א שעהנעם חתונה־האָלל...

פריידעל שפאַרט דאן אָן איהר קאָפּ אויף זיין אַקסעל און שווייגט. מאַררים'עס ווערטער לייגען איהר עפּעס א שווערקייט אויפ'ן הארצען... ווען זי וואָלט יעצט מיט איהר מאַררים'ען ביי איהרע עלטערען אין דער היים געווען, וואָלט זי זיך געפיהלט פיעל גליקליכער ווי דאָ. דאָס קליינע דערפעל אין וועלכען איהרע על־טערן וואוינען, איז איהר נאָך עפּעס אזוי איינגעבאקען אין הארצען... ווענען האָט זי דאָ א חוץ איהר מאַררים'ען?... זי וועט חתונה האָ־בען, און טאטע־מאמע וועלען אפילו ביי איהר חתונה ניט זיין.... פרעמדע וועלען זי צו דער חופה פיהרען...

און אַלעס וואָס איז נאָך אָבגעדרוקט אין איהר געדעכעניש פון איהר אַלטער ליעבער היים, שווימט יעצט קלאָר און דייטליך ארוים אין איהר מח; וועקט אין איהר א טיעפע בענקשאפט.

— אה — טהוט זי א זאָג מיט הארץ — ווען אונזער חתונה וואָלט אָבער געקענט זיין אין דאָרף; אין דער היים...

— פאַר וואָס עפּעס אין דער היים? — קען מאַררים ניט פער־שטעהן.

— איך וויים אַליין ניט — איז פריידלען שווער צו ערקלעהרען — אין דער היים א חתונה האָט עפּעס גאָר אן אנדערן טעם! אין דעם טאָג פון דער חתונה איז עפּעס פרעהליך אין יעדען ווינקעלע... עס האַלטען זיך אין איין צונויפקומען מחותנים, קרובים, די קלעז־מער געהן ארום צווישען דער משפּחה; בעשיינען יעדען מיט אן אָב־שפּיעל — עס פיהלט זיך עפּעס דאן אזא גוטקייט אויפ'ן הארצען...

— וואָלסט בעדאַרפט זיין ביי מיינער א שוועסטער'ס חתונה!

— רעדט פריידעל ווייטער מיט שטאָלץ—אזא חתונה וועל איך שוין, דאכט זיך, קיינמאָל ניט זעהן! די נאכט איז דאן געווען א זומער'־דיגע, די לבנה האָט געשיינט; דער טאטע האָט דאן אין דרויסען פאַר די מחותנים בענק אויסגעשטעלט, פאַר די קלעזמער געבען א בוים פלאץ געמאכט, און די גאנצע משפּחה האָט זיך אויפ'ן פרייעם פעלד משמח געווען; אַלע אינאיינעם אין איין ראָד געטאַנצט...

אז פריידעל צורעדט זיך פון דעם היימישען לעבען, לייגט זיך מאַררים'ען אויף עפּעס א בענקשאַפט אויפ'ן הארצען. אמאָל, גע־דענקט ער, האָבען זיינע עלטערן אויך אין א דאָרף געוואוינט. ער האָט שוין כמעט באלד פערגעסען ווי דאָס דאָרף האָט אפילו אויס־געזעהן. ער איז נאָך דאַן א אינגעל געווען; צו צוועלף יאָהר האָט מען איהם שוין אין שטאָדט צו א בעל מלאכה אוועקגעגעבען...

פונדעסטוועגען, אז ער גיט זיך א דערמאָן אָן יענער צייט, וואָלט זיך איהם נאָך אמאָל זעהר געוואָלט זיין אין דער היים.

— אז גאָט העלפט, מ'איז גוט אָב — בעמערקט ער דער כלה מיט א טרויסטענדען טאָן — קען מען זיך אמאָל מאכען א לוסט־רייזע קיין יוראָפּ...

פריידעל ווערט מיטגעריסען פון דעם געדאנק, און זאָגט:

— שטעל דיר פאָר, ווען מיר קומען זיך אזוי ביידע אהיים... אונזער גאנצע משפחה וואָלט זיך דאַן אין אונזער הויז צונויפגעקו־מען; די מאמע וואָלט אונז דעם גאנצען אלקער אָבגעגעבען; דער טאטע וואָלט מיט דיר איבערן דאָרף ארומגעגאנגען, אין שטאָדט אריין דיך געפיהרט — „מיין טאָכטער מיטן מאן זיינען פון אמעריקא געקומען", וואָלט ער זאָגען...

ביי אזעלכע ווערטער בלייבט מאָררים זיצען ווי פער'חלום'ט. פריידעל'ס רייד צונעהמען איהם אזוי, אז ער וואָלט זי פאָר ליעב־שאַפט איינגעשלונגען, אויף די הענד זי גענומען; ווי מיט א קליין אונשולדיג קינד זיך מיט איהר געשפּיעלט!

ער נעהמט זי דאַן מיט ליעבשאפט ארום, בעדעקט איהר געזיכט מיט אונצעהליגע קושען, און וואגט דערביי מיט איינגעהאלטענקייט צו בעריהרען איהר נאקעטע ברוסט...

פון אזא בענעהמונג ווערט פריידעל שטאַרק פערשעהמט... קיין ערגערע זאך וואָס זאָל פערשעהמען איהר מיידעלשען כבוד, קען זי זיך קיינמאָל ניט פאָרשטעלען!...

— טהו דאָס ניט — ווערט זי זיך פון איהם א ביסעל ברוגז'־לעך — טהו דאָס ניט... ס'זעהט ניט שעהן אויס...

מאָררים פיהלט זיך ביי די ווערטער אביסעל שולדיג און ער בעהאַלט דערביי, ווי א קינד, דעם קאָפּ אויף זיין כלה'ס ברוסט....

— ס'מאכט ניט אויס — פערענטפערט ער זיך מיט ליעבע — ס'מאכט ניט אויס... ביזטו דען ניט מיין כלה?... ווען מיר דען ניט ביידע חתונה האָבען?...

פריידעל פיהלט דעם חתן'ס איבערגעבענהייט צו איהר און זי בלייבט זיצען ווי פער'שכור'ט פון ליעבע...

— נאַשער!... — מאַכט זי איהם בלויז אַ שפּאַסהאַפּטען פאַר־וואורף — ביזט אזא נאַשער...

און ביידע שליסען זיך דערביי צוזאַמען אין איין הערצליכען אומארמען: אין איין נשמה'דיגען ליעבעס־אויסגוס!

— מיין טהייערער גוטער מאַררים! — פערליערט זיך דורך דער שטילקייט אַן אנגענעהם שעפּטשען.

— מיין טהייערע זיסע פריידעל!...

אין אזא פּאַזע זיצט דאָס פערליעבטע פּאַרעל אָפטמאָל אזוי לאַנג, ביז דאָס ליכט פאַנגט אָן צאַנקען... דאָס קליינע ליכט־פלאַ־מעל ווערט אונרוהיגער, דונקעלער; אָט הילט עס איין דאָס קליינע צימערעל אין אַ פינסטערניש, אָט אין אַ ליכטיגקייט; פערשלינגט און בעשאַפט יעדעס מאָל נייע שאַטענס אויף די ווענט...

— ס'איז שוין שפּעט... — רייסט פריידעל איבער די שטי־מונג — ס'פּאַסט ניט... איך וואוין ביי פרעמדע מענשען...

— באַלד — טוליעט זיך צו איהר מאַררים ווי אַ קינד — נאָך אביסעלע, נאָך אַ פּאָר מינוט... ס'איז אזוי גוט לעבען דיר צו זיצען...

זייערע ווערטער קומען עפּעס דאַן אַרויס אזוי וואַרים, אזוי ווייך — מיט אַ הארציגער ווייכקייט זיינען זיי אָנגעפילט; מיט אַ נשמה'דיגער איבערגעבענהייט!

— דו קומסט מיר יעצט פאָר ווי דער גראף אין דער שטורעמ־דיגער נאַכט... שפּאַסט פריידעל דערמאָנענדיג זיך אָן אַ סצענע פון'ם ראָמאַן...

— געדענקסט? — געפעהלט מאַררים'ען דער פערגלייך — אין יענער נאַכט האָט ער דאָס דעם ציגיינער ערמאָרדעט...

— איך וועל, דאַכט זיך, קיינמאָל אָן יענער סצענע ניט פער־געסען...

— די גאַנצע נאַכט האָט ער דאַן אין אמאַליא'ס קאַבינעט פערבראַכט...

— ער האָט איהר דאַן ביי דעם בילד פון זיין פערשטאָרבענעם פאָטער אייביגע ליעבע געשוואָרען...

— — — — — — — — — — — — — — — —

אין דעם ענגען פיער־ווינקעלדיגען צימערעל איז אין דער צייט אַ ליעבליכע שטילקייט אויסגעגאָסען — אַ מין הייליגקייט! אלעס

אַטהעמט מיט ליעבע! יעדעס ווינקעלע ווינקט מיט שטומע ליעבליכע בליקען; ערצעהלט פון בענקענדע נשמות, פון עהרליך ליעבענדע הערצער...

און דאָס ליכט צאַנקט, צאַנקט... דאָס פלאַמעל ווערט אַלץ אונרוהיגער, שוואַכער; די שאָטענס אויף די ווענט דונקעלער, געהיימניספאָלער... קוקען אוים, ווי ערגעץ פון אונטער דער ערד וואָלטען יעדעס מאָל גרויע איינגעהילטע פיגורען ארויסגעקראָכען און זיך אין די קליינע צימער־ווינקלען אין בעהעלטניש געשפיעלט...

.1909

ליעבעס-קלאנגען

א זומער פריה-מארגען.

דאס יונגע פאר פאלק איז נאך געלעגען אין זייער שלאף-ציר מער אין א זאנפטען שלאף. שטיל האט א קיהל ווינטעל בעוואויגען דעם פארהאנג איבער'ן אפענעם פענסטער; שטיל און דייטליך האט זיך געהערט דער טיק-טאק פון א זייגער, און נאך שטילער איז אין א ווינקעל זייער קאנאריק אין זיין שטייגעל געזעסען.

באלד אבער האט די שטילקייט אנגעהויבען לאנגזאם איבער־געריסען צו ווערען. פליגען האבען גענומען זשומען, דער קאנאריק האט זיך אין זיין מארגען געזאנג צוגאסען, און דורך דעם פערהאנ־גענעם פענסטער האט זיך ערגעץ דורך א שפעלטעלע אריינגע'גנב'עט א שמאלער פאס שטראהלען פון דער ערשט אויפגעהענדער זון און שטיפעריש גענומען טאנצען אויף די פנים'ער פון דעם יונגען פאר פאלק.

מאליע, די יונגע פרוי האט זיך די ערשטע אויפגעכאפט.

זי ליגט מיט אפענע אויגען און קוקט פאר זיך. זי וואלט נאך זעהר געוואלט שלאפען, קען זי אבער ניט; די אונארדנונג, וואס זעהט זיך ארוים פון עס-צימער, דורך דער אפענער טיר, לאזט זי ניט שלאפען. זי וואלט שוין געוואלט זעהען אלעס אויסגעשטעלט אויף אן ארט: אלעס זאל זיין ריין. אויפשטעהן אבער קען זי ניט. עפעס א גאנצע מאסע ליגט איהר אויפ'ן קאפ.

איבערהויפט לאזען זי ניט שלאפען די איינדריקע פון'ם נעכ־טיגען אבענד: נעכטען איז צוויי וואכען געווארען, אז זי האט חתונה געהאט מיט איהר בעני'ן; נעכטען האבען זיי פאר זייערע פריינד א „פארטי" געמאכט.

און ווי פון א דיקען פלאנטער שוועבען פאר איהר יעדעסמאל פארביי אנדערע איינצעלהייטען פון'ם נעכטיגען אבענד; איינדריקע לעבען אפ אין פערשיעדענע בילדער, און ווערען באלד פערשוואונדען.

איין בילד נאר בלייבט ווי איינגעקריצט אין איהרע געדאנקען, — דאס איז מערי. יעדעס מאל, וואס איהרע בליקען שטעלען זיך אפ אויפ'ן קאנאריק, דערמאנט זי זיך אן איהר — דאס האט זי איהר דעם פרעזענט געגעבען. אין יעדען ווינקעל, דאכט זיך איהר, זעהט זי זי; איבעראל שוועבט זי ארום מיט איהר געדיכטען בלאנ־דען קאפ האר; איבעראל זעהט זי איהר שטעכיגען בליק...

איבערהויפט קען איהר ניט ארויס פון געדאנק די נעכטיגע „קיסינג גיים“. ווי אלע האבען זיך געריסען נאר „זי“ צו קושען.

אויף קיינעם אבער אארט איהר ניט אזוי, ווי אויף איהר בעני'ן... ער האט זי ניט בעדארפט קושען... ניט אזוי צוליעב איהר, ווי צוליעב אנדערע, צוליעב די, וועלכע וויסען, וואס פאר א נאהענטע פערהעלטניסע צווישען איהם און מערי'ן איז געווען...

אמת, „זי“ האט איהם פריהער געקושט... נאר אז עס איז אויסגעקומען זיין רייהע, האט ער זי אויסגעקליבען די ערשטע.

דעם אמת זאגענדיג, וויים מאליע, אז די גאנצע זאך דארף זי ניט אנהויבען צו אארען; זי וויים, אז איהר בעני וועט זיך אין קיין אנדערע ניט פערליעבען; זי איז זיכער, אז ער איז איהר איבערגעגעבען מיט דעם גאנצען פייער פון זיין נשמה. נאר פאר וואס עס גיט איהר עפעס אזא ציה אין הארצען, ווען זי דערזעהט מערי'ן, קען זי אליין ניט פערשטעהן. עפעס פיהלט זי ווי עס וואלט אין איהר פלוצלונג ערגעץ א שטיל פייערעל אויפגעגליהט... און זעהען זעהט זי זי אזוי אפט... זייט זי איז פערהייראטה, איז זי כמעט יעדען טאג א גאסט ביי איהר — און אימער פונקט אין דער צייט, ווען בעני איז אין דער היים...

דער קאנאריק צולאזט זיך אין אן אנגענעהמען טרעלען, און רייסט איבער איהרע געדאנקען.

מאליע שטעלט אב איהרע בליקען אויף דעם שטייגעל און זי דערפיהלט עפעס אין דעם מאמענט אן אבשיי צו דעם פויגעלע. ווען זי וואלט ניט מורא האבען פאר בעני'ן, וואלט זי געעפענט דאס טירעלע פון שטייגעל, און דאס פויגעלע דורכ'ן פענסטער ארויסגעלאזט... זי קען עס ניט ליידען; זי קען ניט פערטראגען, ווי עס גרילצט...

זי ווענדעט אום איהרע בליקען, און פערקוקט זיך אויף איהר בעני'ן; קוקט אויף זיינע צושויבערטע האר, פון וועלכע א טהייל ליגען צוואורפען אויף זיין ברייטען שעהנעם שטערען; בעטראכט זיין געזונטע פולע ברוסט, וועלכע בעוועגט זיך ארויף און אראב אין א רוהיגען אטהעמען, און עס ערוועקט זיך אין איהר א פערלאנג איהם אויפצואוועקען. זי וואלט וועלען, ער זאל יעצט קוקען אויף איהר מיט זיינע ליעבליכע אויגען, אויסדריקען זיין ליעבע צו איהר... זי ליעבט ניט צו קוקען, ווי ער שלאפט; אז ער שלאפט, זעהט ביי איהר אויס, ווי ער וואלט זיין מיט איהר ברוגז. און אפשר חלום'ט ער גאר איצט פון מערי'ן...

— בעני — נעהמט זי איהם וועקען אין אַן איינגעהאַלטענעם אטהעם — שלאָפסט, בעני̇נקע?...

בעני ציהט שווער אָפּ דעם אָטהעם, עפענט זיינע פערשלאָפענע אויגען און פרעגט:

— שלאָפסט גאָר ניט, מאַלינקע?

— ניין — ענטפערט מאַליע, אַ קוש טהוענדיג זיינע ליפּען — שוין אפשר אַ שטונדע, אַז איך האָב זיך אויפגעכאַפּט און קען מעהר ניט איינשלאָפען.

— אודאי אַ שלעכטען חלום געהאַט — שמייכעלט בעני.

— און דו אודאי אַ גוטען — פּרוביערט מאַליע טרעפען.

— אַן וואָס דערקענסטו?

—ווייל דו ביזט געשמאַק געשלאָפען.

— פּונקט פערקעהרט, כ׳האָב גראַדע געהאַט אַ שלעכטען חלום.

— אוי, וואָס רעדסטו?

— אַזאַ טרויעריגער חלום — ווערט בעני ערנסט — כ׳האָב געמיינט, איך ווער צוגאָסען פון וויינען.

— אַזאַ טרויעריגער חלום? — ווערט מאַליע שוין נייגעריג.

— זעהר אַ טרויעריגער.

— דערצעהלט מיר, בענעלע — בעט זיך ביי איהם מאַליע — פון וואָס האָט זיך דיר גע׳חלום׳ט?

— טאַקי פון דיר...

— פון מיר?

— יאַ.

— וואָס?

— וואָס וועט דיר אַרויסקומען, אַז דו וועסט וויסען?

— גאָר ניט! האָסטו מיך ניט געזאָלט נייגעריג מאַכען.

— עס האָט זיך מיר גע׳חלום׳ט — דערצעהלט בעני — אַז דו ביזט קראַנק געוואָרען.

— נו?...

— האָב איך דיך געפרעגט, וואָס עס פעהלט דיר, האָסטו זיך צוּוויינט, אַז דו ליעבסט אַן אַנדערען...

— חאַ־חאַ־חאַ! — צולאַכט זיך מאַליע — זאָג דעם אמת, ס׳האָט דיך עפּעס שטאַרק פערדראָסען?...

— אוי, האָב איך געוויינט! — מאַכט בעני אַ טרויעריגע מינע — כ׳האָב ערשט דאַן דערפיהלט, ווי היים איך ליעב דיך...

— פון דעסטוועגען, ווען דאָס וואָלט פּאַסירט אין דער ווירק־ליכקייט — שפּאַסט מאַליע — מיין איך, אַז עס וואָלט דיך אַזוי שטאַרק ניט געאַארט...

ווי גלייכגילטיג דו רעדסט — פּערדריסט בעני'ן — וואָס רעדסטו אַזוי מאָדנע? תמיד מאַכסטו מיר שווער מיין האַרץ מיט אַזעלכע ווערטער!

— ס'איז אפשר ניט אמת?...

— מסתמא פיהלסטו עס אַן זיך...

— איך וואָלט נאָר געוואָלט וויסען, אויב דו ליעבסט מיך מיט'ן גאַנצען האַרצען — רעדט שוין מאַליע ווייכער.

— כ'האָב נאָך קיינמאָל אַזוי אמת ניט געליעבט.

— מערי'ן אויך ניט?...

— פון איהר איז אָפּגערעדט.

— האָסט מיר אליין אַ מאָל געזאָגט, אַז דו האָסט זי זעהר געליעבט...

— בלויז אַלס שטיפערקע, האָב איך דיר געזאָגט — פּרובירט זיך בעני פערענטפערען — כ'האָב בלויז ליעב געהאַט מיט איהר די צייט צו פערטרייבען; קיינמאָל אָבער ניט אַלס אמת'ען פריינד.

— פאַר וואָס?

— ווייל איך האָב אין איהר ניט געפונען דאָס, וואָס איך האָב געזוכט צו געפינען אין אַ פרוי, וועלכע איך זאָל קענען אמת ליעבען.

— פון דעסטוועגען האָסטו זי נעכטען געקושט...

— ביי דער קיסינג־גיים מיינסטו?

— און יעדעס מאָל וואָס זי קומט אַהער, מיינסטו זעה איך ניט?

— וואָס זעהסטו?

— אַז מען ליעבט ניט, האַלט מען זיך ניט אין איין סוד'ען...

— ווען איך וואָלט געוואוסט, אַז דו ביסט אייפערזיכטיג, וואָלט איך עס ניט געטהאָן — בעמערקט בעני אין אַ טאָן, ווי ער וואָלט זיך ענטשולדיגען.

— באַלד קומסטו מיט דער אייפערזוכט! — רעדט שוין מאַליע מיט פערדרוס — נאָר וואָס עפּעס, בין איך ביי דיר אייפערזיכטיג!.. אָלרייט, בין איך אייפערזיכטיג — רוקט זי זיך אָפּ אַ ברוגז'ע — וואָס־זשע ווילסטו?

ביידע ווערען אַ ווייל אַנשוויגען. מאַליע ווישט די אויגען, און בעני וואַרפט אויף איהר יעדעס מאָל אַ פער'גנב'עטען בליק.

— וואָס־זשע, ביזט טאַקי ברוגז? — נעהמט זי בעני אַרום מיט ליעבע — יעצט זעה איך, אַז דו ביסט טאַקי אַ שלעכטע; איך האָב דיך אַזוי ליעב, און דו, פאַר יעדער קליינינקייט, ווערסטו באַלד אין כעס.

מאַליע גראָבט איין איהר קאָפּ אין זיין ברוסט, און שווייגט.

— הויב אויף דעם קאָפּ, בעט זיך ביי איהר בעני.

— וויל איך ניט! — איז מאַליע איינגעשפּאַרט.

בעני נעהמט זי צערטליך אַרום און קושט זי.

— ווערסט מיך מעהר ניט מאַכען בייז? — הויבט שוין מאַליע אויף דעם קאָפּ.

— ניין — פערזיכערט איהר בעני — קיינמאָל ניט!

— גיב־זשע מיר אַ ביס...

— פאַר וואָס עפּעס אַ ביס?

— איך האָב ליעב, אַז דו בייסט מיך — עסט זיך מאַליע איין אין זיינע ליפּען — אַז דו בייסט מיך, דאַכט זיך מיר, אַז דו ביזט אין גאַנצען ביי מיר אין האַרצען.

בעני קושט און בייסט זי מיט אַ ברענענדער ליידענשאַפט.

— אַזוי... — דריקט איהם מאַליע צו אַלץ פעסטער צו זיך — שטאַרקער, בעניקע... אַזוי... ביזט אַזוי גוט, אַזוי זיס... ווערסט מיך אימער אַזוי ליעבען?

— אימער, מאַלינקע...

— פאַר וואָס־זשע שרעקט זיך מיר עפּעס אַזוי מיין האַרץ?... עפּעס דאַכט זיך מיר, אַז אַ מאָל פלעגסטו מיך בעסער ליעבען...

— כ'האָב דיך ליעב, מאַלינקע, פּונקט ווי אימער. נאָך שטאַרקער, הייסער ווי אימער.

— ווערסט מיך קיינמאָל ניט פערלאָזען?...

— סיידען איך וועל שטאַרבען...

— — — — — — — — — — — — — — — —

שטיל...

צוויי קערפּערס און איין זעעלע, צוויי הערצער און איין געפיהל. אַ שטילקייט, דורך וועלכער עס הערען זיך בלויז פערשטיקטע אָבגעריסענע זיפצען, וועלכע גיסען זיך צוזאַמען מיט אַן אַנגענעהמען שעפּטשען, פון שטילע אונפערשטענדליכע ווערטער...

און צוזאַמען מיט דיעזען שטילער גערויש, טרילערט דער קאַנאַריק זיין מאָרגען־ליעד.

.1908

א „קעראסינע“

היימי מיט זיין פרוי בעסי האָבען אָבגעגעסען „סאַפּער“ און זיך, ווי אימער, געזעצט שפּיעלען אַ „קעראַסינע“ — די איינציגע „גיים“, מיט וועלכער דאָס פּאָר פּאַלק אַמוזירט זיך כמעט יעדען אבענד, זייט זיי זיינען פערהייראַטה.

הייסען הייסט עס ביי זיי ניט מעהר ווי אַ צייט־פערטרייב. אָנפאַנגס, דאָס הייסט אין די ערשטע פּאָר מאָנאַטען נאָך זייער חתונה, פלעגען זיי שפּיעלען גלאַט אין דער וועלט אריין. יעצט אָבער שפּיעלט מען צו צוויי־דריי סענט, אָדער העכסטענס צו ניקעלס אַ „גיים“.

נאָר דאָס איז ניט וויכטיג. דערהויפּט איז דאָ די אינטערעסע, די אמוזירונג. און אַמוזירען אמוזירט זיך היימי אמבעסטען. אַ בעזונדערען פערגעניגען האָט ער, ווען ער געווינט ביי זיין בעסי'ן די גאַנצע פּאָר סענט, און קען זיך מיט איהר אַ רייץ טאָהן. מיינען מיינט ער דערביי אפילו גאָר־ניט, נאָר אַז זי בלייבט זיצען מיט אַן אַראָפּגעלאָזענער נאָז, האָט ער דאַן ליעב אויף איהר צו קוקען; עפּעס דאַכט זיך איהם אויס, אַז ער האָט זי דאַן פיעל ליעבער ווי געוועהנליך.

זיצט דאָס פּאָר פּאַלק פערטיעפט אין שפּיעלען. היימי, אַ פריילינער, און בעסי, שוין אַן אָנגעבלאָזענע... זי האָט שוין כסדר דריי מאָל פערשפּיעלט...

— לאָמיר שפּיעלען צו ניקעל אַ גיים! — גיט בעסי אַ זאָג מיט קוראַזש, מישענדיג די קאָרטען מיט אַ נערוועזער שנעלקייט.

— אהאַ! — מאַכט היימי מעשה העלד — הייסט עס, דו געהסט מיך שוין גאָר נעהמען אויף זיכער? נו, אַ ניקעל אויפ'ן טיש!...

— ס'איז אָלל־רייט — ענטפערט בעסי גלייכגילטיג, און נעהמט שוין געבען קאָרטען — ד'וועל שוין איינשטעלען, אַ סך בין איך דיר שולדיג?

— דאָס געהט ניט! — האַלט זיך היימי ביי זיינס — אַ גולדען פּיש, געלד אויפ'ן טיש!...

— און אַז ניט? — וויל זיך די פרוי ניט אונטערגעבען — האָסטו אַ ברירה ניט צו שפּיעלען...

— אבי דו פערשטעהסט כאָטש — שמייכעלט דער מאן — וואָס דען, איך וועל שפּיעלען אויף „טראָמבע“?...

— טייערער תכשיט מיינער — וואַרפט אויף איהם בעסי א שארפען בליק — איך וועל אנטלויפען מיט'ן ניקעל?...

און רעדענדיג די ווערטער, נעהמט זי ארויס פון איהר בוזים א צוזאמענגעבונדען טיכעל, נעהמט פון דאָרט ארויס א ניקעל און לייגט עס מיט כעס אוועק אויפ'ן טיש.

היימי קוקט זיך צו און אויף זיין פּנים ליעגט אויסגעגאָסען א ריינע פון אינערליכער צופריעדענהייט.

— אלץ איינס האלסטו שוין ביים קניפּעל — קען ער זיך ניט איינהאלטען פון א וויצעל טאָהן זיך — נעהם שוין טאקע פּאר איין וועג ארויס נאָך עטליכע ניקעלעך... פערשטעהסט? וויא א זאך מאכט זיך, וועסטו דיר כאָטש איינשפּאָרען אן ארבייט...

— נעוועזר מיינד — ווערט שוין דיא פרוי אָנגעצונדען — דו מאך זיך נאָר ניט פּאר אזא העלד! זאָלען מיינע שונאים אזוי לעבען, און איך ניט, אויב דו הויבסט אָן צו קענען שפּיעלען א ריכטיגע „קעראָסינע“!

— ווי־זשע קומט עס — פרעגט שוין היימי סאַרקאַסטיש — וואָס דו האָלסט עפּעס אין איין פּערשפּיעלען?...

אויף דער פראַגע גיט שוין בעסי ניט קיין ענטפער. איהר ליפּען פערציהען זיך בלויז אין אן איינגעהאַלטענעם כעס, און מען זעצט פּאָרט די שפּיעל.

— כדי ס'זאָל זיין היימליכער אין שטעדטעל — וויצעלט זיך היימי, ארויסציהענדיג איינע פון זיינע קאָרטען — נעהם איך מיר דערוויייל אריין אָטאָ דאָס קעניג'על.

— זאָל זיין די קווין! — נעהמט די פרוי אויך אריין א קאָרט.

— א פּוינטעל! — גיט היימי ראַפּטום א וואָרף א קאָרט אויפ'ן טיש.

— א פּוינט? — חזר'ט איבער די פרוי, ארייננקלעהרענדיג אין איהרע קאָרטען — אויב א פּוינט, בילד איך א צעהנדטעל.

— א צעהנטעל? — טהוט זיך היימי א כאַפּ מיט פריידע — אויב א צעהנטעל ביסטו דאָך א פּאַרטיגע... דאָרט האָב איך געהאַט צוויי־און־צוואַנציג? — נעהמט ער ציהען די ווערטער מיט א גמרא נגון — יעצט נעהם איך אריין דאָס גוטע עהנטעל מיט'ן פּויגט, און קענסט שוין אָנגרייטען א פריש ניקעלע...

— זאָל איך שטאַרבען, אויב דו האָסט יעצט געוואונען! — נעהמט זיך שוין בעסי קאָכען און אויפגערעגטע — זאָל איך ניט דערלעבען ביז מאָרגען!...

און מיט אימפעט גיט זי זיך אַ וואָרף צום צוזאַמענגעלייגטען קופּקעלע געלד, וואָס ליעגט לעבען מאַן'ס זייט, און צווישען פּאָאַר פּאָלק ווערט אַ רייסערייי.

— ניט ביי מאַטיען! — פערטיידיגט היימי, כאַפּענדיג זיין געווינס — ניט ביי מאַטיען!...

בעסי ווערט נאָך מעהר אויפגערעגט, און נעהמט שוין פּאַר כעס שרייען מיט טרעהרען:

— אוי, די האַנד! דער רוח זאָל דיר נעהמען, לאָז מיר אָב די האַנד!...

זי גיט דאַביי מיט רוגזה אַ ריס די האַנד, בלייבט זיצען די האָר האַלב צושויבערטע, און ווישט די אויגען מיט אַן איינגעהאַל־טענעם געוויין.

— כאַפּט! — ברומט שוין היימי אויף אביסעל אויפגערעגט, און שאַרט דאַביי אַ פּערסאָפּעטער צוזאַמען דאָס געלד פון'ם טיש — כ'האָב איהר אָנגעגרייט צו כאַפּען! עס נויט דיך דען אימיצער זאָלסט שפּיעלען, אַז דו קענסט ניט?...

— איך בין ניט געווען קיין געמבלערקע, קען איך ניט שפּיע־לען! — ברעכט בעסי אויס מיט אַ שטאָך וואָרט.

די ווערטער טרעפען היימי'ן ווי גליהענדע שפּיזען. קיין שום וואָרט קאָכט אין איהם ניט אַזוי אויף דאָס בלוט, ווי אַז זי שטעכט איהם מיט'ן וואָרט „געמבלער". און וויפיעל מאָל ער האָט זיך שוין ביי איהר געבעטען: בעסי, פערגעס וואָס ס'איז געווען... בעסי, אויב דו ווילסט ס'זאָל צווישען אונז זיין אַ גוט לעבען — וויל איך ניט הערען פון דיר אַזעלכע שטעך־ווערטער... און זי, וואָס עפּעס — געמבלער!...

— נאַ! — גיט היימי מיט אַ מאָל אַ צוקאָכטער אַ וואָרף דאָס געלד איבער דער שטוב — נאַ! כאַפּ דיך אַ שווארצער יאָהר מיט'ן געלד צוזאַמען!

געמבלער! — ברומט ער אומגעהענדיג איבער'ן צימער אַן אָנ־געצונדענער — איך וועל דיר אַמאָל געבען אַ געמבלער, אַז ס'וועט דיר ווייסט און פינסטער ווערען אין דיינע אויגען! וועסט מיך דער־נאָך מעגען געהן פערקלאָגען פאַר'ן טאַטען דיינעם, דעם שנאָרער!...

בעסי זיצט מיט אן אראפגעלאזענעם קאפ און שווייגט. זי ווייסט, אז רעדען יעצט א ווארט איז פונקט ווי צו גיסען אויל אויף א פייער. זי ווייסט, אז זי איז בעגאנגען א פעהלער און זי טאר קיין ווארט ניט רעדען.

זיצט בעסי, ווארפט פון צייט צו צייט ארום זיך פער׳גנב״ע־טען בליק, און, בעמערקענדיג, דאס היימי איז א ווײלע געבליעבען שטעהן פערטראכט ביים פענסטער, הויבט זי זיך אויף און, שנעל ווי א בליץ, פערשווינדעט איהר קליינער קערפער אין בעד־רום.

היימי, בעמערקענדיג, אז בעסי איז שוין אוועק פון זיינע אויגען, נעהמט ער פארזיכטיג צונויפקלייבען דאס צושאטענע געלד, נעהמט געלאסען צוזאמען די קארטען, און לייגט זיך שוין היינטיגע נאכט שלאפען אין פראנט רום אויף דער זאפע.

ביז שפעט אין דער נאכט ליגט היימי אויף דער זאפע און אויף זיינע אויגען נעהמט זיך קיין שלאף ניט. עפעס פיהלט ער, ווי ער וואלט היינט בעגאנגען א שרעקליכען פערברעכען. ערשט יעצט שווימט פאר איהם קלאהר ארוים די גאנצע פאסירונג; ערשט יעצט בערעכענט ער זיך ווי נאריש ער איז זיך בעגאנגען. וואס איז? ער האט מיט איהר געשפיעלט א שטיקעל קעראסינקע! און צוליעב וועמען שפיעלט ער, ווען ניט צו ליעב איהר? זי האט געוואלט צו־כאפען ביי איהם די פאר סענט... איז וואס? א חילוק זיינס אדער איהרס? פונקט ווי מען וואלט נעהמען פון איין קעשענע און אריינ־לייגען אין דער צווייטער. און דערפאר האט ער דאס בעדארפט אזוי צו דריקען איהר דארע האנד מיט זיינע צוויי געזונטע לאפעס, און אנפאלען אויף איהר מיט אזא כעס...

היימי דערפיהלט אין דער מינוט א טיעפע חרטה און עס נעהמט איהם אויף זיין ווייבעל שטארק וועה טאהן דאס הארץ.

— אויס קארטען! — בליצט איהם דורך א געדאנק — אויס שפיעל!... נא מאר!

ער הויבט זיך אויף, געהט מיט האסט צו צום טיש, טהוט א נעהם די קארטען און שליידערט זיי מיט כעס ארויס דורכ׳ן פענס־טער.

ער זעצט זיך אן אויפגערעגטער צוריק אויף דער זאפע, און שווערט, אז מעהר טאר קיין קארט אין זיין הויז ניט אריינקומען — אויס!...

ער פרובט זיך צוריק לייגען, נאר עפעס לאזט איהם ניט דאס

הארץ. עפּעס נעהמען זיך איהם יעצט מישען אזעלכע טרויעריגע מחשבות... ער זעהט, דאכט זיך, ווי בעסי'ס האנד, וועלכע ער האט א דריק געטאהן, איז פּלוצלונג געשוואָלען געווארען, און בעסי ליגט דארט אין בעד־רום און וויינט, קרעכצט... און די קרעכצען שניידען עפּעס אזוי זיין הארץ...

און ווי אן אָבגעבריהטער פון א גליהענד'ען אייזען, טהוט ער זיך מיט אימפּעט א הויב אויף, און געהט מיט שנעלע אָבער שטי־לע טריט אריין אין בעד־רום.

אין שלאָף־צימער איז שטיל. עס הערט זיך קוים דאס שטילע אטהעמען פון דער פרוי וועלכע ליגט אויפ'ן בעט אין א רוהיגען שלאָף.

דורכ'ן איינציגען האלב פערהאָנגענעם פענסטער, שפּארט זיך פון גאס אריין א מאטער, גרויער שיין, וועלכער שניידט דורך די געדיכטע פינסטערנים. אלעס איז שטיל און רוהיג; אלעס זעהט אויס אין דער געהיימניספאָלער שטילקייט, ווי איינגעהילט אין בע־וועגונגסלאָזע שטיקער שאטענס.

היימי בלייבט פארזיכטיג שטעהן ביים בעט, בויגט זיך אן מיט אן איינגעהאלטענעם אטהעם; לייגט שטיל צו דעם אויער, און עס גיט איהם עפּעס א ציה אין הארצען... עפּעס דאכט זיך איהם, אז זיין בעסי אטהעמט יעצט פיעל שוואכער ווי געוועהנליך...

— בעסי! — נעהמט ער זי וועקען, ווי ניט מיט זיין קול — בעסינקע!...

און איידער בעסי עפענט נאך די אויגען, קלאמערט זי היימי פעסט ארום מיט זיינע הענד, עסט זיך ליידענשאפטליך איין אין איהרע ליפּען, און קושט, קושט אָהן אויפהער...

.1908

קריעג און פריעדען

אז צווישען בענטשיק דעם פרעסער און זיין ווייב קריינדעל זאָל ארויסקומען א קריגעריי, איז איינע פון די לייכטעסטע זאכען. און מעהרסטענטייל קומט דאָס ארויס צוליעב איהר. אזוי האָט דער מאַן צו זיין ווייב אפילו גאָרנישט. אדרבה, זי ווייזט איהם ניט איינמאָל ארויס אזא געטריישאפט, אז דאָס לעבען מיט דער נשמה וואָלט זי פאר איהם אוועקגעגעבען. קוים אָבער טרעפט אז אין הויז איז עפּעס אמאָל ניט אזוי אקוראט, ווערט זי באלד ווי מען וואָלט צוגעלייגט א שוועבעלע צו א גליהענדען אויווען! איינפאך. זי ברענט און בראָט איהם די טריט!

שבת נאכט, למשל, האָט בענטשיק זעהר הנאה אוועקצוזעצען זיך מיט א פאָר פון זיינע בעקאנטע מיט־ארבייטער, וואָס קומען זיך צו איהם צוזאמען, און פערברייגגען אין שפּיעלען א „פויקער“..

קיין גאַרטען־שפּיעלער, חלילה, איז ער ניט! ענטוועדער ער געווינט א צעהן, פופצעהן סענט, אָדער ער פערשפּיעלט אזא סומע, ער שפּיעלט בלויז אבי די צייט אביסעל צו פערטרייבען.

דערגעהט איהם קריינדעל דאן איינפאך די יאָהרען! ווי נאָר ער הויבט אָן צו שפּיעלען, זעצט זי זיך איהם באלד אוועק פון איין זייט, און סעם׳עלע, דאָס זעקס יעהריג זוהנדעלע זיינס, פון דער אנדערער זייט. — ער האָט אויך ליעב צו קוקען ווי פּאפּא שפּיעלט אין קאָרטען.

— פּאפּא, — טהוט ער איהם אין מיטען שפּיעלען, יעדעס מאָל א פרעג — אז דו וועסט געווינען א סך געלד, וועסטו מיר געבען א פּעני?...

— זאָג נאָר, — טהוט איהם די אידענע יעדעסמאָל א צופּ פאר דער האנד — דאָס אלעס וואָס דו האָסט נאָך פון דעם פרישען קוואָדער וואָס דו האָסט ערשט ארויסגענומען?...

אין אזא דולעניש איז בענטשיקען אונמעגליך צו געווינען א „גיים“!

— פּאָלג מיך, קריינדעל — בעט ער זיך ביי דער פרוי — נעהם דאָס קינד און געה זיך בעסער לייגען שלאָפען.

קריינדעל געפינט זיך פון אזא פאָרשלאג שטארק בעליידיגט.

— וואָס־זשע, — נעהמט זי איהם דורך מיט א שטעכעדיגען בליק — איך בין דיר שוין גרוים אין די אויגען?...

— וואָס האָסטו דאָרט ? — פּאַלט איינער פון די שפּיעלער אריין מיט א פראגע.

— דריי „דזשעקס“ איז גוט? — צייגט בענטשיק מיט א מינע פון נצחון זיינע קאָרטען.

— זאָלן זיי איין — גיט איהם א צווייטער אן עצה — איך האָב א פולע הויז...

קריינדעל צעהלט נאָך יעדען סענט וואָס איהר מאן פערליערט, און זי פיהלט ווי עס פּלאַצט אין איהר איינפּאָך די גאַל!

— ווי לאַנג נאָך איז דער שיעור צו שפּיעלען ? — קען זי זיך שוין ניט איינהאַלטען — ס'ארט דיך די פּאָר סענט וואָס דו פער־מאָגסט נאָך?...

— האָב קיין מורא ניט — בערוהיגט זי בענטשיק מיט אן איינמגעהאַלטענעם כעס — ציטער ניט אזוי!...

— וואָס הייסט איך זאָל ניט ציטערען ? — פיהלט קריינדעל ווי דאָס בלוט נעהמט זיך אַזש אין איהר מישען — וואָס בין איך בלינד ? איך זעה ניט ווי דו האלסט אין איין שלעפּען די קאָוודערס פון קעשענע?...

— פּאַפּאַ, — רוקט סעם'עלע פּלוצלונג אונטער א הענטעל צום פּאָטער'ס געלד — פּאַפּאַ, לאָז מיך האַלטען דיין געלד, יאָ?

— הער אויף צו ריהרען ! — טהוט אויף איהם דער פּאָטער א געשריי מיט כעס — וועסט נאָך אמאָל אָנריהרען, וועל איך דיר די הענד צוברעכען !

— אז צוברעכען זאָלסטו דעם קאָפּ נאָך די נאכט ! — פּלאַצט די אָנגעצויגענע פרוי ענדליך אויס מיט פייער — זעה נאָר ווי דאָס רעדט צום קינד!...

און ניט קענענדיג זיך מעהר קאָנטראָלירען טהוט זי זיך מיט אימפּעט א הויב אויף און שאַרט מיט רוגזה ארונטער אַלע קאָרטען פון טיש...

— אויס קאָרטען ! — נעהמען פון איהר מויל שיסען די ווער־טער ווי פון א האַרמאַט — ס'איז ביי מיר ניט קיין געמבלינג הויז! צו אַלדע שווארצע יאָהר מיט די קאָרטען!...

נאָך אזא רציחה'דיגען איבערפאַל, צוגעהן זיך די געסט באַלד מיט א קאַלטען „גוט־נייט“ און בענטשיק בלייבט א ווייַלע זיצען ווי א פערגליווערטער.

— דאָס מזל זאָל דיר אזוי זיין אין קבר, וואָס פאַר א פּנים דו

האָסט ביי מיר, און וואָס פאַר אַ פּנים דו האָסט ביי יענעם! — מאַכט דער בעליידיגטער מאַן זיין אויפגערעגטע פרוי אַ גלאָסענעם פאָרוואורף — פרעמדע מענשען זיצען ביי אַ טיש, פאַלט זי אריין ווי אַ ווילדע חיה! אַז שעהמען מעגסטו זיך ווי גרוים דו ביזט!

— זעה נאָר, זעה ווי איך האָב איהם אַנגעריהרט די קרוין! — וויל קריינדעל בלייבען גערעכט — וואָס־זשע האָסטו אַזוי מורא? אַז זיי וועלען מעהר ניט קומען, בין איך אונגליקליך? האָסטו געזעהען! מען זיצט אָב ביז האַלבע נאַכט און מען ברענט די געז, טאָר איך נאָך קיין וואָרט ניט רעדען!

— דו ווילסט דאָך אימער בלייבען די גערעכטע! בלאָזט דער מאַן אונטער דאָס פייער...

— ווער דען דו ביזט גערעכט? — צולאָזט זיך שוין קריינדעל אויף אַ העכערער אָקטאַווע — זאָלען שוין מיינע שונאים אַזוי אויסלעבען די נאַכט און איך נישט, אויב אין מיין הויז וועט נאָך אַמאָל געשפּיעלט ווערען אין קאָרטען!

— האָב איך דיך אין דר׳ערד! — קען זיך דער מאַן ניט קאָנטראָלירען.

— אַזעלכע חזרים! — רעדט קריינדעל ווייטער — כ׳האָב נאָך אין מיין לעבען ניט געזעהען אַזעלכע פערגרעבטע מענשען ווי דאָס זענען! דאָס קינד שטייט די גאַנצע צייט, און ס׳זאָל נאָך איינער נעהמען אַ פּעני און איהם דערלאַנגען אין הענטעל אריין... איך שטעה אין דער פּעני? אָבער ווי קענען דאָס מענשען זיין אַזוי פערגרעבט?...

— נו שא שוין, שא! — פאַלט איהר דער מאַן אריין אין די רייד — כ׳האָב זעהר ליעב אַז דו צולאָזט זיך, מיט דיין מענה לשון!

נאָך אַזאַ דיסקוסיאָן, לייגען זיך שוין מאַן און ווייב שלאָפען ברוגז׳ע, און שטעהן אויף ברוגז׳ע.

אין דער פריה, איבערהויפּט אין אַ טאָג ווען בענטשיק ארבייט ניט, איז פאַר איהם ניט פאַראַנען קיין ערגערס ווי ארומצודרייהען זיך איבער דער שטוב אַ ברוגז׳ער און קוקען אויף די פייער ווענט.

— סעם׳עלע — הויבט ער באַלד אָן אין דער פריה בויען פּלענער אויף איבערצובעטען זיך מיט דער אידענע — פרעג סעם׳עלע, די מאַמע, אויב זי האָט עפּעס אָנגעגרייט פאַר „ברעקפעסט“.

גייט סעם׳עלע צו צו דער מוטער און גיט געננוי איבער דעם פאָטער׳ס ווערטער. בעפעהלט די מוטער מיט דעם קינד, ער זאָל זאָגען דעם פּאַפּאַ, אַז די מאַמע הערט איהם ווי די קאַץ...

קומט סעם'עלע צו צום טאטען און זאגט:

— פאפא, די מאמע האט געזאגט, זי הערט דיך ווי די קאץ!...

דאס בעריהרט אביסעל דעם פאטער'ס כבוד, און ער דערלאנגט דערפאר דעם תכשיט א ליכט פעטשעל, שטראפענדיג איהם דערביי: „א פאפא זאגט מען ניט אזוי"... צופיעשטשעט זיך דער בן יחיד און פאלט צו צו דער מוטער מיט א געוויין... פערקלעמט זיך דער מא־מעס הארץ פאר איהר בלוט און פלייש און זי פלאצט אוים אויף דעם „מערהדערישען" טאטען:

— א וויסטער חלום אויף דיין קאפ! שטיק גולם וואס דו ביזט! זעה נאר ווי ער האט דאס געשלאגען דאס קינד, דער רוצח!

— זאל ער ניט האבען קיין גרויסען פיסק! — קען דער פא־טער ניט פערשווייגען.

— וואס דען אזא גולם ווי דו זאל ער אויסוואקסען? — ציהט קריינדעל אן אלע שטארקער די סטרונע...

און אנשטאט מאן און ווייב זאלען זיך איבערבעטען, ווערען זיי נאך מעהר ברוגז.

דער רוגז האלט אבער בלויז אן אזוי לאנג, ביז בענטשיק נעהמט זיך אנטהאן זיין זונטאנדיגע „נעק־טיי", אדער די „באו־טיי", ווי די אידענע זיינע רופט דאס.

ער שטעלט זיך אוועק אנטקעגען שפיגעל, דרעהט דאס שניפסעל אויף אלע זייטען, פרובירט אויסלייגען די עקען אויף פערשיעדענע אופנים און עס איז איהם אונמעגליך די „נעק־טיי" אליין אויסצובינ־דען. די איינציגע וואס פערשטעהט דאס צו טאהן אקוראט, איז קריינדעל. צוליעב אזא קלייניקייט אבער זיך אונטער צוגעבען, איז בענטשיק'ען אונטער זיין ווירדע. טהוט ער בלויז א מאך איין קניפ און לאזט די איבעריגע צוויי עקען פון דער „נעק־טיי" הענ־גען איבער זיין ברוסט, גלאט אין דער וועלט אריין.

אויף אזא מין „גאנג" קען קריינדעל ניט קוקען, ווי אויף א שפין!

— ווער ס'קוקט ניט אן דעם הלוך, מישטיינס געזאגט! — בלייבט זי שטעהן אקעגען מאן מיט פערלייגטע הענד, דורכנעהמען־דיג איהם מיט איראניע — א קאץ אן עק טויג ער אפילו ניט צו פערבינדען!...

— אבי דו קענסט! — פערקרימט זיך בענטשיק.

און ווי א פערשעהמטער חתן־בחור, שטעהט ער באלד, פנים

צו פנים נעבען זיין בריה'ש ווייבעל און לאזט זיך פון איהר אויס־בינדען די „נעק־טיי"...

— ציה ניט אזוי איין... — קאפריזנעוועט ער זיך דערביי.

— האב קיין מורא ניט, איך וועל דיך ניט דערווארגען. — טהוט קריינדעל דוקא א שטארקען ציה...

— איך מאך א וועט אז דו וואלסט דאס ניט געטהאן... ווערט שוין בענטשיק ווייך ווי פוטער.

— וואס־זשע מיינסטו, ס'וואלט געווארען א לאך אין הימעל?

— שטעכט איהם ווייטער די פרוי.

— און דו? — וויצעלט זיך דער ברויט־געבער — דו מיינסט אודאי אז ס'ווארט שוין אויף דיר א בחור הינטער די פלייצעס, הא?....

און דער גוטמוטהיגער מאן טהוט דערביי זיין ווייבעל א שטאר־קען קיצעל אונטערען ארים...

— געה צו אלדע גוטע יאהר! — טהוט זיך די איבערגעבעטענע פרוי א צאפעל מיט אן איינגעהאלטענעם לאכען — כ'האב זייער ליעב אז דו הויבסט זיך אן צו חכמה'נען...

און אז בענטשיק טהוט דערנאך א קוק אין שפיגעל אויף זיין אויסגעפליגעלטען שניפס — טהוט ער פון צופריעדענהייט א ציה מיט די אקסלען, און שמייכעלט אין זיך:

— פארט אן אייגען ווייב!...

1910.

קאנקורענטען

כמעט יעדען טאָג, פון אין דער פריה ביז שפעט אין דער נאכט, טרעפט מען איהם אין די סטריטען מיט זיין איבערגעדעקטען באַסקעט סחורה, וועלכען ער פיהרט אין אַן אַלטען קינדער־קערעדז־שעל, שרייענדיג אין איין אטהעם:

— הייסע ארבעס! הייסע ארבעס!

ביינאכט, הערט זיך זיין קול טרויעריגער, מעלאנכאָלישער; יע־דער אויסרוף קלינגט עפּעס ווי אַ טיעפער קרעכץ פון אַ פערוואוג־דעטע הארץ... יעדער בליק זיינער דריקט עפּעס אויס ווי אַ פּראָ־טעסט.

רופען רופט מען איהם, „איציק דער פעדלער". אַ שוואך ניד־ריג אידעל מיט רויטליכע אויגען, און אַ קליין־שווארץ געשוירען בערדעל, וועלכעס נעהמט ארום זיינע דארע איינגעפאלענע באקען, ווי אַ רונדער שווארצער פלעק.

אַ מאָל, איידער ער איז נאָך געווען אַ פעדלער, איז ער געווען אַן אונטער־ביגלער. האָט ער אָבער, פאַר קיין שום אידען געדאכט, געקראָגען אַ שוואך הארץ און געמוזט אויפגעבען די ארבייט.

זייט דאן האָט ער שוין געפעדעלט מיט כל המינים סחורות, און צו קיין שום סחורה נעביך, קיין מזל ניט געהאט. גאַנ־צע טעג האָט ער געבראָכען דעם מח וועגען עפּעס אַ נייעם ארטי־קעל, אָבער ווי נאָר ער האָט דערמיט גענומען פעדלען, קאָנקורענ־טען!... וואו ער זאָל זיך ניט געבען אַ קעהר, אַ קאָנקורענט מיט דער זעלבער וואארע! און דוקא אין די געגענדען, וואו ער פעדעלט... פונקט ווי אויף להכעיס!

האָט איציק געהאלטען אין איין בייטען סחורות, און אַלץ קיין לעבען ניט געמאכט.

איין מאָל האָט איציק'ען פלוצלונג אַ בליץ געטהאָן אַ געדאנק — הייסע ארבעס! — אַ נייע סחורה! האָט ער וועגען דעם גענומען גוט נאָכדענקען. פריהער האָט ער גוט נאָכגעשפּיאָנירט צווישען די פעדלערס, נאָכגעקוקט אויב אימיצער איז שוין פריהער ניט געפאלען אויף דעם געדאנק. און אז ער האָט פערשטאנען, אז אלעס איז אָלל־רייט, האָט ער דעם פלאַן פאַרגעלייגט פאַר זיין ווייב.

— וואס־זשע דענקסטו זאָל איך טאָהן, מיכלע — האָט ער זיך גענומען מיט איהר ראטהען — אריין לאָזען זיך אין די ביזנעס?

— וואס ווייס איך? — האט די פרוי געגעבען איהר מיינונג —אויב דו דענקסט, אז מען וועט דערביי קענען עפעס פערדיענען, פאר וואס ניט?

— רעדסט ווי א קינד — האט איציק איהר געגעבען צו ער־קלעהרען מעשה פראקטישער מענש — וואס הייסט צי מ'וועט קענען עפעס פערדיענען? דארפסט ניט פערגעסען, אז דאס איז א נייע זאך; א סחורה פערשטעהסטו, וואס קיינער פעדעלט נאך ניט דער־מיט...

איציק'ס ווייב האט נאך אפילו פרובירט מאכען אייניגע געגען־בעמערקונגען, נאך א לענגערע דיסקוסיאן אבער, האבען זיך מאן און ווייב ענדליך איינפערשטאנען, און מען האט גענומען מאכען פארבע־רייטונגען פאר די נייע ביזנעס.

איציק האט באלד געבראכט א זעקעל ארבעס, בעפויהלען דער ווייב איהם גוט דורכצוקלייבען, דורכצו־וואשען, געקויפט א נייעם בלעכענעם קעסעל, גע קראגען ערגעץ אן אלט קינדער־קערעדזשעל, — און אז דער בעגייסטערטער פעדלער איז ביי נאכט איינגעשלאפען, נאכדעם ווי ער האט נאך מיט'ן ווייב אויפ'ן גלעגער דיסקוטירט א היבשע צייט מכח די נייע ביזנעס, — האט זיך איהם א גאנצע נאכט געהאלטען אין איין פלאנטערען חלומות פון ארבעס... גאנצע בערג פריש־געקאכטע ארבעס האט זיך איהם געדוכט, פערקויפט ער; קונים שטופען זיך, מען לויפט ווי נאך מצה־וואסער — די ביזנעס געהען אויף רעדער!

אויף מארגען איז איציק מיט'ן ווייב אויפגעשטאנען גאנץ פריה, זי האט גענומען קאכען דעם ארבעס, און ער האט זיך גע־פארעט ביים קערעדזשעל: געקלינט, געפוצט, אריינגעשטעלט דעם באסקעט, געזאגט מבינות, וויפיעל זאלץ און פעפער מען זאל געבען צום ארבעס, און אז אלעס איז פארטיג געווארען, איז איציק באלד ארויס מיט זיין פרישער סחורה איבער די גאסען, — און דער עולם האט געקויפט.

איבערהויפט פלעגט איציק שטארק הנאה האבען, בשעת ער פלעגט זיך אוועקשטעלען מיט זיין סחורה נעבען די סקוהלס. דארט, צווישען א גאנצע רייהע פעדלערס פון פערשיעדענע סחורות, פלעגט ער זיך פיהלען ווי אן אמת'ער ביזנעסמאן; העכער פון זיי אלעמען. — ער איז אייגער, איינער וואס פעדעלט מיט ארבעס!... נאר אפט אז די סקוהל קינדער פלעגען איהם אמאל ארומרינגלען, און שנעל ביי

איהם אויסקויפען זיין סחורה, פלעגט איהם אין הארצען א ציה טאהן עפּעס א געהיימע שרעק... עפּעס האָט איהם אויסגעוויזען, אז אלע גלאָצען אויף איהם די אויגען; אז מען פערגינט איהם ניט... און אום ניט ארויסצורופען קיין קנאה, פלעגט ער צוריק איבערדעקען דעם באסקעט, שטיל געגומען שטופּען דאָס לײדיגע װעגעלע, און מעכאניש יעדעס מאָל א ברום טאָהן:

— הייסע ארבעס!...

איינמאָל אָבער האָט איציק גע פּיהלט ווי עפּעס וואָלט זיך איהם אבגעריסען אין הארצען.

א קאָנקורענט!...

עס האָט זיך בעוויזען א איד מיט דער זעלבער סחורה, און שרייט מיט דעם זעלבען נוסח... אמת, אז ער האָט זיך געגעבען א בערעכנען האָט איהם די גאנצע זאך געאַארט, ווי צעהן מאָל גאָר נישט.

— אויך מיר א פעדלער! — האָט ער געטראַכט — עפּעס א גרין אידעל וואָס שלעפּט זיך ארום ווי א ליימענער גולם... ער הערט איהם ווי דעם פאר־א־יאָהריגען שנעע! פאר ביזנעס האָט ער פאר איהם קיין מורא ניט... דאָ, וואו ער קען פערקויפען א בעם אין איין שעה, קען יענער האָבען „א שאָו" צו שטעהן א גאַנ־צען טאָג.

פערדראָסען האָט איהם נאָר איין זאך: וואו ער זאָל ניט שטעהן — דאָס אידעל איז אויך דאָ! וואָס איז, ניו יאָרק איז איהם צו קליין?...

פלעגט איציק דערפאר אָפּט ליעב האָבען זיין קאָנקורענט א רייץ צו טאָהן...

ווי נאָר ער האָט פריהער אויספערקויפט זיין סחורה, פאר זיין קאָנ־קורענט, פלעגט ער זיך ערררויבערען ברייט א סיגאַרעטעל, פערבייגעהן מיט'ן לײדיגען באסקעט פארביי איהם, פרעגען כלומרשט ווי שפעט עס איז, ווי די ביזנעס געהען, און זיך ווייטער געהן זיין וועג.

קיין שלעכטס האָט איציק דערביי אפילו ניט געמיינט, נאָר אין הארצען האָט ער עפּעס געפּיהלט א בעזונדערען פערגעניגען, איהם צו צייגען דעם לײדיגען באסקעט... זאָל ער זעהן, אז ער איז מעהר ביזנעס־מאַן פון איהם!... זאָל ער איהם ניט נאָכקריכען ווי א חזיר!...

פונדעסטוועגען האָטש איציק איז ביי זיך זיכער געווען, אז זיינע ביזנעס לײדען צוליעב זיין קאָנקורענץ גאנץ ווייניג, פלעגט

איהם אין הארצען דאך אפט מאל א נאג טאהן א שטילער שמערצ־ליכער פערדרוס...

— האסט בעדארפט זעהן, ווער עס איז דאס געווארען א פער־לער פון ארבעס! — פלעגט ער יעדעסמאל בעמערקען זיין ווייב מיט איראניע — עפעס א נפש, קוים וואס ס'לעבט!... היינט דער ארבעס! איך וואלט דיר געוואונשען צו זעהן סחורה: שווארץ, צר־קראכען, איינפאך עס שלאגט צום הארצען!

איציק וואלט שוין אפשר אלעם געווען אנגענומען פאר ליעב; זאל זיין נאך איינער! איז אבער די צרה וואס עס האבען אנגע־הויבען צוקומען נאך.... כמעט יעדען טאג א פרישער קאנקורענט!

פיהלט איציק, אז זיין ביזנעס פאלט פון טאג צו טאג...

— צרות, ברודערקע! — בעקלאגט ער זיך אפט מיט א שווע־רען זיפץ — נישטא אמאהליגע צייטען; אמאל איז געווען א גע־שעפט; אמאל האב איך געמאכט ביזנעס; פלעג פערקויפען פיער־פינף באסקעטס ארבעס א טאג; איך בין געווען איינער!... פער־שטעהסט? — איינער וואס האט געפעדעלט מיט ארבעס!... היינט? היינט איז אין דר'ערד: היינט, ברודערקע, אז מען פערקויפט צוויי באסקעטס א טאג, איז מען גליקליך. קאנקורענטען, גוטער ברודער!... וואו מען טהוט זיך א דרעה, — א קאנקורענט!... נישטא, מיין פריינד אמאהליגע צייטען, נישטא!...

און מעהר ווי אימער פיהלט איציק א טיעפען פערדרוס, בשעת די קינדער געהען פון די סקוהלס און נעהמען בעלאגערען זיינע קאנ־קורענטען מיט פענים אין די הענד.

— פערזארגט זיי מיט א פרנסה! — טראכט ער דאן מיט ביי־טערקייט — אלע מיינע קונים געווען..

און ווי א טיעפע שמערצליכע וואונד נעהמט דאן רייסען און גריזשען זיין שוואכע הארץ.

—רוצחים! מערדער! — ווילט זיך איהם דאן אויסשרייען — וואס האט איהר זיך אויף מיר פערלייגט, וואס! ?... פארוואס רייסט איהר מיר ארוים דעם ביסען פון'ם מויל — פארוואס!?...

אבער די ווערטער ווערען ביי איהם פערגליווערט אויף די ליפען. ער טהוט בלויז א טיעפען זיפץ, נעהמט מיט כעס און ביטערקייט שטופען דאס וועגעלע און שרייט מיט א צוווייטאגט הארץ:

— הייסע ארבעס!... הייסע ארבעס!...

1908.

באצילען

ביי די טרופקינ'ס אין הויז איז די לעצטע צייט פלוצלונג געוואָרען אן איבערקעהרעניש.

און די אורזאכע פון דיזער איבערקעהרעניש איז ניט קיין אנדרער ווי טרופקין אליין.

קיין גבור, איז טרופקין ניט. אימער א שוואכער, קרענקליכער מענש מיט א דאר־ביינערדיגען פנים און א פּאָר טיעפע אויסגעלאָשענע אויגען, וועלכע קוקען ביי איהם שטענדיג מיט א מאטען בליק. אלס א קראנקער אָבער האלט זיך טרופקין קיין מאָל ניט. איין זאך נאָר וואָס שטערט איהם אביסעל צו זיין פאָלקאָמען געזונד, איז דער שטיקענדער הוסט זיינער, וועלכער דערקוטשעט איהם שוין פון היבשע עטליכע יאָהר.. וואָלט איהם נאָר יעדעס מאָל ניט אזא נעהם געטהאָן דער הוסט, וואָלט ער זיך געפיהלט א פאָלקאָמענער געזונטער מענש.

קיין געפאהר, וויים ער אפילו, איז דאָס ניט. ער האָט אמאָל פאר א טשיקאוועסטש וועגען דעם א פרעג געטהאָן דעם פעראיינס דאָקטאָר זיינעם, האָט ער איהם פערזיכערט, אז ער האָט זיך אבסאָלוט ניט וואָס צו שרעקען; אז ס'איז בלויז אזא הוסט, מיט וועלכען צעהנדליגע מענשען לעבען זיך אזוי אוים זייערע יאָהרען.

די לעצטע צייט אָבער האָט טרופקין'ען דער הוסט שטארק גענומען שרעקען. ניט אזוי דער הוסט, ווי דער פלוצלינגער טרויעריגער צופאל, צו וועלכען דער שיקזאל האָט איהם פערטראָגען.

טרופקין האָט זיך בעגעגנט מיט א בעקאנטען, וועלכער האָט איהם צוגערעדט, ער זאָל מיט איהם געהן אויף דער שווינדזוכטס־אויסשטעלונג.

אָט דיזע אויסשטעלונג האָט דעם קרענקליכען מענשען נעביך אין גאָנצען צורודערט! די פערשיעענע בילדער, די לעקטשורס, די צופרעסענע מענשליכע לונגען וואָס ער האָט דאָרט געזעהן אין פערשיעדענע גלעזערנע כלים, — דאָס אלעס האָט אויף איהם ארויפגעוואָרפען א שרעק, א שוידער!

מעהר אָבער ווי אלעס האָט זיך אין איהם איינגעפרעסט א טיעפער פחד וועגען די באצילען... איבעראל פערפאָלגען זיי איהם. ביי יעדען הוסט, דאכט זיך איהם, לאָזט ער פון זיך ארוים א גאנצע חמאַרע פון די „סאמאטאָכע מאכערס", ווי ער רופט זיי.

— האסט בעדארפט זעהן, וואס דארט טהוט זיך! — האט ער באלד גענומען ערקלעהרען זיין פרוי — איך זאג דיר, עס שטעלען זיך ממש די האר קאפויר! שטעל דיר פאר: מען נעהמט און מען ציינט דיר אמת'ע לונגען פון מענשען... היינט האסטו בעדארפט זעהן לונגען, — שווארץ, צופוילט; גאנצע אויסגעפרעסענע לעבער קענסטו אין זיי זעהן! און דאס אלץ קומט פון אט די קליינע היישע־ריקען, פון די באצילען, ווי זיי ווערען גערופען; זיי מאכען דאס אן די גאנצע סאמאטאכע!...

— פארהאנען געווען אנשיקעניש — האט די פרוי צוגעגעבען — גאט זאל אבהיטען וואס אויפ'ן מענש קען קומען.

— פונדעסטוועגען — האט טרופקין נאך א ווילע פארטגע־זעצט — קלעהר איך אז איך זאל זיך ווען ס'איז אריבערכאפען צו עפעס א גוטען דאקטאר; איינמאל פאר אלע מאל לאמיך וויסען וואו איך האלט אין דער וועלט !

— א ביזנעס אנצופאנגען זיך מיט דאקטוירים ! — האט איהם די פרוי געטרייעט אפראטהען — מיינסט אין דער אמת'ן אז א דאקטאר איז שוין א גאנצער גאט ? אז ס'איז חלילה בעשערט אן אונגליק, איז אלץ־איינס, מיט א דאקטאר אדער אהן א דאקטאר.

— אוי, לאז מיך צו רוה מיט דיינע רייד! -- איז טרופקין'ען ניט געפעלען דער ווייב'ס טהעאריע — ביי דיר מוז אימער אלעס אויס־קומען קאפויר. וואס טויג מיר דארט די אלע גליקען? אז מען גיט אויף זיך אכטונג, איז טאקע וואויל צו דעם. הלואי וואלט איך גע־ווען שכל געהאט פריהער זיך ארומצוקוקען, וואלט איך אפשר אין גאנצען ניט געוועזן געקומען צו מיין אונגליק...

די פרוי האט נאך אפילו פרובירט בעווייזען דעם מאן, אז ער איז ניט אין גאנצען גערעכט, טרופקין'ס ערקלעהרונגען אבער האבען איהר אזוי שווער געמאכט דאס הארץ, אז זי האט ענדליך צוגע־שטימט, ער זאל זיך געהן לאזען אונטערזוכען פון א גרויסען דאק־טאר.

— שוין לאנג אז איהר ליידעט אויף דעם הוסט ? — האט דער דאקטאר גענומען שטעלען טרופקין'ען פראגען.

—דעם אמת געזאגט — האט טרופקין אנגעפאנגען ערקלעהרען — פלעג איך שוין אפט א הוסט טהאן נאך אינעלוויז... דאן אבער האב איך עס אזוי ניט געפיהלט: איהר פערשטעהט דאך, נאך יונגע

בחות געווען... פאר די לעצטע פיער, פינף יאהר אבער האט עס מיר שטארק גענומען דערקוטשען. — גיט עס מיך א פאק, צושרויפט עס מיר יעדעס אבר.

— ווי אלט זייט איהר יעצט?

— דער פערציגסטער יאהר.

— פערהייראטה?

— א ווייב מיט דריי קינדערלעך זאלען געזונד זיין.

— געדענקט איהר אפשר — האט דער דאקטאר פארטגעזעצט — אויב אימיצער פון אייער פאמיליע האט ניט אמאל געליטען פון אן עהנליכען הוסט? דער פאטער, דיא מוטער?

— וואס אמת איז אמת — האט שוין טרופקין'ען עפעס א ציה געטהאן אין הארצען — דעם פאטער, עליו השלום, געדענק איך כמעט גארניט! נאר די מוטער, אונז צו לענגערע יאהר, געדענק איך יא. א קראנקע געווען... א צובראכענער שארבען.

— געהוסט?

— סטייטש געהוסט? פלעגט זי זיך צו הוסטען, איז א רחמנות געווען אויף איהר א קוק צו טהאן.

דער דאקטאר האט דעם פאציענט געהייסען זיך אויסטהאן, און איהם גענומען אונטערזוכען.

— האט איהר אמאל שמערצען, שטעכט אייך אין דער ברוסט בשעת איהר הוסט? — האט דער דאקטאר ווייטער געפרעגט.

זעהר אפט — האט טרופקין גענומען ערקלעהרען דעם דאקטאר מעשה ניט „גרינער" אין הלכות לונגען — אמאל שטעכט מיר אין דער רעכטער זייט, אמאל אין דער לינקער. אם מייסטען אבער איןביידע זייטען; מען קען זאגען, ארום און ארום, פון אויבען ביז אראב!...

דער דאקטאר האט פארטגעזעצט זיין אונטערזוכונג; געהייסען דעם פאציענט הוסטען, אטהעמען, געקלאפט איהם אויף אלע זייטען, און בשעת די אונטערזוכונג איז אנגעגאנגען, האט זיך טרופקין'ען שטארק געשראקען דאס הארץ.

— איך וואלט אייך נאר געוואלט בעטען איין זאך — האט זיך שוין דער צושראקענער ניט געקענט איינהאלטען פון אונגעדולד — ערשטענס, צי איז דאס ניט קיין געפאהר, און צווייטענס, צו לייד איך חלילה ניט אויף יענער קראנקהייט... איך מיין אויף די באצילען.. זאל איך איינמאל פאר אלע מאל וויסען. קיין רייכער בין איך טאקע

ניט — האָט שוין זיין קול גענומען ציטערן, — ניט מעהר ווי אַן אָרימער פּיינטער; פונדעסטוועגען געראַטעוועט וואָלט איך זיך... איך בין דאָך נאָך קיין פערציג יאָהר ניט אַלט... איהר פערשטעהט ? אַ פאָטער פון קליינע קינדער...

— נו ? — האָט די פרוי בעגעגענט דעם מאַן אַ נייגעריגע — וואָס זאָגט דער דאָקטאָר ?

— דאָס ערשטע — האָט טרופּקין דער פרוי געגעבען אַ בע־פעהל — וויל איך, זאָלסט מיר ריין מאַען דאָס „בעד־רום". די אייז־באָקס, די ברודיגע וועש, די אַלטע עטליכע פּאָר שיך וואָס ליעגען דאָרט אונטער'ן בעט, — אַלעס אַרויס ! קיין שום איבריגע זאַך זאָל זיך מיר דאָרט ניט געפינען.

— אַ ווייהטאָג איז מיר האָט די פרוי אַ צושראָקענע פאַרבראָכען די הענד, — וואָס איז? אַ געפאַהר חלילה?...

— גאָרנישט, וואָס זאָל זיין ? — האָט טרופּקין אַ טיעפען זיפץ געטהאָן — הלואי ס'זאָל אויסגעהן צו גוטען...

— זאָג מיר שוין ! — קען די פרוי ניט איינשטעהן פאַר שרעק — וואָס האָט ער געזאָגט דער דאָקטאָר ?

— וואָס זאָל ער זאָגען ? דערוויל האָט ער מיך בערוהיגט. פאַר די באַצילען, האָט ער מיר געזאָגט, האָב איך זיך דערווייל, גאָט צו דאַנקען, ניט וואָס צו שרעקען.

— געלויבט איז גאָט — איז דער פרוי גרינגער געוואָרען אויפ'ן האַרצען — און וועגען דעם הוסט האָט ער גאָרניט געזאָגט?

— געוועהנליך — האָט טרופּקין פּאַרטגעזעצט — פערשריעבען אַ מעדיצין, געהייסען גוט עסען, גוט טרינקען; ניט שווער אַרביי־טען, שלאָפען אין אַ ריינער רום, אָפען האַלטען די פענסטער, און געניסען וואָס מעהר פרישע לופט...

— ווייס איך וואָס ! — האָט די פרוי גלייכגילטיג אַ זאָג גע־טהאָן — קיין געפאַהר חלילה איז עס ניט ? הער איהם ווי די קאַץ !

טרופּקין אָבער האָט פון קיין זאַך ניט געוואָלט וויסען. און נאָך אַ לענגערע האַמפּעריי צווישען מאַן און ווייב, איז ענדליך בעשלאָ־סען געוואָרען, אָנצואַווענדען אַלע מעגליכע מיטלען, צו בעקעמפּפען דיא געפעהרליכע מזיקים....

אביסעל שוועריגקייטען האָט טרופּקין בלויז געהאַט וועגען דער אייז־באָקס. ער האָט גע'טענה'ט, אַז די אייז־באָקס דאַרף ניט שטעהן

אין בעד־רום, און זי האָט בעהויפּטעט, אז קיין פּאסענדסטער פּלאַץ ווי אַך שלאָף־צימער איז פאַר דעם שטיקעל מעבעל ניטאָ. געבליעבען אָבער איז ער ביי דאָס זייניגע; מחמת לויט ער האָט איהר בעוויזען, קומען אלע צרות מייסטענס פון די אייז־באקסעס.

— נעהם, למשל, אן איינפאַך שטיקעל פליש — האָט ער איהר געגעבען צו פערשטעהן — ס'איז טאקע ניט מעהר ווי פּראָסטע פליש, פונדעסטוועגען, זאָל עס בלויז ליגען אַ פּאָר שטונדען אָהן אייז, ווערט די אייז־באקס באלד פול מיט מיליאָנען באצילען...

איין זאַך נאָר וואָס טרופּקין קען ביי איהר ניט פּועל'ן, איז ביי־נאַכט אָפען צו האַלטען די פענסטער. בייטאָג אַארט עס איהם ניט אזוי; ביינאכט אָבער וויל ער דוקא די פענסטער זאָלען זיין אָפען. קען ער דאָס אָבער בשום אופן ביי איהר ניט אויספיהרען! ווי נאָר ער לייגט זיך אריין אין בעט, ווערען די פענסטער באלד צו־געמאַכט.

— וואָס האָסטו שוין צוגעהאקט די פענסטער, וואָס? — לאָזט זיך באלד הערען זיין קול פון בעט ארויס — וואָס איז, האָסט מורא זאָלסט ניט דערפרוירען ווערען?

— איי, לאָז מיר געמאַך איך בעט דיך! — ענטפערט די פרוי קאפּריזנע — וואָס־זשע, ווילסט דוקא די קינדער זאָלען זיך חלילה פערקיהלען? אזעלכע קעלטען, געה האַלט איהם אויפגעפּראַלעט די פענסטער!

דעם ענטפער פיהלט טרופּקין ווי אַ פּאטש אין פּנים. אמת, אין גאנצען אומגערעכט, ווייס ער, איז זי ניט. אז ס'איז קאַלט, גיט עס איהם אליין אויך אָפּט אַ נעהם דורך... פערדריסען פערדריסט איהם נאָר דער גלייכגילטיגער ענטפער. עס זעהט ביי איהם אויס, פונקט ווי ער וואָלט אַ פרעמדער געווען; ווי דאָס לעבען זיינס וואָלט מיט איהר גאָר קיין שייכות ניט געהאַט.

— איך ווייס — מורמעלט ער מיט ביטערקייט — איך ווייס, אַז דו וואָלסט געוואָלט פון מיר פּטור ווערען... ס'וועט אָבער זיין אז אַך און אז וועה צו דיינע יאָהרען! אויף דיר, ניט אויף קיינעם, וועל איך האָבען צו ווינען... דו וועסט אַ חלק האָבען אין מיין טויט; דורך דיר וועל איך יונגערהייט פון דער וועלט געהן...

ביז שפּעט אין דער נאַכט ליגט דער צושראָקענער פּיינטער, און עס לאָזט איהם ניט שלאָפען. פון וואָס ער זאָל ניט טראַכטען, פער־

פּאַלגען איהם אַלץ שוואַרצע, שרעקליכע רעיונות; ווי ער זאָל זיך ניט א ריהר טהאָן, פּלאָנטערען זיך איהם אַלץ אין מוח באַצילע... פון איבעראַל קריכען זיי פּאַר איהם ארויס; צושפּרייטען זיך ווי גרויסע גיפטיגע שלאַנגען און רייסען זיך אין איהם איינצופּרעסען...

טרופּקין קריכט דאַן שטיל ארונטער פון בעט, עפּענט בגנבה א פענסטער, זוכט אויס א פלעשעל מיט קאַרבאָל, וואָס ער האָט ביי זיך דיא לעצטע צייט שטענדיג אין הויז, גערט ארום שטיל אויף די שפּיץ פינגער פון ווינקעל צו ווינקעל און שפּריצט, שפּריצט...

.1908

איינזאם

פרייטאג, איז ביי דער אלטער שרה מלכה׳ן דער ערגסטער טאג אין דער וואך. פרייטאג פיהלט די זקנה, אז זי איז ניט מעהר די זעלבע בעל הבית׳טע ווי אמאל: אז זי איז ניט מעהר ווי א אלטע, איינזאמע אידענע, וואס האט אפילו צו קיינעם א ווארט ניט אויסצורעדען.

אמת, קיין טענות צום רבונו של עולם האט זי, חלילה, ניט דערפאר. פארקעהרט, זי דאנקט און לויבט נאך „זיין ליעבען נאמען“ וואס זי האלט אזוי ווייט. ניט מעהר, אז זי נעהמט א טראכט טהאן, וואס פאר א בעל הבית׳טע זי איז אמאל געווען און וואס זי איז איצט, ווערט איהר אביסעל פריקרע אויף׳ן הארצען.

פארט, זי זאל ניט זינדיגען, גע׳בעל־הבית׳עוועט איבער א געזינדעל פון זעקס מענשען: זי מיט איהר לייבלען, זאל זיין אבגעשיידט, און איהרע פיער קינדער, זאלען געזונד זיין. געפיהרט א הויז, אויף אלע איהרע ליעבע געזאגט. און אלעס איז אין איהרע הענד געלעגען: אי דאס בעל־הבית׳ישקייט, אי די קינדער׳ס פערדיענסטען... און חתונה געמאכט איהרע קינדער האט מען מיט׳ן גרעסטען כבוד: קיין שום קינד האט זיך חלילה אויף איהר ניט געהאט צו בעקלאגען. יעדעס קינד האט זיך זיין נדן געקראגען; יעדעס קינד זיין אויסשטייער — און לעבט איך בשלום אין גאט׳ס וועלט.

— אבגעטאנצט דעם לעצטען טאנץ, שרה מלכה — האט לייבעל געשאקעלט מיט׳ן קאפ, ווען זיי האבען די אינגסטע טאכטער אויסגעגעבען.

— דאס לעצטע פייגעלע פון דער נעסט ארויסגעלאזט — האט שרה מלכה געזיפצט.

און די אלטע האבען געווישט די טרעהרען. נאר געזינדיגט חלילה האט מען ניט.

— געלויבט השי״ת — האט זיך לייבעל געטרויסט — וואס מיר זיינען ווערטה געווען דאהס צו דערלעבען.

— איך דאנק דיר און לויב דיר גאטוניו פאר דיין חסד! — האט אויך שרה מלכה צוגעגעבען.

און שטיל האבען טאטע־מאמע פון זייערע קינדער נחת געשעפט, און שטיל, פאר זיך, זייער בעל־הבית׳ישקייט געפיהרט.

און די אלטע שרה מלכה וואלט אזוי געקענט אבלעבען איהרע

יאָהרען אין נחת און אין פרייד, ווען גאָט וואָלט פלוצלונג איהר לייבלען פון דער וועלט ניט צוגענומען.

— אצונד, מאַמוניו, וועסטו זיין ביי מיר! — האָט יערעס קינד בעזונדער איהר גענומען בעטען — ס'וועט דיר גאָר נישט פעהלען, מאַמוניו, מען זועט דיך האַלטען ווי אַן אויג אין קאָפּ...

— ווי פיעל עס איז דיר נאָר בעשערט צו לעבען, מאַמוניו — האָט די איינגסטע טאָכטער זיך געבעטען מעהר פון אַלע — ווייל איך, דו זאָלסט זיין ביי מיר. מיט יעדען ביסען וועל איך זיך מיט דיר טהיילען... איבער אַלעמען וועסטו ביי מיר די בעל הבית'טע זיין.

שרה מלכה אָבער האָט ניט געוואָלט.

— איהר זייט ביי מיר אַלע טהייער, מיינע ליעבע קינדער־לאַך! — האָט די אַלטע מאַמע געענטפערט — איך האָב אייך אַלע ליעב; — נאָר זיין וויל איך מיר בעזונדער. ווי פיעל עס איז מיר נאָך אָנגעצייכענט פון „אויבען" צו לעבען, וויל איך מיר זיין אַ בעל הבית'טע פאַר זיך.

האָבען די קינדער פאַר דער אַלטער מאַמע אַן עקסטרע צימער געדונקען, און שרה מלכה איז אַ בעל הבית'טע פאַר זיך.

פיהרט זיך די אַלטינקע איהר בעל הבית'ישקייט פונקט אויף דעם זעלבען שטייגער, ווי ווען איהר לייבעל האָט געלעבט. שטעהט אויף אין דער פריה, ראַמט זי זיך צו איהר צימער, טהוט אָן איהר שייטעל און געהט מיט'ן באַסקעט אין סטריט איינקויפען.

צו געהן יעדען אין דער פריה מיט'ן באַסקעט אין סטריט, איז שוין ביי דער אַלטער אַזאַ געוואָהנהייט אַז אפילו זי האָט ניט וואָס צו קויפען, ציהט עס איהר עפּעס ווי אַ מאַגנעט.

זי געהט ארום מיט איהר באַסקעט אויפ'ן האַנד פון איין פוש־קאַרט צו דער צווייטער, בעטראַכט יעדע סחורה בעזונדער, קוקט זיך איין אויף די „מציאות" וואָס מען קויפט און בלייבט יעדעס מאָל שטעהן נעבען אַן אַנדערער פושקאַרט, ווי זי וואָלט זוכען עפּעס צו קויפען.

— וואָס קויפט איהר עפּעס, מיסעס־לעבען? — נעהמען די פעדלערס זי פערוואַרפען מיט פראַגען — פרישע אייער, גוטע ציבעלעס ביליג?...

שרה מלכה אָבער ענטפערט ניט. טהוט בלויז אַ ציה מיט די אַקסלען, און געהט זיך ווייטער.

— נישטאָ פאַר וועמען... — טוהט זי דערביי ניט איינמאָל אַ ליכטען זיפץ.

אַנדערש אָבער פיהלט שרה מלכה דאָנערשטאָג. דאָנערשטאָג איז ביי איהר אַ טאָג פון בעל הבית׳טעווען, אַ טאָג פון פאַרען זיך. דיעזען טאָג שיקען געוועהנליך אַלע קינדער צו דער אַלטער מאַמען געלד, זי זאָל פאַר זיי אַלע נויטיגע זאַכען אויף שבת בעזאָרגען.

געהט שרה מלכה אַרום מיט׳ן באַסקעט פון איין פושקאַרט צו דער צווייטער, קוקט נאָך, מעשה בעל הבית׳טע, וועלכע סחורה ס׳איז בעסער, און בעזאָרגט פאַר יעדען קינד וואָס מען דאַרף.

איבערהויפט האָט זי אַ בעזונדערען פערגעניגען, ווען זי קומט אַריין צו איהר אַלטען קצב.

— ווי טהייער לייזט איהר טשיקען? — גיט זי אַ פרעג דרייסט

— איך דאַרף האָבען עטליכע גוטע טשיקענס און עטליכע גוטע פונט פלייש...

און אַ היים געהענדיג מיט׳ן גרויסען פאַק פלייש, פיהלט זי, אַז יעצט איז זי ניט די געוועהנליכע, איינזאַמע שרה מלכה, אַז זי פערנעהמט עפּעס יעצט אַן אַנדער פּלאַץ אין לעבען, — זי איז יעצט יענע אַנגעזעהענע בעל הבית׳טע וואָס געווען....

אַזוי איז שרה מלכה דעם גאַנצען דאָנערשטאַגדיגען טאָג בע־שעפטיגט אין פאַרען זיך: מאַכט כשר דאָס פלייש, פּאַקט איין יע־דע סחורה בעזונדער, און אַז אַלעס איז פּינקטליך בעזאָרגט, קו־מען צוגעהן איהרע אייניקלעך, און די אַלטע באָבע שיקט יעדען קינד זיין חלק.

דער ערגסטער טאָג אָבער איז פאַר שרה מלכה׳ן פרייטאָג. ניט אַזוי דער טאָג, ווי דער פרייטאָג־צו־נאַכטס. פרייטאָג־צו־נאַכטס פיהלט זי, אַז זי איז עפּעס אַן איבריגע, אַן איבערגעבליבענער שאַר־בען פון אַ צובראָכענעם טאָפּ...

זי זיצט דאַן אָנגעטאָן אין איהרע שבת׳דיגע מלבושים און וואַרט ביז הער שכן וועט פון׳ם דאַוונען קומען, זי זאָל איהם הערען קידוש מאַכען.

דאָס גאַנצע צימער איז דאַן ווי אין אַ הייליגער שטילקייט פער־וויעגט. אויפ׳ן ווייס־בעדעקטען טיש פינקלען צנועה׳דיג די בענש־ליכט פון די פריש־אָבגעפּוצטע לייכטער. איבערגעדעקט אונטער אַ רויט־געבלימטען טישטעכעל, ליגען אַ פּאָר חלות; אין מיטען שטעהט אַ פלעשעל ראָזשענקע וויין, — אַלעס איז אָנגעגרייט לכבוד

שבת; אלעס זעהט אוים ווי עס וואלט ווארטען, דער בעל הבית זאל דעריבער א ברכה מאכען.

פערשיעדענע ערֿאינערונגען שווימען דאן ארויף אין שרה מלכה'ס מוח, שווימען ארויף און בעשאפען פאר איהר יענע שעהנע פרייטאג־צו־נאכטען, יענע פרעהליכע שבתים... זי זעהט איהר לייב־לען, איהר קינדער, אלע זיצען מיט דרך ארץ ארום טיש; אלעס זעהט אוים פרעהליך, שבת'דיג, און איבער אלעמען איז זי די בעל הבית'טע — זי די בעל הבית'טע און איהר לייבעל דער בעל הבית...

א טיפע בענקשאפט נעהמט דאן איהר הארץ ארום, און א טיעפע מרא שחורה לייגט זיך אויף איהר נשמה.

פערטיעפט אין אזעלכע מחשבות, זיצט שרה מלכה אזוי לאנג ביז זי דערהערט, אז דער שכן איז שוין פון'ם דאווענען געקומען.

זי טהוט דאן א טיעפען זיפץ, הויבט זיך אויף, גיסט אן א קידוש גלעזעל מיט וויין, און שטעלט זיך הערמיט הינטער דער טהיר קידוש הערען.

ווי אן אויטאמאטישע פיגור זעהט דאן די איינזאמע זקנה אוים, זי שטעהט, שאקעלט זיך, זאגט שטיל נאך ווארט פאר ווארט, און פון איהרע האלב אויסגעלאשענע אויגען נעהמט בלישטשען א טרעהר נאך א טרעהר.

.1908

אויף דער עלטער

ווען וואלדמאן שטעהט אויף אין דער פריה, איז שוין קיינער, אויסער איהם, אין הויז ניט. דער זוהן מיט דער שנוא זענען שוין פון לאנג אונטען, אין זייער רעסטאראנט; דאס אייניקעל — אין סקוהל, און וואלדמאן געפינט זיך יעצט איינער אליין אין אלע פינף צימערען.

ארויסגעהענדיג פון זיין בעזונדערן צימערעל, טהוט ער א גע־שמאקען גענעץ, גלייכט זיך אויס און געהט אריין אין קיך. דארט וואשט ער זיך איין, הוסט זיך פריי אויס, שטעלט פאר זיך צו אויפקאכען א גלאז טהיי, און נעהמט אונגעשטערט שפרייזען — אהן א ראק־און־וועסט, מיט ארונטערגעלאזענע הויזען־טרעגער פון איין צימער אין צווייטען.

פריי אריינקומען אין יעדען צימער, קען ער אפילו ווען ער וויל; ער איז זיכער, אז קיינער וואלט איהם חלילה דערפאר קיין מאל קיין שלעכט ווארט ניט געזאגט. נאר אז די קינדער זענען אין הויז, וויל ער דאס אליין ניט; ער פערשטעהט, אז מיט יונגערע מענ־שען וואס מעהר מ׳איז מיט זיי פון וויטען איז אלץ בעסער. מען האט איהם אפגעגעבען זיינע פיער ווינקעלעך, איז ער זיך גאנץ צופריעדען; שטופען זיך גלאט דארטען, וואו ס׳איז ניט נויטהיג, האט ער ניט ליעב.

אין דער פריה אבער, אז קיינער איז אין הויז ניטא, האט ער א פערגעניגען ארומצוקוקען זיך וואס אין הויז טהוט זיך. ער בע־טראכט אלעם מעשה אלטער בעל הבית; פרובירט אויב עס איז ניט אפען ערגעץ א טהיר, א שיפלאד, און ער פיהלט בשעת׳ן ארומגעהן, ווי ער וואלט דא גאר א פרישער מענש געווען. זייט ער האט דעם זוהן איבערגעגעבען דאס געשעפט, האט זיך דא כמעט אלעם גע־ענדערט; קיין צייכען אפילו ניט מעהר פון׳ם אלטען מעבעל... אלעם איז ניי, אלעם פינקעלט און גלאנצט. — ביז איצט איז איהם אפילו נאך ניט אויסגעקומען רעכט צו בעטראכטען וואס אין הויז טהוט זיך — אלץ אין געשעפט פערטהאן געווען....

פארבייגעהענדיג דעם זוהן׳ס שלאף־צימער, בלייבט ער א ווײלע שטעהן, קוקט אויפ׳ן ריינעם, זויבערען בעט, בעטראכט דאס קלאָ־רע, ווייסע בעט־געוואנט, און ער קען זיך ניט איינהאלטען פון א טאפ טהאן א קישען.

— זיין עטעלע'ס בעט־געוואנט, זאָל זיך מיהען — גיט איהם דערביי א ציה אין הארצען. — פיער קישען מיט צוויי איבער־בעטען פון איהר געבליבען... אליין נאָך מיט איהר אייגען מויל אָב־געזאָגט דאָס פאר די קינדער — העלפט פאר'ן זוהן, און העלפט פאר דער טאָכטער. — היימישע סחורה — לויבט ער דאָס בעט־געוואנט אין געדאנק — אמת'ער פוך...ביידע האָבען זיי צו דער חתונה כמעט דאָס זעלבע בעט־געוואנט געקראָגען. ער געדענקט נאָך אפילו ווי היינט דער שוויגער'ס ווערטער, בעת זי האָט זייער בעט־געוואנט אויפגעצויגען... „ביידענס בעט־געוואנט ווי געוואויגען און געמאָס־טען" — האָט זי צופריעדען געשמייכעלט — „אפילו אויף א האָר ניט איין קישען קלענער פון'ם צווייטען"...

— גאָר געטרייע שוועער און שוויגער געווען — דערמאָנט זיך דאן דער אַלטער — ביז אין דער לעצטער מינוט האָבען זיי זיך מיט'ן לעצטען ביסען געטהיילט... אַלץ האָבען זיי פארליעב אָנגענו־מען, אבי אין־איינעם; אבי די קינדער אויף „עבר לים" ניט צו פארשיקען....

די טהיי האָט דער אַלטער ליעב צו טרינקען אין פראָנט־צימער. אין דיעזען צימער פיהלט ער זיך שוין אביסעל היימליכער. דאָ פאלט שוין אָפט זיין בליק אויף עפּעס בעקאנטעס; אויף זאכען, וועלכע ווינקען נאָך צו איהם ווי אַלטע פריינד. אויף איין וואנט הענגען צוויי גרויסע לעבענס־בילדער, — זיינע און עטעל'ס — אין פערגאָלדעטע ראהמען; פון א צווייטער וואנט קוקט ארונטער א קליין לאנד־שאַפטעל, אויסגענעהט אויף קאנווע, וואָס זיין עטעלע האָט נאָך פון דער היים מיט־געבראכט — אַלץ נאָך פון פריהער... סמנים פון זיין פריהעריגען בעל־הבית'ישקייט....

זיצענדיג ביים טיש, האָט וואלדמאן ליעב בשעת'ן טרינקען די טהיי אָנצוטאָן זיינע ברילען, עפענען דעם אלבום, וואָס געפינט זיך נעבען איהם, און בעקוקען די בילדער אין איהם. ער בעקוקט יעדעס בילד בעזונדער, דערקענט זיינע קינדער, די אייניקלאָך, פער־שיעדענע בעקאנטע, ביז עס קומט איהם צו דער האנד א בילד פון זיך מיט זיין עטעלען. עטעלע זיצט אויף א ברייטען געבעטען שטוהל. אויף איהר שויס זיצט בען'קע, דער זוהן זיינער, וועלכער איז נאָך דאן גאָר א קינד געווען. ביי דער זייט, אָנגעשפּארט נעבען א קליין טישעל, שטעהט חנה'לע, די טאָכטער זיינע, אויך נאָך א קינד — אין גאנצען מיט א פּאָר יאָהר עלטער פון בען'קען...

און הינטער זיי שטעהט ער. זיין באָרד איז רונד און שוואַרץ. זיינע אויגען קוקען מיט אַ ברייטען אָפענעם בליק און פון אונטער דער שוואַרצער יאַרמולקע וואָס ער טראָגט אויפ'ן קאָפּ, זעהען זיך נאָך אַרויס זיינע שוואַרצע געדיכטע האָר וואָס ער האָט געהאַט...

— דאָס ערשטע בילד, וואָס ער האָט פון אמעריקא צו די שווער־און־שוויגער געשיקט — דערמאָנט ער זיך — קוים דאָן אביסעל צו זיך געקומען... קוים זיך, ווי עס איז אַ שטיקעל רעסטאָ־ראַנט געעפענט.

לאַנג זיצט וואַלדמאַן אַזוי פערטראַכט איבער דעם בילד, ער בע־טראַכט יעדעס שטריכעלע, יעדע מינע, וואַרפט פון צייט צו צייט אַ בליק אויף די צוויי בילדער וואָס הענגען אויף דער וואַנט. און, בעמערקענדיג די שטאַרקע ענדערונג פון זיין פריהערדיגען אויסזעהן ביז דעם איצטיגען, גנב'עט זיך אין איהם אריין אַ טיעפע בענק־שאַפט נאָך דער פערגאַנגענער צייט... עפּעס ווייזט איהם אויס, אַז די יאָהרען האָבען זיך פון איהם אַזוי גיך אַוועקגערוקט, די צייט האָט איהם אַזוי שנעל אַלט געמאַכט...

ער זעצט דאָן זאָרגפעלטיג אריין דאָס בילד צוריק אין אַלבום, טהוט אַ טיעפען זיפץ און שטעלט זיך אַוועק ביים הויכען שפּיעגעל, וועלכער שטעהט ביי דער אויבען־אָן־וואַנט. צווישען צוויי פענס־טער.

פון'ם שפּיגעל קען זיך שוין וואַלדמאַן אַזוי שנעל ניט אָברייס־בען: ער קוקט זיך גענוי צו ווי ער זעהט אויס, בעטראַכט זיין הויס־בע, עטוואָס געבויגענע פיגור, און עס ווייזט איהם אויס, אַז ער זעהט נאָך גאָר ניט אויס אַזוי אַלט ווי ער איז אין אמת'ן. קיין יונ־גערמאַן, ווייס ער, איז ער שוין ניט. שוין ווייט אריבער זעכציג... זעלטען אַז ער געפינט שוין אויף זיך אַפילו איין שוואַרצע האָר. נאָר די כחות פון דעסטוועגען האָבען איהם נאָך חלילה ניט פער־אָדער עס נעהמט איהם אביסעל פּרעסען אויפ'ן הארצען...דערצו אָבער ס'איז אַ פּייבטער וועטער, גיבען איהם אמאָל אַ חאַפּ די קריזשעס, אָדער עס נעהמט איהם אביסעל פּרעסען אויפ'ן הארצען... דערצו אָבער, איז ער שוין געוואוינט: אין די פריהערדיגע יאָהרען, געדענקט ער, פלעגט עס איהם אָפטמאָל נאָך פיעל מעהר דערקוטשען.

דער אַלטער קוקט זיך נאָך מעהר צו ווי ער זעהט אויס, ער בע־טראַכט זיין ביסעל שיטערע האָר וואָס איז איהם נאָך פערבליעבען אויפ'ן קאָפּ, קעמט זיי אויף פערשיעדענע וועגען, גלעט זיך זיין

רונדע האלב־געשוירענע באָרד, און סטאַרעט זיך דערביי אויסצו־זעהן וואָס מעהר לעבעדיגער, מעהר מענש....

איבערהויפּט האָט ער זעהר ליעב, אַז די באָרד זאָל ביי איהם אימער זיין אַקוראַט; ניט צו לאַנג, און ניט צו קורץ — ארום און ארום ווי איין שניט. און איידער ער געהט אוועק פון שפּיעגעל בלייבט ער נאָך א ווײַלע שטעהן אין אַ גלייכער פּאָזע, קוקט מיט אַ קריטישען בליק ווי די באָרד זעהט אויס און אַז ער בעמערקט אַז זי איז ערטערווייז עפּעס ניט ווי עס בעדאַרף צו זיין, זוכט ער באַלד אָב אַ שערעל, בויגט זיך צו גאַנץ נאָהענט צום שפּיעגעל, און שערט פּאָרזיכטיג ארום יעדעס שפּיצעלע בעזונדער.

מיטאָג־צייט קומט וואַלדמאַן ארונטער צום זוהן אין רעסטאָ־ראַנט. ער געהט פריהער בכבוד'דיג ארום מיט זיין שווארצען גלאַנצענדיגען שטעקען אין האַנד, פון איין טיש צום צווייטען, בע־טראַכט יעדען קאָסטימער, בעגריסט זיי אויף זיין אַלטען שטייגער, און זעצט זיך ענדליך אוועק אין א ווינקעל ביי אַ בעזונדערען טיש.

— וואָס געבען, מיסטער וואַלדמאַן? — קומט צו איהם באַלד צו אַ קעלנער.

וואַלדמאַן קלעהרט אַ ווײַלע, פרעגט פריהער אויס דעם קעלנער אויב ס'איז עפּעס ביזי געווען ביז איצט, ווי שפּעט דער „ברעקפעסט" האָט זיך געצויגען, און ער הייסט זיך דערלאַנגען ניט מעהר ווי אַ טעלער זופּ און אַ קליין שטיקעל זופּען־פלייש.

ביים עסען געפעלט וואַלדמאַן'ען אָפט מאָל ניט דאָס פלייש — אָדער ס'איז אביסעל צו פעט, אַז ניט איז עס אביסעל צו האַרט פאַר איהם צום צוקייען... נאָך אמאָל אָבער שאַפען זיך מיט'ן קעל־נער, וויל ער ניט. הויבט ער זיך אויף, געהט אליין אריין מיט'ן טעלעריל פלייש אין קיך און הייסט זיך געבען וואָס פאַר אַ פלייש עס געפעלט איהם.

נאָך'ן עסען געהט ער זיך ווידער אביסעל דורך איבער'ן רעס־טאָראַנט. טרעפט ער זיך מיט אַ בעקאַנטען, האָט ער ליעב מיט איהם צו פערציהען עפּעס אַ געשפּרעך, אַז ניט, געהט ער צו צום קאַונטער, פעררויכערט זיך אַ ציגאַר, לאָזט דערביי פאַלען עטליכע אונבעדייטענדע ווערטער צום זוהן און געהט ארויס אין גאַס.

אין גאַס בלייבט ער אַ ווײַלע שטעהן מיט'ן ציגאַר אין מויל, טראַכט וועגען עפּעס אונבעשטימטעס, לאָזט גלייכגילטיג ארויס

וואָלקענדלעך רויך פון'ם מויל, און בעשליעסט ענדליך צו געהן אבי־סעל בעזוכען די טאָכטער.

ער וויים אפילו, אז די לעצטע צייט איז ער ביי דער טאָכטער ניט זעהר קיין אנגענומענער גאסט. זייט ער האָט דעם זוהן אי־בערגעגעבען דאָס געשעפט, האָט זי אויף איהם א שטיקעל תערומות...

אין גאנצען אונגערעכט, פערשטעהט ער, איז זי אפילו ניט; צוגעבען אָבער, אז זי איז גערעכט, קען ער אויך ניט. ווארום ווי עס איז, האָט זי זיך חלילה ניט וואָס צו בעקלאָגען; דאָך וואָס איהר האָט געקומען, האָט ער איהר געגעבען; פערזאָרגט זי מיט א שעהנעם אויסשטייער, געעפענט איהר אַן אייגענעם וואורשט סטאָר, פון וועלכען זי מאכט זיך, גאָט צו דאנקען, א גאנץ שעהנעם לעבען, — דער זוהן האָט זיך פּאָרט מיט ליידיגע הענד צו עפּעס אַנדערש ניט געקענט נעהמען. ער איז פאָרט, ווי מען זאָגט, אין רעכטאָראנט כמעט אימער דער גאנצער אויפטהוער געווען.

נאָר צוליעב דעם ברוגז זיין מיט דער טאָכטער — דאָס וואָלט ער קיינמאָל ביי זיך ניט געקענט פועל'ן. ווי נאָר ער קומט ארויס אין גאס, נעהמט איהם אַהין ציהען ווי א מאגנעט. ניט אזוי צוליעב דער טאָכטער, ווי צוליעב די קינדער. פאר די אייניקלאך וואָלט ער א האלב לעבען אָבגעגעבען.

די טאָכטער בעזוכט וואָלדמאַן אַם מייסטען אין וואורשט־סטאָר. איידער ער געהט אַהין אריין, טהוט ער פריהער א קוק דורכ'ן פענסטער וואָס אין סטאָר טהוט זיך, — איז ביזי, וויל ער איהר ניט שטערען, און ער לאָזט זיך בעגניגען בלויז מיט'ן גאנג. אז ניט, געהט ער אריין, זאָגט „גוט מאָרגען“, אָדער „גאָט העלף“, און זעצט זיך רוהיג אוועק ערגעץ אין א ווינקעל, ווי אַן אלטער בעקאַנטער....

דערזעהענדיג דעם „אלטען“, בעגריסט איהם דער איידעם מיט א שטומען שאָקעל מיט'ן קאָפּ, די טאָכטער פרעגט איהם, פאר יוצא וועגען, וואָס ער מאכט, דערלאַנגט איהם אמאָל א גלאָז טהעע, און ווייטער גאָרנים. מעהר געפינט מען ניט מיט איהם וואָס צו רעדען.

פיעל אנגענעהמער אָבער פיהלט שוין דער אַלטער, ווען ער טרעפט דאָרט דער טאָכטער'ס צוויי אינגערע קינדער — צוויי אינגעלאך אין עלטער פון זיבען און אכט יאָהר.

ווי נאָר ער קומט אריין, לויפען איהם די אייניקלעך באַלד אנטקעגען און נעהמען זיך שטיפעריש מיט איהם ארומשפּיעלען; זיי שלעפּען איהם פאר די הענד, זוכען איהם אין די קעשענעס, פּרובירען איהם אויפהויבען, ביז עס געלינגט איינעם ארויסצו־קריגען פון איהם דעם שטעקען.

דאן ווערט ער מיט'ן זיידען אוים מחותן, און נעהמט מאכען מיט'ן שטעקען פערשיעדענע קונצען; ער רייט אויף איהם אי־בער'ן כטאָר ווי אויף א פערד, פּערמעסט זיך מיט איהם יעדעס מאָל ווי מיט א ביקס, און בלייבט ענדליך שטעהן גלייך, דעם קאָפּ פערריסען אויף ארויף, און פּרובירט דעם שטעקען אוועק־שטעלען אויף איין פינגער...

קען עס די מוטער ניט ליידען און צושרייט זיך:

— ווילסט עפּעס א שאָדען טהאָן, הא?! — שטעל שוין אוועק דעם שטעקען!

דאָס זוהנדעלע מאכט זיך אָבער ניט וויסענדיג, און וויל דוקא אויספיהרען זיין קונץ. געהט שוין די מוטער צו אָן אויפגערעגטע, רייסט ביי איהם מיט כעס ארויס דעם שטעקען און שטעלט איהם אוועק נעבען „אלטען". לויפט דערוויל אונטער דער צווייטער, טהוט פלינק א כאַפּ דעם שטעקען, און נעהמט מאכען דיזעלבע קונצען וואָס דער ברודער... פּערדריסט עס דעם ערשטען, און צווי־שעןביידע קינדער ווערט א רייסעריי; דער רייסט דעם שטעקען צו זיך, און דער צו זיך; מישט זיך אריין דער זיידע און מאכט צווישען ביידע אייניקלאָך א פשרה: ער גיט דעם אויף א קאטאָ־ווען א פעטשעל, דעם צווייטען א פעטשעל, און נעהמט ביי זיי אוועק דעם שטעקען. ווערט דער עלטערער דערפון שטארק אויפ־געבראכט, און גיט דערפאר דעם אינגערען ברודער'ל א שטויס פון זיך. פאלט ער אום און צוּאוויינט זיך. ווערט שוין די מוטער אָן אָנגעצונדענע און צושרייט זיך אויפ'ן אַלטען:

— צו וועלכע גוטע יאָהר גיסטו זיי דעם שטעקען? וויפיעל מאָל איך האָב זיך שוין ביי דיר געבעטען: קומסט אריין, האלט דעם שטעקען נעבען זיך! קען איך דאָס קיינמאָל ביי דיר ניט פועל'ען! וואָס ווילסטו, די קינדער זאָלען זיך חלילה פאר קאַ־ליקעס מאכען?

אנשטאָט אָן ענטפער בעווייזט זיך דאן אויפ'ן אַלטען'ס פּנים א גוטמוטהיגער שמייכעל, און ער נעהמט מיט ליעבע איינשטילען דאָס וויינענדע אייניקעל.

פון דער טאָכטער געפינט שוין וואַלדמאַן ניט וואוהין צו געהן, א חוץ צוריק אין רעסטאָראַנט.

אין דיעזער צייט איז אין רעסטאָראַנט געוועהנליך שטיל, שטילער ווי פריהער. עס הערט זיך יעצט בלויז פון צייט צייט, אַן אָבגעריסען געשפּרעך פון עטליכע פערשפּעטיגטע מיטאָג־עסער, א צוּבראָכענער קלאַנג פון געשיער, מיט וועלכען מען פּאַרעט זיך אין קיך.... און צוזאַמען מיט דיעזען גערויש שניידט זיך יעדעס מאָל דורך א העלער קלונג פון „קעש־רעדזשיסטער“.

וואַלדמאַן קומט אריין, געהט, ווי געוועהנליך, פערביי יעדען טיש, קוקט, זוכט מיט די אויגען. עס וואָלט זיך איהם יעצט זעהר געוואָלט טרעפען א מענשען, מיט וועמען ער זאָל קענען אביסעל פערברענגען.

ניט האָבענדיג מיט וועמען די צייט צו פערברענגען, לייגט זיך איהם עפּעס א מרה שחורה אויפ'ן הארצען; ער ווערט אונ־רוהיג, אונצופרידען; קען זיך פּאַר לאַנגווייליגקייט קיין אָרט ניט געפינען.

— דערלאַנג מיר א גלאָז טהיי, — בעפעהלט ער פּלוצלונג א קעלנער.

ער זעצט זיך אוועק ביי א טיש, וואַרפט אַרום זיך אונרוהיגע, פערזאָרגטע בליקען, און אז מען דערלאַנגט איהם ניט אזוי שנעל די טהיי, ווערט ער שרעקליך אונגעדולדיג.

—נו? — דערמאָנט ער נאָך אמאָל דעם קעלנער מיט א בע־פעהלענדען טאָן, — דערלאַנגסט א גלאָז טהיי?

אז ער קריעגט די טהיי, נעהמט ער די גלאָז אין האנד, קוקט זיך אין איהם גוט איין געגען ליכט, ווי דער קאָליער זעהט אויס, בעטראַכט עטליכע מאָל דאָס שטיקעל לימענע, און עס איז ביי איהם קיין שום ספק ניט, אז דער קעלנער האָט איהם יעצט אומיסטען געגעבען א בלאַסע גלאָז טהיי מיט א קליין שטיקעל לימענע.... קאָכט אין איהם אויף דאָס בלוט.

— כדאי אמאָל אָנצולערנען אזעלכע יונגאַטשעס! — לויפט איהם דורך א געדאנק, און ער פיהלט ווי א גאַס טהאָן די גלאָז טהיי דעם קעלנער אין פנים אריין...

נאָך דער טהיי טהוט וואַלדמאַן אָן זיינע ברילען און פערטיעפט זיך פּאַר לאַנגווייליגקייט אין א צייטונג.

זיצענדיג אזוי א צעהן מינוט, פאַנגט איהם אָן שווינדלען פאַר

די אויגען, און עס נעהמט איהם שטארק שלעפערען. זיינע גליע־דער ווערען וואס ווייטער אלץ שוואכער, זיין קאפ לאזט זיך אלץ טיעפער אראב אויף זיין ברוסט; ער הויבט אן דרעמלען און ווערט ענדליך אנשלאפען אין א שטארקען שלאף.

קומט צו דער זוהן און נעהמט איהם וועקען:

— טאטע, טאטע... שטעה אויף.... ס'פאסט ניט...

דער שלאפענדער כאפט זיך אויף, בלייבט א ווײלע זיצען מיט אפענע אויגען און שלאפט באלד ווידער איין.

קומט דער זוהן ווידער צו:

— טאטע... ביסט מיעד, געה בעסער ארויף אויבען און לייג זיך צו א ביסעל. ס'זעהט ניט שעהן אויס...

דאס מאל כאפט זיך שוין דער אלטער אויף א ביסעל צו־שראקען, טשוכעט זיך אויס, קומט צו זיך, און הויבט זיך אויף מיט א פוילען גענעץ.

א פאר מינוט שטעהט ער אזוי פערטראכט מיט שטאר־פערשלאפענע בליקען. דאן רוקט ער זיך, וואקלענדיג, ארוים דורך דער הינטערשטער טהיר, געהט ארויף אין זיין צימעריל און לייגט זיך שלאפען, ווי ער שטעהט און געהט.

אבענד־צייט, ארום זעקס, זיבען א זייגער, קומט וואלדמאן ווידער ארונטער אין רעסטאראנט.

אין דיעזע שטונדע איז אין רעסטאראנט געוועהנליך שטארק ביזי: די טישען זענען אלע בעזעצט מיט קאסטאמער, די קעל־נערס לויפען אום הין און צוריק פערטהאן אין זייער ארבייט, דער זוהן מיט דער שנור זיינען בעשעפטיגט, — עס רודערט זיך ווי אין א מיהל!

אין אזא צייט איז וואלדמאן'ען שווער צו געפינען פאר זיך א פלאץ צום זיצען. בלייבט ער שטעהן נעבען ארייננאנג פון דער קיך־טהיר, קוקט מיט נייגעריגע בליקען ווי אלעס געהט צו, און וואס מעהר ער קוקט, אלץ וויניגער געפעהלט איהם דעם זוהן'ס פיהרונג... עס דוכט זיך איהם, דאס קיין שום זאך פיהרט זיך עפעס יעצט ניט ווי עס בעדארף צו זיין — עפעס גאר נישט דאס וואס איז געוועז....

איבערהויפט שלאגט איהם צום הארצען צו צוקוקען דאס ארבייטען פון די קעלנערס... ביי איהם אין אזא צייט פלעגט די ארבייט איינפאך פליהען, ברענען אונטער די הענד!...

ביי אזעלכע געדאנקען ערוואכט אין דעם אלטען בעל הבית א שטארקער פערלאנג עפעס מיט־צוהעלפען; אריינוואַרפען זיך אין סאמע קאך און עפעס טהאן, ניט שטעהן ליידיג....

ער לאזט זיך דאן געהן מיט לאנגזאמע טריט פון איין טיש צום צווייטען, פאסט אויף, אויב אלעס איז אין אָרדנונג, אויב אימיצער פערלאנגט ניט עפעס, און אז ער בעמערקט ערגעץ אויף א טיש א לעערע גלאז, אָדער א טעלער, נעהמט ער זיך דערביי פאַר־זיכטיג פאַרען...

קומט אין מיטען דערינען אונטער א קעלנער און אונטער־ברעכט איהם:

— כ'האב אייך שוין וויפיעל מאל געבעטען, מיסטער וואלד־מאַן, אז צו מיינע טישען זאלט איהר זיך ניט מישען, — איהר וועט נאך עפעס צוברעכען, דערנאך וועט דער באס צו מיר האבען טענות.... טהוט מיר בעסער קיין טובות ניט; איך וועל זיך שוין ספּראַווען אָהן אייך!

וואלדמאַן'ען פערדריסט עס אפילו א ביסעל, נאר שטעלען זיך אויס'טענה'ן אין אזא צייט מיט א ליאדע גאָרנישט, איז ניט כדאי. טהוט ער א גלייכגילטיגען ציה מיט די אקסלען, א מאך מיט דער האנד, און שטעלט זיך צוריק אויף זיין פריהערדיגען פלאץ.

שפּעטער צו, ווען אין רעסטאראנט איז שוין נאך דער ביזי, זעצט זיך וואלדמאַן ברייטלעך אוועק ביי א טיש, עסט עפּעס אָב און נעהמט זיך מיט א בעקאַנטען שפּיעלען א „דאָמינאָ“.

ביים שפּיעלען האט שוין וואלדמאַן זיינע בעלנים, וועלכע האבען ליעב צו צוקוקען ווי ער שפּיעלט. זיי זעצען זיך דאן אוועק נאָהענט נעבען איהם, גיעבען אכטונג אויף יעדען „גאנג“ וואס ער מאכט, רעכענען איבער די שטיינער, האמפּערען זיך און גיבען איהם יעדעס מאל עצות, וועלכער שטיין עס איז פאר איהם בעסער פריהער „ארויסצוגעבען“.

ששא! — מאכט דאן וואלדמאן אין א געלאסענעם טאָן, אריינקלעהרענדיג זיך אין די שטיינער — נאר ניט געגעבען קיין עצות; נאר וואס וויניגער זיך אריינגעמישט. בלויז איין מי־נוטעלע, און מיר וועלען באלד זעהען וואס מיר קענען אויפטהאן.

— ארויסגעגעבען האט ער, הייסט עס, א דרייערעל, הא? — חזר'ט ער נאך אמאל איבער דעם ארויסגעגעבענעם שטיין פון זיין מיט־שפּיעלער, — אויב א דרייערעל, קענען מיר אנדערש ניט

טהאָן, ווי אריינקלאַפּען אַזוי פּיעל, ווי אַ דרייער מיט... זאָל זיין מיט אַ פּינפּטעל!

— הייסט עס, האָט איהר געגעבען מיט אַ פּינפטעל, הא? — ישוב'ט זיך שוין דער מיט־שפּיעלער אַביסעל פער'ראגה'ט איבער זיינע שטיינער.

— אַ פּינפּטעל, אַ פּינפּטעל, — קוקט אויף איהם וואַלדמאַן מיט אַ רייצענדען בליק, — ווי שמעקט עס דיר עפּעס, הא?

— ניט געפעהרליך, — טרויסט זיך דער צווייטער, — זאָל זיין מיט אַ זעקסטעל.

— אויב אַזוי, — קוקט שוין וואַלדמאַן מיט זיכערהייט, — זייגען מיר דאָך שוין טאַקע אויף אַ וועג.... אצינד, קינדערלעך, מאַך איך מיר טאַקע אַזוי גוט ווי נאָך אַמאָל, ביידע פינף, און איהר קענט אייך אַלע געהן אין חדר אריין... שפּיעלערס מיינע, — רייצט ער די צושויערס מיט איראָניע, — איהר זעהט כאָטש וואָס איך וואָלט געהאַט ווען איך פּאַלג אייך?... יעצט, ווי ער זאָל זיך ניט דרייהען, קען ער זיך שוין אַליין קיין עצה ניט געבען! איהר פערשטעהט? אי ער איז יעצט געבליבען מיט'ן דאָבעל־זעקס אין האנד, אי איך האָב איהם אָבגעשמיסען אויף ביידע זייטען....

גאַנץ אנדערש אָבער פּיהלט שוין וואַלדמאַן, ווען דאָס שפּיעלען גיט זיך איהם ניט איין.

— פאַרוואָס זעצט איהר אייך ניט אַמאָל אויף יענער זייט?!

— ווערט ער אונצופרידען מיט די צושויער, — שטענדיג נאָר נעבען מיר! כ'קען ניט ליידען, אז מען טרובעט מיר אין די אויערן אריין!...

אַז וואַלדמאַן שלאָפט ביי־טאָג, איז איהם שוין ביי־נאַכט שווער אַזוי גיך איינצושלאָפען. ער ליגט דאַן פיעלע שטונדען אויף זיין געלעגער, דרייהט זיך אויף אַלע זייטען, וואַרפט אַ בליק יעדעס מאָל צום פענסטער, קוקט לאַנג מיט שטאַרע בליקען אין דער פינסטערניש פון דער נאַכט, און אָפטמאָל נעהמט איהם אין דער צייט עפּעס שטאַרק פרעסען אויפ'ן הארצען.

טרויעריגע מחשבות נעהמען זיך דאַן פּלאָנטערן אין זיין מח; שרעקליכע בילדער קריכען ארויס פאַר זיינע אויגען, — אַלעס ווינקט צו איהם מיט שרעק, אַלעס איז פאַר איהם אַנגעלאָדען מיט מרה שחורה.

אין אזעלכע מאמענטען דערמאנט ער זיך אפט אן זיין פערשטארבענע עטעלע... אין אזא פאל וואלט זי שוין רוהען ניט געקענט; זי וואלט איהם באלד א הייסען קאמפרעס צוגעלייגט, אזא סארט טהיי פאר איהם אויפגעקאכט, — ביז אין דער לעצטער מינוט האט זי אן איהם ניט פערגעסען; צופערופען יעדעס מאל די קינדער, און געהאלטען אין איין אנזאגען זיי זאלען אויף איהם אכטונג געבען, גוט אפהיטען דעם קראנקען טאטען...

קלאהר און דייטליך שטעהט דאן זיין עטעלע'ס געשטאלט פאר זיינע אויגען; ער זעהט איהר טוידטען פערגליווערטען קערפער, איהר געלע געזיכט, די האלב־אפענע פערשטארטע אויגען, — און נאך שווערער ווערט איהם אויף'ן הארצען, נאך שטארקער פאלט אויף איהם אן א פחד, — א פחד פאר עפעס ניט קלאהרעס, אומבעוואוסטעס...

.1909

צווייגען פון לעבען

(ראמאן אין פיער טהייל).

1.

פ ר י ה ל י נ ג.

עס איז פריהלינג אויף גאט'ס וועלט. די נאטור האט אבגעטרעסעלט פון זיך דעם לעצטען שפור פון ווינטער און זיך אין איהרע פריהלינגס־מלבושים אויסגעפוצט. אלעס האט אויפגעלעבט מיט א נייעם, פרישען לעבען — פריהלינג!

ווי דאס אויסזעהן פון א שווינדזיכטיגען מענשען, אין וועלכען עס איז נאך פערבליבען דאס לעצטע שטיקעל לונג, קוקט דער שאפ אויס: די לופט איז פערשטיקט; די פענסטער זיינען מיט מאט־גרויע הייטלאך פערצויגען; די סטעליע — שווארץ פון שמורציגע רויך־פלעקען; און פון די גרינע אבגעבליאקירטע ווענט קוקען ערטער־ווייז ארויס די נאקעטע ציגעל פון אויסגעביסענע לעכער; סטארטשען ארויס און זעהען אויס אין דער גרויער ליכטיגקייט, ווי אויסגעשטשירעטע צייהנפון א סקעלעט.

שטום ווי אויטאמאטישע פיגורען, שורות־ווייז, זיצען די ארבייטער פערטהאן אין זייער ארבייט. טייפליש שנעל בעוועגען זיך זייערע גליעדער, בליץ שנעל פינקלען זייערע אויגען. יעדער וויל וואס מעהר ארייכאפען, יעדער סטארעט זיך צו איבערשטייגען דעם צווייטען.

און עס רוישען די מאשינען, עס שוויצען די געזיכטער, עס הילכען די פרעס־אייזענס, עס קרעכצען די טישען — די ארבייט פליהט, פאלט איינס אויפ'ס אנדערע; עס וואקסט א פאק נאך א פאק.

* * *

„ער“ זיצט ביין איין מאשין, און „זי“ ביי דער צווייטער. אין שאפ האבען זיי זייער ערשטע בעקאנטשאפט געשלאסען, ביי דער ארבייט זיך מיט די ערשטע ליעבעס בליקען דורכגעווארפען און שפעטער זיך אייביגע ליעבע געשווארען.

זי, פון איהר זייט, איז זיכער, אז זי נארט זיך ניט אין איהם; זי ווייס וואס פאר א מענש ער איז; זי קען זיין כאראקטער; זי

וויס, אז ער איז א גוטער פערדיענער, אז זי וועט פאר איהם געווים לעבען גליקליך און צופרידען.

זיין צופרידענהייט האט אויך קיין גרענעץ ניט. זייט ער קען זיך מיט איהר, פיהלט ער זיך צו איהר איבערגעבען מיט זיין גאנצען לעבען, מיט זיין גאנצער נשמה. יעדער בליק איהרער עפענט אין איהם א פרישען קוואל פון ליעבע, יעדעס ווארט איהרס דרינגט אין איהם אריין א נייעם שטראם פון לעבען.

און ביידע לעבען זיי דורך שטילע, גליקליכע מעמענטען. יעדער איינער מאלט זיך אין זיין פאנטאזיע א שעהנע, א גליקליכע צוקונפט.

זי איז מעהר ניט קיין שאפ־מיידעל, זי איז א בעל הבית'טע פאר זיך, האט אן אייגענעם היים. פריינדינעס קומען ארויף און זעהען איהר מקנא וואס פאר א הויז זי פיהרט, ווי גליקליך זי לעבט מיט איהר מאן... און אלעס איז איהר אזוי ליעב, אזוי טהייער... יעדע קלייניגקייט איז איהר צום הארצען, יעדעס ווינקעלע איז איהר הייליג.

ער טראכט וועגען עפעס אנדערש. ער איז שוין אביסעל פראקטישער. אין זיין מח פלעכטען זיך יעצט גאנץ אנדערע פלענער. באלד נאך דער חתונה דענקט ער ארויסצונעהמען זיינע עטליכע אבגעשפארטע דאלער פון באנק און אנפאנגען עפעס א ביזנעס. ער האפט, עס וועט געהן... ער וועט טרייען זיך ארויפארבייטען. ער וועט טהאן אלעס מעגליכע, אבי פטור צו ווערען פון'ם שאפ...

2.

זומער.

די זונן שיסט מיט הייסע שטראהלען, ברענט ווי מיט גליהענדע ריטער. אלעס לעבט, שטרעבט און בעוועגט זיך; דאס קלענסטע בעשעפעניש רייסט זיך צום לעבען.

מאן און ווייב האבען א „קענדי־סטאר" און וואוינען אין צוויי פינסטערע צימערלעך הינטער די „ביזנעס"....

ווען ניט זייטיגע צושעפענישען, וואלט מען אפשר געקענט פון די ביזנעס א לעבען מאכען, — האט מען אבער צרות פון קינדער... איין קינד איז שוין געשטארבען פון דיפטעריע; און דאס צווייטע איז אויך אפט קראנק...

ציטערען טאַטע־מאַמע פאַר זייער בלוט און פלייש. דער לעצטער דאָלאַר געהט אַוועק אויף דאָקטוירים און אויף מעדיצין. קלעקען ניט די פערדיענסטען, און מען מוטשעט זיך, שונאי ציון, מיט'ן טויט. ער ארבייט און זי גיט אַכטונג אויף די ביזנעס.

קען זי זיך אַליין קיין עצה ניט געבען. קונים קומען אַריין. קינדער בעפאַלען זי מיט פענים.... און איהר אייגען קינד רייסט זיך דערוויל, האָט שוין קיין כחות ניט צו וויינען.

אבענד־צייט וואָלט איהר שוין אפשר א ביסעל גרינגער געווען — ער קומט אַהיים פון דער ארבייט, העלפט ער אביסעל צו — קען ער אָבער לאַנג ניט איינשטעהן. ער איז אַזוי מיעד, אַז ער פאַלט פשוט פון די פיס; — פאַלט ער אַנידער ווי א גע'הרג'עטער און זי בלייבט ווידער אַליין, וואַלגערט זיך אַב גאַנצע נעכט, אַז זי האָט שוין קיין כח ניט די פיס צו שלעפּען.

.3

ה ע ר ב ס ט.

ס'איז פויל און קאַלטלעך. געדיכטע בלייענע וואָלקענס ציהען זיך איבער'ן הימעל. א שניידענדער ווינד מאַכט א קאַראַהאָד פון געלע אַראָבגעפאַלענע בלעטער; קאַלט זענען די שטראַהלען פון דער זונן — קאַלט ווי די ליעבע פון א שטיעף־מוטער.

ער ליגט קראַנק און זי זיצט ביים מאַשין...

זיינע בליקען זענען שטאַרע און מוטנע; זיין קערפּער איז איינגעשרומפּען; די ברוסט בעוועגט זיך לאַנגזאַם פון שווערען אָטהעמען; אויף זיין בלאַסען ביינערדיגען פנים ליגען, ווי פלעקען, צוויי רויטע פליאַמעס...

— פרישע לופט און גוטע נאַהרונג, — דאָס איז דעם דאָקטאָר'ס איינציגער ראַטה.

פעראיין־ברידער און לאַנדסלייט מיהען זיך יעצט פאַר איהם... מען וויל איהם ערגעץ אַוועקשיקען, נאָר עס פעהלען נאָך פאַרלויפיג די מיטלען דערצו. דערוויל שווייגט מען ניט, מען פאַרעט זיך... פאַרהאַנען קליינע קינדער וואָס ווילען עסען — איינס האָט מען שוין, דורך א רעקאָמענדאַציע, ערגעץ אין א קינדער־אַנשטאַלט פערזאָרגט. פאַר די איבעריגע זאָרגט מען אויך. מען לאָזט זיי דערוויל ניט פאַלען, מען איז דאָך מענשען...

שווער צו בערוהיגען זיך איז נאָר דער אָרימער מוטער, — א

טאמע׳ס הארץ טהוט ווייה... פרעמדע הענד וועלען איהר קינד ברוים געבען....

דאס זעלבע פיהלט אויך דער קראנקער פאטער, נאר ער שווייגט; ער פערשטעהט זיין לאגע און שטיקט אלעס אין זיך... ער וואלט וועלען, מען זאל איהם שוין אוועקשיקען. — ער פיהלט, ווי פון טאג צו טאג געהען איהם די כחות אוים.

4.

ווינטער.

קאלטע גרויע טעג. דער הימעל גרוי, די ערד גרוי; אין דער לופט ווירבלען זיך קליינע שניי־וואלקענדלעך; אויף די שויבען וועבען זיך פערגליווערטע פראסט־צווייגען.

„זי“, אין דרייען געבויגען, זיצט א פערצווייפעלטע אין גאס, און היט א ביסעל אנגעווארפענע מעבעל וואס געפינט זיך ארום איהר....

אונבעוועגליך, ווי אן אויסגעהאקטע סטאטוע, זעהט אוים איהר געבויגענע פיגור, בלוי און פערצוייגען זעהען אוים איהרע ליפען און שטיל, מיט א שטומען בעטענדען בליק, קוקען איהרע אויסגעלאשענע אויגען.

מענשען געהען פערביי, ווארפען קאלטע גלייכגילטיגע בליקען, און געהט ווייטער — אן אלטע, אלטע ערשיינונג...

— האט רחמנות, אידישע קינדער, — רייסט זיך יעדעס מאל איהר שוואכע שטימע, ווי דאס ודוי־קול פון א גוסס, — העלפט אן ארימע אונגליקליכע אלמנה מיט קליינע קינדער — טהוט א מצוה...

1909.

II.

גאסען בילדער

אין דער פרייער נאַטור

אַ פריהמאָרגען.

די נאַכט גייגט איהר שוואַרצען קאָפּ און לאָזט איהר פּלאַץ פאַר'ן טאָג.

דער טונקעל־בלויהער הימעל ווערט אַלץ ליכטיגער, העלער, די שטערען צאַנקען, לעשען זיך... די קלאָרע לבנה ווערט בלאַסער, בלאַסער — שווימט בנעימות'דיג אין דער טיעפער בלויהקייט, בע־האַלט זיך פון צייט צו צייט אונטער אַ דינעם דורכזיכטיגען וואָל־קענדעל; ערשיינט ווידער; ענדיגט איהר שטילען מאַרש־רוט, ווי אַ מיעדער נאַכט־וועכטער, וועלכער האַלט אין פערלאָזען זיין פּאָסטען.

ווייט, אין דער טיעפער ווייטקייט פון האָריזאָנט בעווייזט זיך שטיעפעריש די פריש אויפגעהענדע זונן מיט איהר רויטען, פלאַם־פייערדיגען פּנים; קושט מיט איהרע ערשטע שטראַהלען די שפּיצען פון די בוימער, ציערט די פּרעכטיגע ריזען־בערג מיט גאָלדענע פּאַסען און שטייגט אַלץ העכער, העכער....

— קו־קו! — קו־קו!... — בעגריסט די קוקאווקע די ערשטע, דעם ניי־געבוירענעם טאָג.

— פּי־פּי!.. — פּי־פּי! — נעהמען זיך טראָגען פון צווישען די בוימער שטילע, קוים הערבאַרע, ענטפערס פון נאַר־וואָס ער־וואַכענדע פויגלען.

שטיל, אָבגעריסען, ווי דאָס שטילע פּיעסטשען פון אַ פער־שלאָפענעם קינדפּעט־קינד, וואָס זוכט דער מוטער'ס ברוסט, קלינ־גען צו ערשט די טענער; ווערען וואָס ווייטער אַלץ שטאַרקער, העלער און גיסען זיך ענדליך צוזאַמען אין איין פער'כשופ'טען פויגעל־כאָר, אין איין נשמה'דיגען נגון....

— קוקערו־קו־ו־ו! ! — דערהערט זיך פון אַ נאָהענטען פאַרם־הויז דער ערשטער מאָרגען־סיגנאַל פון אַ האָהן.

— קוקערו־קו! — ענטפערט באַלד אַ צווייטער האָהן מיט אַ שוואַכערען קול — קענטיג נאָך גאָר אַ יונגער.

פון דעם קליינעם היהנער־שטאַלכעל, וואָס געפינט זיך ביים פאַרם־הויז, פאַנגען באַלד אָן איינס נאָכ'ן אַנדערען אַרויספליהען

עופות, טהייל מיט „קאקאדאקע"־געשרייען, טהייל שטיל, בלייבען א ווײלע שטעהן, טרעסלען זיך אויס די פעדערן און צו־געהן זיך איינציגווייז אין פערשיעדענע ריכטונגען.

— קוקערו־קו־ר־ו! ! — רייסט זיך באלד ווידער דורך דער פריהעריגער ערשטער קרייה.

דאס מאל בעייזט זיך שוין דער שרייער, אדער דער „זשאנדאר", ווי דער פארמער רופט איהם, א גאנץ היימישער צווישען די היהנער.

דאס איז א רויטער גבור'ישער האהן מיט אן אויסגעצויגענעם שטאלצען האלז, און א פאר הויבע, דיק בעוואקסענע פיס. דאס קול זיינס, ווען ער קרייהעט, קומט ארוים לויטער און שטארק.

נאך אזא קרייהע, גיבען זיך צו איהם באלד א לאז א גאנצע מחנה היהנער; יאגען מיט געשטרעקטע העלזער און פעררינסענע קעפ, און בלייבען געהארכזאם שטעהען ארום זייער פיהרער.

דער האהן, ווי א געניטער קאוואליער, דרעהט זיך בכבוד'יג צווישען די „דאמען", איז זיי יעדעס מאל מכבד עפעס צום געניסען, בחור'ט זיך, לאזט פאלען א ליעבעס חן'דעלע, און נעהמט זיך באלד שדכנ'ען צו אייגער פון זיי מיט א שטארקען אפעטיט... ער דרעהט זיך ארום איהר פריהער א פאר מאל ארום, טהוט יעדעס מאל א קאקעטישען ציטער מיט א פליגעל, און גיט זיך צו איהר ענדליך א לאז מיט א דרייסטע ליעבעס־ערקלעהרונג.

די „דאמע" אבער איז דאס מאל דוקא איינגעשפארט און וויל יעצט בשום אופן מיט מסכים זיין צום שדוך... זי טהוט שעלמיש א שפרונג אפ און לויפט אוועק ווי א שעהמעוודיגע כלה־מיידעל, וועלכע דערזעהט צום ערשטען מאל איהר בעשערטען....

דער חתן־בחור וויל זיך אבער ניט אונטערגעבען, און ער לאזט זיך מיט אימפעט נאכיאגען זיין געליעבטע, — זי פאראוים און ער נאך איהר. כאפט דערוויל א צווייטען האהן מיט א קלענערע דעה אויך אן א שטארקער חשק צו דער זעלבער „פריילין", און ער נעהמט בריה'ש איבעריאגען זיין קאמעראד.

אזא פרעכהייט קען שוין דער „זשאנדאר" ניט פערטראגען... גיט ער זיך מיט כעס א לאז צו זיין געגנער און פאדערט איהם באלד אויף צו א דועל....

ביידע בלייבען שטעהן מיט אראבגעלאזענע קעפ, בלאזען אויף די פעדערען פון זייערע העלזער, פיקען א ווײלע מיט די פיסקעס

אן דער ערד; און בעפאלען זיך ענדליך אין א ווילדע רייסעריי; שפרינגען חוצפה'דיג איינער אויפ'ן צווייטען, צופען פון זיך די פעדערען, עסען זיך איין מיט די שנאבלען אין די רויטע פליי־שיגע קעמלעך, — בייסען זיך ביז בלוט!

און די היהנער, ווי שטילע ציכטיגע בעל הבית'טעס, געהען זיך צנועה'דיג ארום, פארכלען מיט די פיס די ערד, קלייבען זשער־נעס, „זשירען" זיך אויף זייער היהנערישען לשון און קוקען אויף די קעמפפער מיט א שטומער צופרידענהייט; שעפען נחת, פונקט ווי עס וואלט איבער זיי קיין בעל דעה ניט געווען....

אויפ'ן בארג.

כמעט יעדען אין דער פריה בעגעגען איך זיך אויף דעם בארג מיט אן אלטען גרויהען פארמער.

דער זקן געהט זיך רוהיג ארום נעבען זיין קליינעם הילצערנעם הייזעל, קוקט אויף אלעמען מיט בליקען פון אן אלטען ערנסטען בעל הבית, און טראָגט זיין אלטע, געבויגענע פיגור מיט די אונ־צעהליגע קנייטשען אויף זיין געזיכט, בעשעפטיגט ער זיך נאך מיט א פרישער קראפט פון א יונגען מענשען; ער שניידט היי, מעלקט די בהמות, גיט אכטונג זיי זאלען ניט פערקריכען צווישען ווילדערנישען, בשעת זיי פאשען זיך, — אלעס איז ביי איהם אב־געהיט ווי אן אויג אין קאפ; יעדע קלייניגקייט וואס בעלאנגט צו זיין בעל הבית'ישקייט שמעקט מיט דער פרישקייט פון א גע־טרייען בעל הבית.

דערזעהענדיג אויפ'ן בארג אימיצען פערבייגעהן, טהוט ער, אהן אויסנאהמע, צו יעדען א העפליכען נייג מיט'ן קאפ און דורך דער שטילקייט קלינגט אב זיין ווייך־באסאָווער קול אין א גע־שמאקען, צוציהענדען „גוד־מארנינג".

אלעס וואס האט א שייכות מיט דעם אלטען איז, דאכט זיך, אנגעזאפט מיט דער ווייכקייט פון דעם „גוט מארגען"; דאס געקנייטשטע, אבגעברענטע פנים, די גוטמוטהיגע בליקען, דער ברייטער שטרויענער „העט" — די גאנצע נאטור, דאכט זיך, ווינקט צו דיר מיט ליעבע — בעגריסט דיך מיט א הערצליכען „גוט מארגען"!

עס ווערט עפעס דאן אזוי לייכט אויפ'ן הארצען... אזוי גוט — אן אמת'ער גוט מארגען קלינגט אין די אויערען!...

צווייטע אבטהיילונג — גאסען ליעדער 18

אָפטמאָל, אין דער פריה, טרעף איך דעם אַלטען איינשפּאַנענדיג זיין ווייס פערדעל — אָדער די „בייבע", ווי ער רופט דאָס.

איידער ער נעהמט זיך צו דער ארבייט בעטראַכט ער פריהער דעם וואָגען פון אלע זייטען, אויב אַלעס איז דאָרט אין אָרדנונג, קוקט נביאות'דיג אויפ'ן הימעל אויב ס'וועט ניט פּאַרקומען עפּעס אַן ענדערונג אין וועטער, און נעהמט געלאַסען ארויספיהרע דאָס פערד פון שטאָל.

— העלאָו, בייבי! — בעגעגענט ער דאָס פערד מיט א הערצליכער בעגריסונג. און איינשפּאַנענדיג עס, רעדט ער דערצו ווי צו א ציטעריגען קינד:

— אָה בייבי, היינט דאַרפען מיר מאַכען א גאַנץ ווייטע רייזע! ביזט אָלרייט, בייבי?....

אנשטאָט אַן ענטפער, טהוט דאָס פערד א פּראַסקע מיט'ן מויל, א פּאָכע מיט'ן עק, לאָסטשעט זיך, פערלייגט די אויערען, נאָרעט איין דעם קאָפּ אין בעל הבית הענד, בלאָזט מיט די נאָזלעכער, און טהוט יעדעס מאָל א צופרידענעם טראַנצע מיט א פערדערשטען פוס, ווי עס וואָלט דאַדורך בעשטעטיגט פאָלקאָמענע צופרידענהייט.

דער פארמער פערשטעהט קענטיג דעם פערד'ס שטומען ענטפער, און ער גלעט עס צופרידען איבער'ן קאָפּ מיט די ווערטער:

— גוד באָי, בייבי! יו אר אָללרייט!...

און מיט כונה, ווי א בכבוד'ער פּאָטער, וואָס וויקעלט צום ערשען מאָל ארום זיין בר־מצוה־קינד די רצועה ארום דער האַנד, טהוט ער פּאַרזיכטיג אָן דער „בייבי" דאָס צוימעל.

ער זעצט זיך דאַן לאַנגזאַם ארויף אויפ'ן וואָגען, טהוט א ליעבליכען סמאַטשקע מיט די ליפּען, א ציה מיט די לייצעס, און לאָזט זיך געלאַסען און זיכער ארונטער פון באַרג.

לאַנג שטעה איך נאָך אויפ'ן באַרג. לאַנג בעגלייטען מיינע בליקען דעם אמת'ען נאַטור־מענשען... איך קוק ווי ער טראָגט זיך מיט זיין ליבלינג־פערדעל דאָ באַרג ארויף, דאָ באַרג ארונטער; פערשווינדעט אַלץ ווייטער, ווייטער און לאָזט הינטער זיך איבער בלויז קליינע געדיכטע שטויב־וואָלקענדלעך.

פערשיעדענע מחשבות שווימען דאַן ארויף אין מיין זכרון, פערשיעדענע בילדער לעבען אָב אין מיינע געדאַנקען — בילדער,

װעלכע װערען מיר עפּעס אין דיזען מאָמענט אזוי ליעב, אזוי טייער....

איך זעה מײנע פערפלאָסענע קינדער־יאָהרען, מײן געבורטס־שטעדטעלע, מײנע חברים; פריעדליכע גוישע הײזלעך, בעדעקט ים שטרויענע דעכער — אלעס װינקט צו מיר מיט ליעבע, שמײ־כעלט פון אונטער דעם פאָרהאנג פון מײן פערגאנגענהײט....

אין אזעלכע מאָמענטען װערען מײנע געדאנקען אָפּטמאָל איבערגעריסען פון א װילדען ברום פון א לאָקאָמאָטיװ, װעלכער יאָגט ערגעץ מיט א טיפלישער שנעלקײט צװישען די בערג — יאָגט, מיטשלעפּענדיג מיט זיך א גאנצע רײהע פון װאגאָנעס, װעלכע שלענגלען זיך, שטײגען באלד העכער, באלד נידעריגער; זעהען אוים פון װײטען װי א ריזיגער קראָקאָדיל װאָלט זיך דאָרט ארײנגעריסען מיט אן אונבעזיעגבארע קראַפט צו שטערען די רוה פון דער נאטור! רײסט זיך, סאָפּענדיג מיט א װילדען אימפּעט אלץ טיעפער, טיעפער — שנײדט רציחה'דיג דורך מיט זײן אײזערנעם קאָפּ די בײכער פון די שטומע, געדולדיגע ריעזען־בערג!....

א טיעפע מרה־שחורה נעהמט דאן מײן הארץ ארום.

פון אײן זײט װינקען גרינע פער'חלומ'טע בערג, קלײנע סודות'דיגע װעלדעלעך פערהילט אין רוהיגע שאָטענס, זאנפטע, בעצױבערענדע פױגעל־געזאנגען, א ברײטער לױטערער הימעל, — און פון דער אנדערער זײט װאַקסט פאר מ'ר אױס, װי אין א געדיכטען גרױען נעבעל, די „מאַנסטער"־שטאָדט, די ריעזיגע חיה, אונטער װעלכער עס צאַפּלען זיך מענשליכע זעעלען!....

און נאָך טרױעריגער װערט מיר אױפ'ן הארצען, נאָך אומע־דיגער אױף דער נשמה. אזױ אומעדיג, אזױ טרױעריג...

א טײל פון דער נאטור װאָלט זיך מיר װעלען פערבלײבען; א בלעטעל פון די צװײגען, א גרעזעלע פון די פעלדער, — א קלײן װערימעל ערגעץ אונטער א פערבאָרגענעם שטײן — נאָר אין דער פרײער נאטור!

מאונטײן־דײל, 1909.

אויף א „קארנער"

פון גאנץ פריה ביז נאך מיטאג טרעפט מען אויף דעם קאר־נער שטעהן אן אלטען איינגעהויקערטען איד מיט א לאנגע גרויע באָרד און קרענקליכע אויגען, וועלכע קוקען דורך א פּאָר גרויסע שווארצע ברילען.

אונטער זיין אָרים האלט ער א פּאַק צייטונגען, קוקט מיט זיינע האלב־אויסגעלאָשענע אויגען אויף אלע זייטען, און אויס־שטרעקענדיג יעדעס מאָל זיין האנד מיט א צייטונג, צו די פער־בייגעהער, בעט ער מיט א רחמנות'דיגער מינע: „גיט א שאָו, אידישע קינדער, קויפט א פּייפּער ביי אן אלטען אידען"!...

אָפט אָבער, איידער זיין אלטער קערפּער בעוועגט זיך צו דערלאנגען א צייטונג, לויפט דערוויל אונטער א פלינקער אינגעל, דערלאנגט שנעל א צייטונג, כאַפּט צו דעם סענט און לויפט אוועק.

— אמעריקאנער קדישים, מישטיינס געזאָגט! — טהוט דער־ביי דער אלטער א טיעפען זיפץ — קיין ברעקעל דרך ארץ האָט עס ניט, פּונקט ווי אין וואלד געוואקסען!...

און דער געשריי פון די יונגע פערביילויפענדע צייטונג פּעד־לער גרילצט עפּעס דאָן אזוי מאָדנע אין זיינע אויערען — גרילצט, ווי זיי וואָלטען זיך דאָס מיט איהם רייצען, להכעיס געטהאָן!...

און אין דעם אלטען'ס הארץ ערוועקט זיך אין דער מינוט א טיע־פער בעגעהר, אָבצורעכענען זיך אָט מיט די קליינע ווייסע חברה־ניקעס.... אריבערלייגען איינעם נאָכ'ן צווייטען, און לערנען זיי דרך ארץ ווי עס בעדארף צו זיין!...

די איינציגע נקמה וואָס דעם אלטען געלינגט אמאָל צו נעהמען פון די „ווייסע חברה'ניקעס", איז ווען איינער פון זיי קומט אמאָל צו איהם צו, אויסבייטען א מטבעה אויף קליין געלד, אָדער אבקוי־פען פון איהם עטליכע צייטונגען אין קאָסט פּרייז...

—נישטאָ!—טהוט זיך דער אלטער א בייזער אויף זיין קאָנקור־רענט—געה געזונדטערהייט! פּאַשאָל וואָן!

ער טהוט דערביי מיט שטאָלץ א גלייך אוים זיין אויסגעבוי־גענעם רוקען, מאכט זיכערער דעם פּאַק צייטונג אונטער זיין אָרים, און אפּעלירט ווייטער, אָבער דאָס מאָל שוין מיט מעהר דרייסטיג־קייט:

—גיט א שאָו, אידישע קינדער! קויפט אַ פייפער ביי אַן אַלטען אידען!...

נאָך מיטאָג פערנעהמט דעם קאָרנער אַן אַנדערער.

א יונגע מיידעלע ברענגט צופיהרען אַ בלינדען מאַן מיט אַ שטעקען אין האַנד, און מיט אַן אויפגעהאנגענער בלעכענע פּושקע אויף זיין ברוסט, וועלכע טראָגט אויף זיך די אויפשריפט: „העלפט אַן אָרעמען בלינדען“...

דאָס מיידעלע געהט באַלד אַוועק און דער בלינדער בלייבט אַליין אויף זיין פּאָסטען.

—אָרעמען בלינדען העלפען!—נעהמען זיך פון איהם באַלד ציהען די ווערטער אין אַ מעלאַנכאָלישען געבעט.

דער קלאַנג פון אַ מטבעה וואָס אימיצער וואַרפט אריין אין זיין פּושקע, רופט אין איהם ארוים אַ מערקווירדיגע צופרידענהייט! דאָס שטענדיגע שנעלע פינטלען פון זיינע פערמאַכטע אויגען, ווערט דאַכט זיך, אין דיעזען מאָמענט רוהיגער, שטילער, די טיעפע קנייטשען אויף זיין שטערען, קלענער—אַ לייכטער שמייכעל, דאַכט זיך, בעוועיזט זיך אויף זיינע ליפען.

ער טהוט פון צופרידענהייט אַ ציה מיט די אַקסלען און נעהמט זיך דערביי מעכאַניש טאַפּען פאַר׳ן ראָק. ער קריכט מיט די פינגער וואָס אַמאָל העכער, העכער, ביז ער נעהמט מיט אַ כיון טאַפען דאָס דעקעל פון דער פּושקע — טאַפּט, וויל זיכער זיין אויב די מטבעה איז אריינגעפאַלען....

אָפּט אָבער, ווען ער שטעהט אַזוי אַב אַ לענגערע צייט, און הערט ניט יענעם קלאַנג... ערוועקט זיך אין איהם, קענטיג אַ טיע־פער פערדרוס. ער נעהמט אונגעדולדיג דרייהען דעם קאָפּ אין אַלע זייטען, לייגט איבער דעם שטעקען פון איין האַנד אין דער צווייטער, מאַכט מיט די פינגער אויטאָמאַטישע בעוועגונגען, און זיינע צוויי בלינדע גריבערדיגע אויגען, זעהען אויס, ווי עפּעס וואָלט זיך אונטער זיי געוואָרפען, געצאַפּעלט...

—אָרעמען בלינדען העלפען!...—רייסען זיך ווידער פון איהם די ווערטער. און דאָס קול זיינס קלינגט שוין יעצט אַנדערש; מיט מעהר כוח, מיט מעהר הארץ...

פאַרנאַכט קומט ווידער צו דאָס מיידעלע, נעהמט איהם אַן פאַר דער האַנד און פיהרט איהם אַוועק.

געהענדיג דריקט ער פעסט די פושקע צו זיך, קלאפט מיט'ן שטעקען איבער די שטיינערנע טראטוארען—און דורך דער דונקעל־הייט פון דער נאכט פערליערען זיך אלץ טרויעריגער די ווערטער:

—ארעמען בלינדען העלפען!...

ביינאכט פערנעהמען דעם קארנער צוויי מיטעליעהריגע פרוי־ען. איינע זיצט אויף א קליין בענקעלע וואס זי ברענגט מיט זיך מיט, האלט אויף איהר שויס א געעפענט שאכטעל מיט טשאקאלא־דעס, און בעט מיט אן איינגעהאלטענעם פערשעהמטען קול:

—העלפט אן ארעמע אלמנה מיט קליינע קינדער, טהוט א מצוה!...

ניט ווייט פון איהר זיצט די צווייטע אויפ'ן הוילען טראטואר, און שפיעלט אויף א קליינער הייזעריגער קאטארינקעלע...

ווי א שטומע סטאטוע זעהט די פרוי אויס. איהר גאנצע פי־גור איז איינגעהילט אין א גרויסער שווארצער שאל, און איינגע־קארטשעט ווי א קנויל זיצט זי און דרייהט די קארבע...

און די הייזעריגע מעלאנכאלישע טענער פון דער קאטארינ־קעלע גיסען זיך, וועקען די געפיהלען פון די פארבייגעהער, און מען גיט א סענט נאך א סענט.

אין די אויגען פון דער צווייטער פרוי ציינדט זיך אן א שטיל פערבארגען פייערעל... די טענער פון דער קאטארינקע ריי־צען זי... דרינגען אריין אין דער טיעפקייט פון איהר נשמה און וועקען דארט א געפיהל פון קנאה...

—העלפט אן ארעמע אלמנה מיט קליינע קינדער, טהוט א מצוה! — רייסט זיך איהר קול וואס אמאל אלץ העכער, מיט מעהר ביטערקייט!

אבער וואס העכער זי אנאנסירט איהר סחורה, אלץ שטארקער שפיעלט די קאטארינקע, העכער קלינגען די טענער!...

שפעט ביינאכט, ווען עס זעהען זיך שוין זעלטענע פארבייגע־הער, ווערען ביידע אנטשוויגען, און נעהמען פארזיכטיג ציילען זייערע פערדיענסטען פון איין האנד אין דער צווייטער, — ציילען און ווארפען דערביי איינער דער צווייטער פער'גנב'עטע בליקען...

—לייזט זיך עפיס?—פרעגט איינע די צווייטע.

—געלויבט איז גאט דערפאר—ענטפערט די טשאקאלאדע פערקויפערען—און ביי אייך?

— נישט מעהר כוח אויף מיינע שונאים און אויף אייערע, וואָס מען מאַכט היינט!—ענטפערט די שפּיעלערין, און איהר קול קומט ווי פון א גרוב—עס קריכט, מיינע שונאים, די אויגען פון קאָפּ, ביז מען דערלעבט צו זעהען א סענט!...

דערהערענדיג מיט אמאָל נאָהענטע טריט פון א פערבייגעהער, ווערעןביידע ווידער שטיל.

און ווידער נעהמען קלינגען די טענער פון דער קאַטערינקע, און פּרוויריג, טרויריג בעט די טשאַקאָלאַדע פערקויפערין:

—העלפט אן אָרעמע אלמנה מיט קליינע קינדער, טהוט א מצוה!..

שפּעט ביינאַכט, ווען איבער די גאַסען פינקלען ווי פערר־יתום'ט די ברענענדע לאַנטערנעס, און דורך דער שטילקייט רייסט זיך פון צייט צו צייט דורך פון ערגעץ א פער'שכור'ט קול, אָדער א קלינגען פון א פערבייפאָהרענדער קאר,—דאמאלס בעווייזט זיך אויף דעם קאָרנער א פריה־צייטיג פערעלטערטע פרוי.

איהרע האָר זענען פריש פערקעמט; פון איהרע מאָגערע איינ־געפאלענע באַקען ווינקען צוויי רויטע שמינק־פליאמעס... און אויף איהר נידריגער איינגעשרומפּענער פיגור, העגנען אָבגעטראָגע־נע נאָבלעסיגע קליידער, — קוקען אויס, ווי אָנגעטאָן אויף אן אל־טער אבלאקירטער וואקס־פיגור...

— פּ־ס־ס!... — גיט זי יעדעס מאָל א סיגנאַל צו א'ן אנדערען פערבייגעהער.

שטום, ווי א'ן אויטאָמאַטישע מאַשין, זעהט דאָן די פרוי אויס; איהר פיגור טהוט זיך יעדעס מאָל א בעוועג פון א פּאָר לאַנגזאמע טריט וואָס זי מאַכט; איהרע אויגען קוקען צושראָקען; ווינקען... רייצען מיט געצוואונגענע קאָקעטישע בליקען — און אב־שטעלענדיג יעדעס מאָל א'ן אנדערען, פערפיהרט זי מיט א שטי־לען געשפּרעך:

—געהסט?...—הערט זיך איהר האלב הייזעריג קול—קום... איך רעכען ניט טייער... כ'האָב אליין א צימער...

און שטיל ווי א שאָטען, פערשווינדעט זי יעדעס מאָל מיט א'ן אנדערען...

.1908

א פאנאראמא

כמעט יעדען אבענד טרעפט מען איהם אויף אן אנדערען „קארנער“ מיט זיין האלצערנעם, פיער־רעדעריגען פאנאראמא־קאסטען.

דאס איז א הויכער עלטערער איד מיט א קורץ־געשוירענעם גרויה בערדיל, און א פאר טיעפע גרויסע אויגען, וועלכע קוקען ארויס פון זיין לענגליכען, מאגערען גזיכט, ווי צוויי טיעפע גריבער.

דער קאסטען, נעבען וועלכען ער שטעהט, פערמאגט פוןביידע זייטען צו עטליכע קליינע, רונדע פענסטערלעך, דורך וועלכע עס שלאגט אב א מאטע שיין פון א ליכט וואס ברענט אינעווייניג. אין דער פראנט זענען פאראן צוויי פערגרעסערונגס־גלעזער, אין דער פארם פון א שפאקטיוו—צו קענען אריינקוקען, און ארום איז דער קאסטען בעהאנגען מיט שילדלעך, אויף וועלכע עס זיינען אויסגעריכטעט די נעמען פון די פערשיעדענע בילדער וואס מען קען דארטען זעהען.

—איין סענט בלוז! — אנאנסירט דער איד זיין סחורה אין א שטילען געלאסענעם טאן — פאר איין סענט קענט איהר זעהן א וועלט־פאנאראמא! די שעהנסטע און ערהאבענסטע בילדער פון דער רייכסטער בילדער גאלעריע!

פערבייגעהער ווערען פעראינטערעסירט און שטעלען זיך אב.

בעקומענדיג א סענט, בעפעהלט דער פאנאראמא־אייגענטהימער זיין קונדע, אריינצוקוקען אין „שפאקטיוו“, און אליין נעהמט ער ציעהען ביי א שטריקעל, וועקסלענדיג דאדורך די בילדער:

— די פראנצויזישע רעוואלוציאן! — ערקלעהרט ער, צייגענדיג, די בעדייטונג פון יעדען בילד בעזונדער — אין דער מיט אויף די באריקאדען שטעהט לואיזע מישעל מיט א רעוואלווער אין האנד, א רויטער לאמפאס איבער איהר ברוסט, — און ארום איהר די מאסע! — רעכטס דאס מיליטער פון פיינדליכען לאגער בעגייסטערט פון איהרע רעדען!... זעהר אן ערהאבען בילד!

— דער קישינעווער פאגראם! — צייגט ער אן אנדער בילד— אין דער לופט בליאסקען העק און מעסערס,— רעכטס ליעגט א צוריסענע פרוי מיט א טוידט קינד ביי איהר ברוסט, און אין דער הויך פליהען פעדערען!... קוקט זיך צו צו דער פערצווייפלונג...

זיהט די ווילדע אויפרעגונג פון די הוליגאנעם!... — א הערליך ביל'ד, א יא?...

זיינע ווערטער רייצען; דער עולם ווערט גרעסער...

— מאונט פאלי! — זעצט ער פארט נאך מיט מעהר בע־גייסטערונג — זעהט ווי גרויזאם עס זעהען אוים די פייער־שפיי־ענדע בערג! קוקט זיך צו צו דער פראכטפאלער חורבה! — רעכטס א באר טוידטע מענשען; לינקס פליהען אבגעריסענע מענשליכע גליעדער, פארברענטע קערפערם... — אפשר א מיאוס בילד? — אן ארט סאן־פראנציסקא!...

די פערזאמעלטע שטופען זיך אלץ נעהענטער צום קאסטען; סטארען זיך דערוויי'ל צו חאפען חאטש איין קוק...

די שלאכט צווישען רוסלאנד און יאפאן! — ערקלעהרט ווײ־טער דער איד — זעהר אן אינטערעסאנטעם בילד! קוקט וויט... גאנץ אויבען זעהט איהר א גענעראל יאגענדיג אויף א פערד, לינקס א בארג פון טוידטע מענשען, און רעכטס—די ריעזיגע פעסטונג אין ייעלכער עס שטעקען נאך די קוילען פון די אויסגעשאסענע קאנא־נען!—וואס טיעפער מען קוקט אלץ מעהר זעהט מען!...

—מיסטער,— קען זיך שוין איינער פון די ביישטעהענדע ניט איינהאלטען פון נייגיעריגקייט, — נאט אייך פאראוים א סענט און לאזט מיך זעהען פריהער...

—דער קוילען־סטרייק פון די פענסילוועניא מיינס! — ענט־פערט דער איד א שאקעל טהוענדיג מיט'ן קאפ, און ערקלעהרט ווייטער, — אויף איין זייט די ארבייטער, און אויף דער צווייטער — די סטייט־מיליץ פארטיג אויף זיי צו שיסען!...

— און דאס איז די גערטין דער פרייהייט! — ענדיגט ער מיט אן ערנסטען טאן — זעהר א הערליכעם בילד. דאס שטעלט פאר ווי די פרייהייטס־גערטין וויינט איבער די פינף געהאנגענע ארביי־טער פון שיקאגא...

ביז שפעט אין דער נאכט טרעפט מען אזוי דעם איד ארומ־שלעפען זיך מיט זיין פרנסה־קאסטען פון איין „קארנער" צום צווייטען.

אפטמאל, ווען עס פערזאמלען זיך ארום איהם א היבשע צאהל מענשען, קומט פלוצלונג אונטער א פאליציי־מאן, צוטרייבט די פערזאמעלטע, און פעריאגט דעם איד מיט דער פאנאראמא.

צושראקען און מיט אן אראבגעלאזענעם קאפ טהוט דער

אַלטער אַ קירעווע זיין קאסטען אין אַן אנדער גאַס, שלעפּט זיי צו ערגיץ צו אַ „קאַרנער“, און גענומט הינטער זיך ווארפען פער־גנב'עטע צופרידענע בליקען, וואָס עס איז אויסגעגאַנגען צום גוטען; מען טרעפט אַ מאָל אָן אַ פּאָליציי־מאַן אַ הונד, ארעסטירט ער איהם... ער האָט שוין אַ מאָל געהאט אזא אָבשניט... ער האָט קיין „לייסענס“ ניט, לאָזט מען איהם ניט צורוה. ער קען זיך אָבער ניט העלפען; די געשעפטען טראָגען ניט, עס דארף קאַסטען אפשר מעהר ווי אַ „פינפער“...

לאַנג קען אָבער דער איד אַזוי ניט איינשטעהן, ער ווערט ווידער מיטגעריסען פון די פארבייגעהער, און דורך דעם שטילען נאַכט־גערודער פאַנגט באַלד ווידער אָן אָבקלינגען זיין קול:

— פאַר איין סענט בלויז! — פאַר איין סענט די פּראַכטפאָל־סטע וועלט־פּאַנאָראַמאַ! די שעהנסטע און ערהאבענסטע בילדער פון דער רייכסטער בילדער־גאלעריע! — פאַר איין סענט!...

.1906

אלטווארג

באיארד סטריט.

ווי א ווינקעל פון עפעס אן אנדער וועלט זעהט דיעזער פלאץ אויס. א גאנצע מחנה פעדלערס פון אלטווארג זעהט איהר דא.

דא בעקומט מען פון דעם בעסטען צילינדער ביז די ביליגסטע פאר שיך; פון דעם טהייערסטען קלייד ביז א צוריסענעם קארסעט. ווי א צוזאמענגעטריבענע מחנה פון לאנג־יעהריגע וואנדערער זעהען דא די מענשען אויס — אלע זענען פערהאוועט; אלע לויפען ארום ווי פער׳סמ׳טע מיט פעקלעך אלטווארג אויף זייערע געבויגענע שולטערס.

ביזנעס! — דאס איז דער איינציגער ציעל, צו וועלכען אלעמענס בליקען זיינען געריכטעט.

— כ׳האב א גוט ביסעל סחורה צו פערקויפען — קומט צו אן עלטערע אידענע מיט א טלומיק אונטער׳ן ארעם צו א פעדלער.

— עפעס לייטישע סחורה?

— איך וועל אייך ניט פערקויפען קיין קאץ אין זאק — ענטפערט די אידענע און עפענט דאביי אויף דעם טלומיק. עס בעווייזט זיך אן אלטער רייזע־טאש אהן א דעק, וועלכער איז אנגעפאקט מיט כל המינים סחורות — קינדערשע הויזקעס, אן אלטער טלית, שלאף־לייליכער, שיך, א צובראכענער צילינדער, פלעשלעך און א האלב אויסגעקראכענער פארוק.

— א גאנצער דעפארטמענט־סטאר — שפאסט דער פעדלער— וואס געבען פאר דעם ביסעל „דרויב"?...

— ווערטה א דאללאר און א האלב? — זאגט די אידענע, און בשעת די ווערטער לאזט זי אראב די אויגען, ייו זי וואלט זיך שעהמען פאר זיך אליין וואס זי זאגט אזא גרויסען פרייז.

— צו פיעל ,מיסעס — בעשליסט דער פעדלער — מעהר ווי פינף־און־זיבעציג סענט קענט איהר דערפאר ניט קריגען.

הינטער דער אידענע׳ס פלייצעס וואקסט פלוצלונג אויס א צווייטער פעדלער. ער פערבייסט בגנבה די ליפען צום ערשטען און צייגט איהם פינף פינגער — א צייכען, ער זאל מעהר ניט געבען ווי פופציג סענט...

די אידינע פראבירט זיך נאך א ביסעל דינגען, און אז זי זעהט ס'איז אומזיסט, בעשטעהט זי אויפ'ן פרייז.

— אזוי לאנג וואלט זי געקרענקט, ווי לאנג איך וואלט איהר מעהר ניט געגעבען ווי פופציג סענט! — נעהמט דער צווייטער פעדלער קריטיקירען דעם ערשטען — יאלד וואס דו ביסט! פינף און־זיבעציג סענט האט זי דאך נאך געוואלט מיט א שטונדע צו־ריק!... פופציג סענט איז וויניג פאר די שמאטעס? א קלאג צו דיינע יאהרען וואס פאר א ביזנעס דו פיהרסט!... צעהן יאהר אין די ביזנעס און קען נאך קיין שטיקעל סחורה ניט קויפען...

— אפשר א גוטע פאר הויזען, אדער א סוט'ל ביליג? — גיט איין פעדלער א פרעג א יונגען מאן, וועלכער דרייהט זיך ארום און זוכט עפעס מיט די אויגען.

— א גוט ביליג רעקעל ווען איהר וואלט געהאט, וואלט איך א בעלן געווען—בלייבט דער יונגערמאן שטעהן, קוקענדיג אויפ'ן פעדלער'ס סחורה.

— כ'האב פאר אייך א שטיקעלע סחורה, אז איהר וועט מיך האבען צו געדענקען — אמת גוט!

ער ציהט דערביי ארויס פון זיין פעקעל אן אבגעטראגענעם ראק, דערלאנגט דעם קונה און זאגט, צוגעבענדיג איהם חשק:

— איהר זעהט א סחורה'לע? מיט גאלד צו גלייך; איך זאג אייך כמעט גאר נייע; אין גאנצען אפשר דריי מאל געטראגען. מ'דארף זיין א מבין אויף אזא סחורה...

דער קונה בעקומט די סחורה; טאפט מעשה מבין מיט די פינגער; קעהרט איבער די ארבעל, און פרעגט ענדליך דעם פרייז.

— וועגען פרייז איז דערווייל נישטא וואס צו ריידען — רעדט צו איהם דער פעדלער ווי אן עהרליכער סוחר — צוערשט מעסט אן דעם ראק; אז ס'וועט פאסען, וועלען מיר רעדען ביזנעס.

דער קונהווארפט פון זיך באלד ארונטער דעם אלטען ראק, מעסט אן דעם „נייעם“, בעקוקט איהם פון אלע זייטען, און ארונ־טערציהענדיג א פאר מאל די פעדערשטע פאלעס, בעשטעטיגט ער ענדליך, אז דער ראק איז צו גרויס.

— וואס רעדט איהר? — פערוואונדערט זיך דער פעדלער — דער ראק איז צו גרויס? — און מיט דער פלינקייט פון א געניטען געשעפטס־מאן טהוט ער מיט איין האנד א נעהם צוזאמען די אונ־

טערשטע טהייל פוג'ם ראָק אזוי, אז די פאָדערשטע טהייל קומט יעצט אויס בעדייטענד שמעלער... און גלעטענדיג מיט דער צוויי־טער האנד די פראָנט, גיט ער דעם קונה צו פערשטעהן, אז נאָך זיין מיינונג איז נאָך דער ראָק א ביסעל צו שמאָל — מען וואָלט איהם נאָך בעדאַרפט ארויסלאָזען... ניט מעהר, ווי די ארבעל זע־נען א ביסעל צו לאַנג — נאָר דאָס איז א קלייניגקייט; מען קען עס לייבט „פיקסען".

— וואָס וועט עס קאָסטען? — איז שוין דער יונגערמאן ניי־גיעריג.

— צום קויפען?

— צום קויפען.

— אויב צום קויפען, און ניט צום דינגען זיך, וועט אייך דאָס סחורה'לע קאָסטען פינף שיללינג.

— וויפיעל?...

— פינף שיללינג. דאָס איז אין גאנצען איין דאָללאר מיט פינף־און־צוואנציג סענט.

— ניט פאר מיר. — טהוט דער קונה אויס דעם ראָק.

— וויפיעל דען האָט איהר געמיינט?

— וויים איך? — האלט שוין דער יונגערמאן אין געהן — כ'האָב גערעכענט ניט מעהר ווי פופציג סענט.. אויב איהר ווילט איז אָלל־רייט.

— קומט נאָר אהער! — שרייט שוין דער פעלער נאָך — איהר מאכט חוזק? קומט אהער, האָט קיין מורא ניט! וואָס אנטלויפט איהר אזוי?

איידער אָבער דער קויפער האָט נאָך צייט זיך אומצוקוקען, ווערט ער באלד פערהאלטען פון א צווייטען פעדלער, וועלכער פער־שפרעכט איהם א גרעסערע מציאה...

— א רוח דיר אין טאַטען! — איז דער ערשטער סוחר מכבד זיין קאָנקורענט — וועסט מיר אוועקנעהמען א „קאָסטימער" וועל איך דיר דיינע אויגען אונטערהאקען, הערסט?

— דו וועסט האקען אויגען? —מאכט דער אנדערער וואָיל־יונגיש — זעה נאָר ווער ס'איז געוואָרען א העלד אין אמעריקא.... פאסקודניאק וואָס דו ביזט! איך לאָז דיר אראָב איין פאטש פער־געסטו דאָך ווער דיין טאַטע איז געווען!

א וואָרט פאר א וואָרט, ביז עס נעהמען פליהען פעטש...

עס ווערט א לויפעריי. פון אלע זייטען נעהמען זיך שיטען פעדלערם מיט פעקלעך; יעדער האלט אפען מויל און אויגען.

— וואס איז? — פליהען פראגען פון אלע זייטען — וואס לויפט מען?

— א געשעפט האב איך! — הערט זיך ענדליך פון איינעם א קלאהרער ענטפער — מענדעלע בונץ פייט זיך מיט שלמה'לע ווענוריק!...

עס וואקסט ענדליך אוים א פאליציי־מאן, ווארפט זיך אריין צווישען די שלעגער, און ערשיינט באלד פיהרענדיגביידע קאנדי־דאטען ביי די קעלנער אין „חדר" אריין...

— ווארט, ס'וועט ערשט א רוח אין דיין גע'פגר'טען טאטען אריין! — ברומט מענדעלע בונץ (דער קאנקורענט), א הויב טהוענ־דיג אויף זיך יעדעס מאל זיינע קורצע פערלאטעטע הויזען, אין וועל־כע ער זעהט אוים ווי ארויסגעוואקסען... — איך וועל זיך ערשט שפעטער מיט דיר אברעכענען!

— איך האב דיך טיעף אין ד'רערד! — קאכט זיך שלמה'לע ווענוריק, אויסשפייענדיג יעדעס מאל א ביסעל בלוט פון זיינע צושלאגענע צייהן — שמיק שלעפער וואס דו ביזט!

— פאסקודנער שכור, האלט ס'מויל! — קען דער צווייטער ניט פערשווייגען.

— גנב!

— שכור!

— „שאט־אב"! — טהוט דער פאליציי־מאן ביידע מיט אמאל א טרעסעל, זיי זאלען שווייגען.

די צוויי אויפגערעגטע פעדלערם לאזען צושראקען אראב די קעפ און לאזען זיך רוהיג פיהרען פון זייער בעגלייטער ווי אונשול־דיגע אקסען צו דער שחיטה...

.1909

אונטער וויליאמספורג בריק

אונטער דעם בריק קאכט ווי אין א קעסעל! די „קארס“ רוישען, די פעדלערס ליארעמען, די קונים שטופען זיך, שרייען — יעדער זוכט מציאות!

— קויפט, ווייבער, די שעהנע, די גרויסע, די פרישע געזונדע קארפען! — שרייט א פיש־פעדלער אין איין אטהעם, מיט א גרויסען קארפ אין האנד.

א פרוי מיט א קוישעל אויף דער האנד קומט צו און נעהמט בעקוקען די פיש — טהוט א טאפ, א שמעק, פערקרימט מיט דער נאז, און געהט ווייטער — די פיש געפעלען איהר ניט...

— קושעניערקע פאסקודנע! — שרייט איהר דער פעדלער נאך מיט פערדרוס —זאלסט חאטש אזוי קרענקען, ווי די פיש זענען פריש!...

א ביסעל ווייטער, שטעהט א פעדלער נעבען א שטופ־וועגעלע מיט בארנעס, און שרייט אויפ'ן קול:

— די גרויסע, די גרויסע! מיט איין סענט, און מיט צוויי, די גרויסע יאפאנעזישע באמבעס!...

די שעהנע פרוכט, וואס דער פעדלער פערמאגט, ציהט צו די אויפמערקזאמקייט פון דעם פאליציי־מאן וואס געפינט זיך דארט אויף דער וואך...

דער געזעץ־בעשיצער הויבט אן אום שפאציערען, אויף און אב, נעבען דעם פרוכט־פעדלער, בלייבט, פון צייט צו צייט, נעבען איהם שטעהן, פרעגט איהם כלומר'שט אין א פריינדליכען טאן, ווי עס געהען „ביזנעס“ און בעעהרט איהם דערביי יעדעס מאל מיט א קאמפלימענט, אז ער האט זעהר שעהנע פרוכט....

דער פעדלער פערשטעהט דעם פאליציי־מאן'ס בקשה און ער קלויבט אוים א פאר שעהנע בארנעס און דערלאנגט איהם, שמייכלענדיג מיט די ווערטער:

— ס'אלרייט... נעהם, ס'איז זעהר גוטע בארנעס...

דער פריינדליכער פאליציי־מאן לאזט זיך לאנג ניט בעטען. ער נעהמט צו די פרוכט, לייגט זיי אריין אין דער הינטערשטער קעשענע פון זיין ראק, דאנקט דעם פרייגעביגען פעדלער, דורך א נויג מיט'ן קאפ, און געהט זיך ווייטער זיין וועג. — ניט קיינעמס עסק....

— א שותף צום געשעפט! — ברומט דער פעדלער צו א צווייטען מיט איראָניע — ס'זאָל איהם חאַטש אזוי רייסען די ציינער אין מויל, ווי עס רייסט מיך אין הארצען פונ'ם שרייען דעם גאַנצען טאָג!

— וואָס קען מען העלפען? — גיט צו דער צווייטער — גיב ניט, האָט מען געברענטע צרות!...

* *
*

א ביסעל ווייטער פון דעם פעדלער, נעבען א דיקען, אייזער־נעם סלופ, זיצט א בלאַסע, מאָגערע פרוי, מיט א שלאָפענדען זויג־קינד אויף איהרע הענד. נעבען איהר שטעהט א האָלצערנען קעס־טעל, אָנגעפילט מיט ליכט, שוועבעלעך, און אנדערע קלייניגקיי־טען.

נעבען דער זעלבער סוחר'טע, א ביסעל אבגערוקט, זיצט א צווייטע פרוי — אויך מיט דער זעלבער סחורה.

פוןביידע הערען זיך די זעלבע ווערטער:

— די גוטע ליכט, ווייבערליך, צוועלף א ניקעל, די גוטע!...

עס איז קענטיג אז זיי לייזען ביידע זעהר ווענעג.

די פרוי מיט'ן קינד הויבט אָן דרימלען... איהר קאָפּ לאָזט זיך יעדעס מאָל אראָב אויף איהר ברוסט, הויבט זיך אויף, און ביי יעדען מאָל אויפהאַפּען זיך, מורמעלט זי אוים צושראָקען און אין איין אָטהעם, ווי זי וואָלט עפּים פערשפּעטיגט:

— צוועלף א ניקעל, די גוטע, די גוטע!... צוועלף א ניקעל, די גוטע...

די לעצטע ווערטער קומען שוין ביי איהר ארוים אונפער־שטענדליך און זי שלאָפט ווידער איין.

די וואכענדע סוחר'טע בענוצט זיך דערווייל מיט דער גע־לעגענהייט.

בעמערקענדיג אז איהר קאָנקורענטקע שלאָפט, שטרעקט זי פאַרזיכטיג אוים די האנד צו דער שלאָפענדער'ס סחורה, וואַרפט צושראָקענע בליקען אויף אַלע זייטען, — און ציהט לאַנגזאם יעדעס מאָל עפּים אנדערש ארוים, צו זיך אין קעסטעל אריין...

די שלאָפענדע חאַפּט זיך מיט אמאָל אויף, און בעמערקענדיג וואָס דאָ קומט פאָר, ווערט זי אָן אַנגעצונדענע !

— וואָס איז דאָס? — ברעכט זי אוים מיט פייער — שוין

זאָלט איהר צוריקלייגען וואָס איהר האָט גענומען, איהר הערט!? שעהמען מעגט איהר זיך! אַלטע גנב'טע, וואָס איהר זייט!...

און ניט קענענדיג זיך מעהר קאָנטראָלירען, נעהמט זי מיט רוגזה רייסען צו זיך דער פרוי'ס סחורה, שרייענדיג שוין מיט טרעהרען:

— דאָס איז מיין סחורה! מיין פּראַצע!...

—אַ שוואַרצער פינסטערער יאָהר זאָל אויסגעהן צו דיין קאָפּ, צו דיינע הענד און פיס! — ווערט שוין די צווייטע אויך אָן אויפגעקאָכטע, רייסענדיג די סחורה צו זיך — איך האָב גע־טשעפּעט דיין סחורה? דו מכשפה! דו כל־בו'ניצע!...

און רייסענדיג זיך אַזוי אַ קורצע ווײַלע, ליעגען באַלד ביי־דענס סחורות צושאָטען אויף דער הוילער ערד.

עס ווערט אַ צוזאַמענלויף, און איבער דער צוואָרפענער סחורה געהט זיך דערהווייל דורך אַן אַלטע איינגעהויקערטע אידענע מיט צוויי בלינדע אויגען... אין איין האנד האַלט זי אַ שטעקען, אין דער צווייטער אַ בלעכען טעלערעל, און בעט מיט אַ געבראָכען קול:

— שענקט אַ נדבה, גוטע מענשען! העלפט אַן אָרעמע בלינ־דע!...

.1907

אמעריקא...

שבת אין דער פריה.

א פאטער מיט א קינד געהען דאווענען. פאראויס געהט דער פאטער, און עטליכע טריט הינטער איהם, געהט נאך דאס קינד, א איינגעל פון א יאהר עלף, וועלכער טראגט נאך דעם טאטען'ס טלית.

געהענדיג בעגעגנט זיך דאס איינגעל אויפ'ן טראטואר מיט א גרופע חברים, שפיעלענדיג אין קנעפלעך. ווערט דאס איינגעל מיט־געריסען פון דערשפיעל, און בלייבט אויף א ווייל שטעהן. קוקט אויף די אנגעווארפענע קנעפלעך, לאזט אין מאמענט פאלען א מיינונג, און טוהט דערביי א טרעסעל מיט עטליכע קנעפלעך אין זיין אייגענער קעשענע.

— שפיעלסט מיט? — טוהט איהם איינער פון די איינגלעך א פרעג.

דער צושויער ווארפט אין איילעניש א בליק אויב דעם פאטער זעהט ניט, האפט ארויס א פאר קנעפלעך און טוהט זיי שנעל ווי א בליץ, אווארף אין דער הויך.

— „נעוועր!“ — רופט אויס איינער פון די מיט־שפיעלער — פערשפיעלט!

דער נייער מיטשפיעלער פערליערט זיך אבער ניט און שפיעלט ווייטער.

— „נעוועער“! — הערט זיך ווידער דער זעלבער אויסרוף.

דאס מאל אבער ווערט שוין צווישען די שפיעלער א האמפעריי און באלד קייקעלט זיך די גאנצע גרופע אויפ'ן טראטואר אין א רייסעריי איבער די קנעפלעך.

דער פאטער קוקט זיך ענדליך אום, און דערזעהענדיג זיין קינד אין א געשלעג, קומט ער צו מיט שנעלע טריט.

— וואס איז דאס?... בלייבט ער שטעהן אן אויפגעקאכטער— יעצט, ווען מען געהט דאווענען?...

און באלד דערויף, חאפט ער אן זיין תכשיט ביי אן אויער, און לאזט איהם אראב א הילביגען פאטש

א צושראקענער בויגט זיך דאס איינגעל איין, הויבט אויף דעם טלית, וועלכער איז אין צייט פון דער רייסעריי נעבליבען ליעגען אויפ'ן טראטואר, און לאזט זיך געהן נאכ'ן פאטער ווי א פעראור־פהיילטער.

— אום שבת!? — קען זיך דער פּאַטער ניט איינהאַלטען פון כעס — אום שבת?...

און ניט פיעל רעדענדיג, הילכט וויעדער אַ פּאַטש.

— „טו העלל וויטה יו!"... — טוהט דער תכשיט, אַ צורייצטער, מיט אַמאָל אַ שליידער דעם טלית אָן דער ערד. און זידענדיג פאר כעס, לויפט ער אַוועק מיט אַן איינגעהאלטענעם געוויין...

דער פּאַטער בלייבט שטעהן ווי אַ דערשלאָגענער. ער הויבט פערשעהמט אויף דעם טלית, שאָקעלט טרויריג מיט'ן קאָפּ און פערקוקט זיך מיט שטאַרע בליקען אין דער ריכטונג וואו דאָס אינגעל איז אַוועק — קוקט מיט אזא פערצווייפלונג, ווי אַלעס וואָס ער האָט אין זיין לעבען געבויט, אַלעס אויף וואָס ער האָט גע־האָפּט, וואָלט פאר איהם פּלוצלונג אין דער מינוט צושטערט גע־וואָרען.

— אמעריקא!... — רייסט זיך פון איהם בלויז אַרויס אַ טיעפער שמערצליכער זיפץ...

1903.

אבגעריסענע טענער

אויף איין זייט „בלאָק“ שפּיעלט אַן אָרגאַן, — אויף דער צווייטער זייט, אַן אַלט־פרענקישע קאַטערינקע.

נעבען אָרגאַן שטעהט אַן עלטערע איטאַליענישע פרוי,—נעבען דער קאַטערינקע אַ מיטעל־יעהריגער אידישער מאַן.

ביידע שטעהען מיט איין און דעם זעלבען אויסדרוק; דרייהען די קאַרבעס און קוקען פאר זיך מיט קאַלטע, גלייכגילטיגע בליקען. די טענער, וואָס קומען ארויס פון זייער ארבייט, האָבען מיט זיי גאָר קיין שייכות ניט...

און די טענער גיסען זיך, ווערען העכער, נידעריגער, רייסען זיך אָב, פלעכטען זיך צוזאמען, און די לופט איז פול מיט פריילי־כע אקאָרדען.

נעבען אָרגאַן דרייהט זיך ארום אַן אַלטער איטאַליענער אָהן אַ האַנד, — נעבען דער קאַטערינקע אַ יונגע פרוי מיט אַ קינד אויף די הענד.

ביידע קומען אריין אין איין „סטאָר“ מיט אויסגעשטרעקטע הענד, — דער איטאַליענער מיט אַ פּייקעל, — די פרוי מיט אַ טעלעריל.

אויף ביידענס געזיכטער איז אויסגעגאָסען איין אויסדרוק: עלענד און פערצווייפלונג. ביידענס בליקען ציעלען נאָך איין פער־לאַנג, נאָך איין וואונש...

זיי קריגען ביידע גאָר־נישט...

ארויסגעהענדיג, בעגעגענען זיך זייערע ביידענס בליקען.

— „שיני בעסטעד!“ — ברומט אוים דער איטאַליענער מיט פיינדזעליגקייט...

— חזיר'שער איטאַליענער! — ענטפערט די פרוי אין זיך.

און ביידענס בליקען דריקען אוים ביטערקייט און פאָרוואורף, האַס און פעראַכטונג...

די טענער ווערען פלוצלונג איבערגעריסען. די קאַרבעס בלייבען אונבעוועגט, די קלאַנגען ווערען פערשטומט; ביידע שפּיעל־קאַסטענס זעהען אוים ווי עס וואָלט אין זיי פלוצלונג ענטשטאַנען אַ שטילער אינערליכער קאַמפף...

.1903

פרעמד בלוט...

א מיעדער, עלטערער איד, מיט א געבויגענעם רוקען, שטופּט א וועגעלע מיט סיפּאָנען סעלצער און קוקט פאָראויס; מעסט מיט זיינע מאַטע, שטומע בליקען דעם וועג וואָס ער האָט נאָך צו געהן.

הינטער איהם יאָגט פּלוצלונג אַן מיט א ווילדער שנעלקייט אַן עקספּרעס, און איידער דער איד האָט נאָך צייט זיך א ריהר צו טהון — בראַזג!... דאָס וועגעלע ליעגט איבערגעקעהרט, די סי־פאָנין צובראָכען, און דער איד ליעגט א בלייכער ווי קאַלך, מיט א פערקרימטען געזיכט פון שמערצען.

דער וואָגען האָט איהםביידע פיס איבירגעפאָהרען

א דערשטיקטער געשריי רייסט זיך ארויס פון זיין ברוסט און ער קען זיך מעהר ניט אויפהויבען...

— מען האָט מיך דער'הרג'עט! — נעהמען זיך פון איהם רייסען שניידענדע קרעכצען — מיינע פיס! מיינע פיס!...

זיינע קרעכצען ווערען אַלץ שוואַכער, שוואַכער, און באַלד ווערען זיי אין גאַנצען פערשלונגען פון א צוזאַמענגעלאָפענער אויפ־געדרעגטער מאַסע. מען שרייט, מען ליאַרעמט, עס טראָגען זיך קללות, עס רייסען זיך זיפצען; אַלע שטופּען זיך צו זעהען דעם קרבן; אַלעמענס פויסטען דריקין זיך נאָך ראַכע...

דאָס געפּילדער ווערט פּלוצלונג ווי אָבגעהאַקט און אַלע נעהמען זיך שטופּען מיט אַן איינגעהאַלטענער שפּאַנענדער ניי־גיעריגקייט צו איין פּונקט.

צווישען דעם געדרענג בעווייזען זיך צוויי מענשען, וועלכע טראָגען דעם איבערגעפאָהרענעם.

זיין געזיכט איז טוידט־בלאַס, זיינע אויגען בעוועגען זיך אין א שמערצליכען פינטלען; זיין ברוסט הויבט זיך אין א שווערען אטהעמען און אויף זיינע קליידער בעווייזט זיך יעדעס מאָל ארויס א רויטע פליאַמע פון פריש בלוט, וואָס נעצט דורך פון זיינע צוקאַ־ליעטשעטע פיס...

— צובראָכען.... — שטאַמעלט דער פערוואונדעטער אין א פערשטיקטען קרעכצען — פרעמדע סחורה, פרעמד בלוט...

1909.

אונטער'ן פרייעם הימעל

שפעט ביינאכט.

אין א שטילער זייטיגער סטריט, אויפ'ן מיטען „בלאק“, נעבען אן אלט שמוציג הויז, ליעגט צוזאמענגעווארפען אביסעל ארימע מעבעל; זעהט אויס אין דער דונקעלהייט ווי א בארג מיסט, פון וועלכען עס קוקט ארויס א גרויסער האלב-צוריסענער מאטראץ.

אלעס איז דורכגעווייקט פון א דינעם רעגען וואס האלט אין איין פאלען.

ניט ווייט פון דעם מעבעל, ביי א צוגעמאכטען סאדא סטענד, זיצט א פרוי, איינגעהילט אין אן אלטען מענער ראק און האלט צוגעדריקט צו איהר ברוסט א שלאפענדיג קינד. איהר קאפ לאזט זיך יעדעס מאל אראב, הויבט זיך אויף, אין שווער זיפצענדיג, ווארפט זי פון צייט צו צייט א פערשלאפענעם בליק אויף דעם מעבעל — איהר גאנץ ביסעל ארעמקייט....

אויפ'ן „קארנער“ עפענט זיך די טהיר פון א סאלון. עס טהוט א בליאסק א העלע שיין אויפ'ן נאסען מרעטואר און אימיצער טהוט פלוצלונג א האסטיגען שטופ ארויס א שכור'ן מאן אין אלטע אב-געטראגענע קליידער.

— אז ווארפען זאל עס מיט דיינע ביינער, דו פאסקודנער באם!

— שרייט דער מאן מיט א פער'שכור'טען קול קוים האלטענדיג זיך אויף די פיס — געלד געבען דיר? א שווארצע חאלעריע וועסטו ביי מיר קריגען!...

און ברומענדיג, נעהמט ער געהן מיט וואקלענדיגע טריט; מאכט פערשיעדענע אוואיעס, שטעלט זיך אב, ווייזט יעדעס מאל א פויסט צום סאלון, און בלייבט ענדליך שטעהן נעבען דער פרוי מיט'ן קינד.

— חנה'קע — נעהמט ער זי סטראשען מיט'ן פינגער — חנה'קע, זאלסט אוועקגעהן פון דאגען מיט'ן קינד, זאג איך דיר! וועסט מיר פערקיהלען דאס קינד, חנה'קע, וועט זיין א קלאג צו דיינע יאהרען!...

די פרוי קוקט אויף איהם ווי א דערשלאגענע.

— זעה ווי דו זעהסט אויס! — רייסט זיך פון איהר ארויס א שווערער זיפץ — זעה וואס פון דיר איז געווארען...

און א ציווייהטאגטע טהוט זי דערביי א דריק צו דאס קינד

צו זיך, גראבט טיעף איין דעם קאפ אין איהר ברוסט און ברעכט אוים אין א שטילען, ביטערען געוויין...

—ביידע וועל איך זיי וויזען ווער איך בין! — שרייט ווייטער דער מאן מיט א פויסט צום „קארנער“ — מיך ווארפען?...

ער טהוט זיך מיט האסט אלאז צו דעם אנגעווארפענעם מעבעל שליידערט מיט רוגזה אב א בענקעל, און ווארפט זיך א צונויפגעקארטשעטער אויפ'ן נאסען מאטראץ...

אין דער גאס ווערט אלץ שטילער, טרויעריגער. די אפטע שיין פון די ארומיגע שטובען־פענסטער, ווערט אלץ זעלטענער; לעשט זיך, שטארבט אב... דער רעגען קראפעט, קראפעט, הערט ניט אויף צו קלאפען זיין שטענדיגען מאנאטאנעם נגון...

א טיפען אומעט לייגט די שטילקייט אויפ'ן הארצען. עס זעהט אוים, ווי ארום, ערגעץ אין די פינסטערע ווינקלען וואלטען פערחשך'טע אבלים געזעסען און מיט שטילע חליפען א בר־מנן בעוויינט...

.1908

III.

פון דער אלטער היים

אונטערוועגנס

(א שמועס פון א יונגער אלמנה פאהרענדיג פון א יריד)

— געלויבט איז גאָט, אבי איך זיץ שוין אויף דער פוהר. ס'זאָל דיר נאָר אקעגען קומען וואָס דו האָסט מיר געטהאָן.

הער אן אָפּטהו אן עשיו גנב! איך בעט איהם, ווארט אויס נאָך איין מינוט, איך געה מיר נור צוברענגען א פּעקעל סחורה, וואָס איך האָב פערגעסען מיטצונעהמען, לאָזט ער מיך איבער און פאָהרט אוועק! אז אלע בייזע חלומות זאָלען אויסגעהן צו זיין קאָפּ, צו זיינע הענד און פיס! א מערכה וואָס איך האָב נאָך דיך כאָטש געטראָפען. צו דעם טהייערען יריד וואָס איך האָב היינט געהאַט, מישטיינס געזאָגט, געה וואָלגער זיך נאָך א נאכט אין א פרעמדער שטאָדט! אפשר איז מיר חלילה באַשערט געוועזען אן אונ־גליק, זאָל דאָס זיין אן אבקומעניש.

אויב דו ווילסט, הערש, רוק זיך, זיי מוחל, א ביסעל ארויף. ס'האָט דיך אזוי אראָפּגערוקט פון'ם געזעס, אז ס'דריקט מיר אָפּ די פיס. — אזוי, נאָך א ביסעלע, אָט אזוי! הונדערט יאָהר זאָלסטו לעבען! מיט די ערלים איז קיין מאָל ניט אויסצוקומען: אָדער זיי קריכען מיט די פערד ווי פוילע קעץ, אז ניט טראָמאָסעט עס אזוי, אז ס'זעצט פשוט די קישקעס ארויס!

איך זאָל זיך זעצען לעבען דיר, זאָגסטו, וועט מיר זיין בעסער צו זיצען? א שעהנעם דאנק. נאָך דאָס פעהלט מיר! לעבען א בחור „פאָדבאָקום“ פעהלט מיר נאָך צו זיצען...

ווי־זשע געהט עס דיר עפּעס אזוי, הערש? האָסט זיך אזוי אויף קאָטאָוועס אריינגעלאָזט אין די ירידים, און יאַקאָש דרייסטו זיך. לייזט זיך כאָטש עפּעס? נו, געלויבט איז גאָט דערפאַר! קיין גליקען איז היינט אין ערגעץ ניטאָ. וויפיעל דער אויבערשטער בע־שערט, דארף זיין צוקער זיס. כ'לעבען, דער גרויסער בעדערפער וואָס דו ביזט! אָהן דיין שאָדען אויף מיר געזאָגט! אודאי, אז דער אויבערשטער העלפט אז מען קען זיך האָבען פרנסה און זיך ניט וואָלגערן אויף ירידים, איז אודאי בעסער. וואָס קלערסטו, כ'יר איז גוט? אויף אלע מיינע שונאים געזאָגט! איך זאָל קענען,

וואָלט איך מיר אודאי בעסער געמאכט. וואָס זאָל איך אָבער טהאָן, אַז דער וואָס איך בין ניט ווערטה צו דערמאָנען, האָט מיר אָבגע־שניטען מיינע יונגער יאָהר?...

ס'איז דיר אַ חדוש, זאַגסטו, וואָס איך טהו קיין שדוך ניט? וואָס איז דאָ דאָס חדוש? איך ווייס? גאָר נישט! ס'איז אַ סך צו דערצעהלען. מילא מיט מיר, ווי מיט מיר. נאָר אויף דיר זעהסטו חדוש'ט מיך טאַקע. אמת, עס פעהלט דיר גאָר נישט; ביזט ביים טאַטען, איך ווייס, מען קען זאָגען, ביזט דער גאַנצער בעל־הבית! פונדעסטוועגען, וויפיעל איז דער שיעור צו וואַרטען? וואָס איז, אַ ווייב וועט חלילה ביי דיר קיין ברויט ניט האָבען? אי וועסטו זאָ־גען, אַז חתונה האָבען איז נאָך ניט דאָס גאַנצע גליק? קען טאַקע זיין אַז דו האָסט רעכט; וואָרים, מען זאָל ניט וויסען דערפון, ווער פיהלט נאָך אַזוי דעם ביטערען טעם ווי איך, משטיינס געזאָגט? אָבגעלעבט אין גאַנצען קאַרגע דריי יאָהר מיט אַ מאַן, שונאי ציון... איצט דאַרף איך זיך מוטשען אויפ'ן טויט, מיינע שונאים! — הימעל און ערד האָבען דאָך אוי; מיין בראָך געוויינט.

דו שטעהסט שוין, זאַגסטו, יאָ עפּעס אין אַ שדוך? נו, זאָל דיר דער אויבערשטער העלפען ס'זאָל אויסגעפיהרט ווערען. מיט וועמען? איך האָב אפילו יאָ עפּעס געהערט מורמלען, איך ווייס אָבער ניט צי עס איז אמת.

פון וועמען איך האָב געהערט פרעגסטו? איך וועל דיר דער־צעהלען, איך וויל אָבער ניט ס'זאָל ארויסקומען.

יענע וואָך שטעה איך אַזוי ביי מיר אין געוועלב, קומט אריין שפּרינצע די קצב'טע.

— האָסט געהערט נייעס?" — פרעגט זי מיך.

— וואָס פאַר אַ נייעס? — פרעג איך זי.

— צווישען אונז זאָל עס בלייבען — מאַכט זי — „ס'הערט זיך, אַז הערש חיים בער דעם שוסטער'ס, געהט אַ חתן ווערען פאַר ביילע דעם סטאָליאַר'ס".

געטראָפען, זאַגסטו? ווער זאָל אַזוי לעבען? טאַקע? נו? ס'וועט, זאַגסטו, גאָר נישט זיין דערפון? פאַר וואָס, זי געפעלט דיר ניט? . . .

זעהסטו, ווער ס'איז שעהן, איך בין טאַקע קלוג! מיר זאָלען ביידע אַזוי לעבען און געזונד זיין, ווי איך האָב שפּרינצע'ן באַלד געענטפערט די אייגענע ווערטער! און לאָמיר זיך ניט נאַרען, —

וואס פאר א מציאה וואלסטו טאקע געכאפט אין איהר?... ערש־טענס, איז זי אן ארימע און נאקעטע מויד, וואס האט ניט, איך בעט איבער דזן כבוד, אפילו א ליטיש קליידעל אויפ'ן לייב... און צוויי־טענס, צווישען אונז געשמועסט, ווי קומט זי טאקע צו דיר?... וואס איז, ביזט חלילה א שטומער, א בלינדער? כ'לעבען, זאג אליין, האב איך רעכט צו ניין? — הער־זשע, זאג איך אזוי שפרינ־צען: געדענקט שפרינצע מיינע רייד, אז פון דעם קארן וועט קיין ברויט ניט זיין. פרעגט זי: פאר וואס? זאג איך, ווייל אזוי! וייל דער קרבן פאסט זיך ניט צו דעם מזבח!... זאגט זי ווידער, אז לויט מען האט איהר דערצעהלט, איז מען שוין פון דיין זייט במעט אין גאנצען פארטיג. וואס־זשע דען? פון יענעם צד קרימט מען זיך נאך א ביסעל... וויל איך דאך אבער וויסען דעם תוך... און ביי שפרינצע'ן צו דערהגעהן א תוך, ווייסטו דאך ווי שווער עס איז... הכלל, א ווארט פאר א ווארט, זי דערצעהלט מיר. וואס איז? — בעשווערט זי מיך קודם, למען השם איך זאל חלילה אויף איהר קיין פאראיבעל ניט האבען און דער עיקר עס זאל חלילה ווייטער ניט קומען. זאג איך איהר צו. מאכט זי אזוי בנעימות, ווי זי רעדט זיך: „וואס וויים איך? וואס כ'האב געקויפט, דאס פערקויף איך. זי זאגט — די מויד הייסט עס — אז ס'געהט ארום א קלאנג אין שטעדטעל, אז מען זעהט הערש'ען אלע מאל אריינקומען צו דיר אין געוועלב אריין"...

גיט דאס מיר שוין א שטאך אין דער זיעבעטער ריפ, און איך בלייב שטעהן, אז דאס בלוט מישט זיך אזש אין מיר.

וואס הייסט, זאג איך, ער קומט אריין? ס'איז אן אפענע טהיר, קומט מען. מען קען עפעס יענעם פארשטעלען דעם וועג? און צווייטענס זאג איך, ניט צו דיר גערעדט, זאלען מיינע שונאים כאטש אזוי לאנג ליגען אויף איין זייט און זיך ניט קענען איבער־קעהרען, וויפיעל וואכען עס געהט אוועק, וואס איך זעה דיך אפילו פאר די אויגען ניט אן! זאג אליין, מעגען זיי ניט אויסגעקרימט ווערען די מיילער?...

ס'דארף מיך זאגסטו ניט אארען וואס מען רעדט? גלויב מיר, ס'אארט מיך פונקט ווי דעם פאראיאהריגען שנעע. נאר גאר נישט; אמאל פערדריסט עס. — וואס איז? ביי אזא סטערווע דארף איך אויך זיין אין מויל?...

וואס? צו א שעהן ווייבעל זאגסטו, מעג מען קומען? מעגסטו

שוין אויך פערשטומט ווערען! ער הויבט שוין אָהן מיט זיינע חכ. ה'לעך... האָסט שוין ניט פון וועמען חוזק צו מאַכען? רוק זיך בעסער אביסעל ארויף, האָסט זיך שוין אזוי אראָבגערוקט אז די פיס זיינען מיר שוין אזש אָפּגענומען געוואָרען.

איך מוז זיך, זאָגסטו זעצען לעבען דיר? וואָס קלעהסטו, אָט לויף איך שוין! היים בעסער דעם גוי אביסעל אונטערטרייבען די פערד. זעה נאָר ווי פּאַוואָליע מען האָט זיך אָנגעהויבען צו שלעפּען.

וואָס? דער גוי, זאָגסטו, איז גאָר אנשלאָפען געוואָרען? א וויסטער חלום אויף זיין קאָפּ! לאָז נאָר, איך וועל איהם גיבען א שלעפּ אז דער רוח זאָל איהם כאַפּען! העי קומו! העי!.. ביזט א מבין? שלאָפט ווי א גע'הרג'עטער.

ס'איז זאָגסטו א שעהנע נאכט, מאכט ניט אויס אז מען וועט פאָהרען לענגער אביסעל? וואָס דיר פּאַלט אַלץ איין פאר א נאַרישקייטען!

וואָס זאָגסטו!? אלע בייזע חלומות צו מיינע שונאים'ס קעפּ! נישטאָ ווער ס'זאָל לאַכען! ביזט משוגע געוואָרען? וואָס הייסט דו ווילסט מיר א קוש טהאָן?... געה, געה, שלאָג דיר ארויס די נאַרישקייטען פון קאָפּ. וואָס מיינסטו, ס'איז מיידעל־וויז הינטער'ן בארג?...

ס'וועט מיר ניט העלפען, זאָגסטו? הער איך דיך ווי די קאַץ! ווייסט דאָך, אז אויף „דוקא" קען מען ביי מיר ניט פועל'ען...

הער אויף, זאָג איך דיר!... אוי א חאָלעריע דיר אין די בייר־נער אריין! זעה ווי געזונד ער איז געוואָרען! ס'זאָל דיר נאָר זיין צום טוידט! דו בייסט גאָר?... משוגענער, זאָל שוין זיין גענוג!... חזיר, וויפיעל איז דער שיעור?... ווילסט מיך דערשטיקען צו אלדע רוחות?.. פּע, הערש, איך זאָל אזוי לעבען ווי ס'איז א מיאוסע זאַך... דער גוי וועט זיך נאָך אויפכאַפּען, וועט זיין א חרפּה און א שאנדע... לאָז מיך אָפּ, זאָג איך דיר, הערש!.. האָסטו גע־זעהען אן אָנשיקעניש! אָנגעטשעפּעט זיך ווי א קלישטש, און ניט אָבצורייסען איהם! ביסט משוגע געוואָרען, צו וועלכע גוטע יאָהר?... ווייה איז מיר — הערש!...

.1909

אין א ווינטער אבענד

עם בלאָזט א שניידענדער ווינד; ברייטע פלאָכעס שניי פליהען; דעקען אלץ מעהר צו דאָס קליינע שטעדטעל; ווירבלען זיך אין דער לופט ווי אין א ווילדען טאַנץ.

אין גאַס איז יעצט זעלטען צו זעהען א לעבעדיגען נפש. ווען ניט דער אָכשיין פון עטליכע קליינע געוועלבלעך וועלכע זיינען נאָך אָפען, וואָלט דער גאַנצער מארק ווי א בית עולם אויסגעזעהן.

יעדעס געוועלבעל איז בעלויכטען פון א קליינעם נאַפט־לעמ־פעל. דער שיין איז מאַט און געלבלעך; שלאָגט זיך אָב דורך די אָפענע טיהרען; פאַלט אין ברייטע פאַסען אויף דעם פריש אָנ־געשאָטענעם שניי.

אין די געוועלבלעך איז יעצט שטיל. רוהיג. זעלטען ווען עס פערבלאָנדזשעט ערגעץ א קונה. יעדער קרעמער זיצט זיך אין זיין קרעמעל און קוקט — וואַרעמט זיך איבער א פייער־טאָפּ און טראַכט רוהיג וועגען עפּיס אַן ענין.

אין איין געוועלבעל זיצט בערטשע, דעם דאָרף־גייער'ס איי־דעם, און איז שטאַרק, פערטראַכט. אקעגען איהם זיצט זיין ווייב ברײנדעל מיט פערלייגטע הענד, איינגעהילט אין א גרויסער וואָלע־נער שאַל, און טראַכט אויך.

מיט א ווײלע צוריק האָבען מאַן און ווייב געהאַט צווישען זיך א שטיק וכוח, מכח די שווער און שוויגער — איהרע עלטערען. עס קומט זיי נאָך א יאָהר קעסט, לויט מען האָט זיי צו געזאָגט, ווייל מען זיי ניט געבען. שלעכטע צייטען, טענה'ען זיי...

א חוץ דעם האָט בערטשע א שטיקעל פערדרוס אויפ'ן שווער, וועגען עטליכע גילדען וואָס ער איז איהם שולדיג. ער וואָלט עס יעצט נויטהיג בעדאַרפט האָבען; ער מוז האָבען אביסעל סחורה אין געוועלבעל אריין, און קען זיך קיין עצה ניט געבען...

זיצט דאָס פּאָר פאַלק אביסעל ברוגז'לעך; מען מיידעט זיך אוים מיט די בליקען... בערטשע איז בדעה צו רופען דעם שווער צו א דין תורה, און ברײנדעל שלאָגט איהם אָב.

— וואָס־זשע זאָגסטו זאָל איך טאָהן? — פרעגט בערטשע אַן עצה.

— טהו וואָס דו ווילסט. — ענטפערט ברייגדעל גלייכגילטיג.

— פאָרט?

— איך ווייס נישט.

— אדרבא? כ׳האב אן אנדער ברירה?...

— אזוי ווי מיט דעם, אזוי אהן דעם...

— וואס הייסט?...

— ווען דער טאטע וואלט געהאט, וואלט ער אליין אבגעגעבען. מ׳איז איהם מעהר שולדיג. ער האט נאך מיט קיינעם קיין דין תורה ניט געהאט...

— וואס־זשע פאר אן עצה גיט מען זיך?

— דער אויבערשטער וועט ניט פערלאזען.

בערטשע ווארפט אויף איהר א שטרענגען בליק, און געהט מיט כעס אוועק.

* * *

אין א צווייטען געוועלבעל, זיצט איציק דער רויטער. דער קאפעלוש איז ביי איהם פערוקט וויט איבער׳ן שטערען, און ער איז שטארק פערטיפט אין חשבון׳ען. ער הויבט יעדעס מאל אויף דעם קאפ, גראבט טיעף איין, איין זיין לאנגער בארד, די צווייטע לייגט ער אינדירעקט ארויף, אויף א האלב אבגעלאשענעם פייערטאפ, וואס שטייט נעבען איהם, און ער טראכט; רעכענט...

לויט דעם חשבון, לייגט א היבש ביסעל מזומן זיינס אין גוי׳שע הענד, און מען קומט ניט בעצאהלען... שלאגט ער זיך מיט דער דעה, צי זאל ער נאך ווארטען, אדער טרייבען א ליציטאציע אויף די משכנות...

* * *

א קעגען די געוועלבלעך, זיצען אויסגעזעצט א גאנצע רייהע מארק־זיצערקעס נעבען געבעקס־בודקעלעך; ווארטען נאך מיט זשעדניקייט אויף קונים; קוקען ארויס פון זייער פערשנייעטע איינגעהילטע שאלען ווי פערגליווערטע סטאטוען.

צווישען זיי, זיצט אויך רייזעל די אלמנה, אן אלטע איינגעהויקערטע אידענע, מיט רויטע קרענקליכע אויגען.

גאט׳ס צארן איז אויף איהר אויסגעגאנגען! איהר הערשעלע׳ן האט מען פאר א זעלנער אבגעגעבען... איהר איינציגער נחת, איהר איינציגע טרייסט; פון פינף קינדער איז ער ביי איהר איינער געבליבען. זי פיהלט זיך גאר ניט אזוי זינדיג, וואס דער אויבערשטער שטראפט זי אזוי. אלע זכות אבות זיינען איהר עפּיס פערשיקט געווארען!

זיצט די אלטע ווי א דערשלאָגענע און קען זיך קיין עצה ניט געבען. מען זאָגט, אז ווען זי זאָל זיך לאָזען עפּיס קאָסטען, וואָלט מען איהם אפשר געקענט אויסלייזען... ווייסט אָבער איין גאָט דעם אמת, אז זי האָט ניט פון וואנען; עס איז איהר אזוי שלעכט, אזוי ביטער — ווען מען וואָלט שניידען איהר הארץ וואָלט קיין בלוט ניט גערונען...

* * *

נאָך טרויעריגער און שטילער, זעהען יעצט אוים די קליינע הינטער־געסלעך.

די אלטע שניי־בעדעקטע הייזלעך, מיט די קליינע פערפרוירענע פענסטער־שייבלעך, זעהען יעצט אוים נאָך קלענער, נאָך עלטערער; טוליען זיך, דאכט זיך, איינס צום אנדערען; זעהען אוים ווי זיי וואָלטען בעטען מען זאָל זיי פון דעם שטורעם בעשיצען.

דאָס זיינען הייזלעך, בעוואוינט פון פערשיעדענע בעל מלאכות, וועלכע ארבייטען נאָך יעצט ביי דעם שיין פון קליינע פערויכערטע נאפט־לעמפּלעך. דורך דער שטילקייט הערט זיך יעדעס מאָל אן אָבגעריסענער שירווע פון א הובעל, א קריצען פון א פייל, א קלאַ־פּען פון א האמער, א מאָנאָטאָן זשומעריי פון א נייה־מאשין, — און אויף די ווייסע פערפרוירענע פענסטער־שויבלעך, בעווייזען זיך יעדעס מאָל אָבגעריסענע שטיקער שאָטענס, פון דעם אינערוויי־ניגסטען לעבען; טאנצען ארויף און אראָב, ווי געפאנגענע פויגלען וואָלטען זיך דאָרט געראנגעלט; געפּאטשט מיט די פליגלען; גע־ריסען זיך צו דער פרייער גאָס...

אין דיעזער צייט, ווערט אויך דאָ, פון ווײלע צו ווײלע, לעבע־דיגער, פרייליכער! — חדר־אינגלעך צולאָזען זיך פון זייערע חדרים. יעדעס מאָל בעווייזט זיך א קליינע גרופּע פרייליכע תלמידים מיט ברענענדע לאנטערענדלעך אין די הענד...

הויך קלינגען זייערע יונגע שטימעלעך; וויים הערען זיך זייע־רע פרייליכע געזאנגען!

און די לאנטערענדלעך פון וויטען בעוועגען זיך, די פייער־לעך פינקלען; בעלייכטען יעדעס מאָל אן אנדער טיילעכעל פון די פינסטערע געסלעך, — וויעגען זיך איבער דעם ווייסען קלאָרען שניי.

.1907

א מאמע

(מאנאלאג)

— האָט קיין פאַראיבעל ניט רבי אפשר בין איך אייך חלילה מבטל פון לערנען, זאָלט איהר מיר מוחל זיין, איך בין געקומען ווייל די נויטה האָט מיך דערצו געבראכט. איך בין ניט מעהר ווי אַן אָרימע, זינדיגע אידענע, אַ מאמע מיט אַ צובראָכען הארץ, מיש־טיינס געזאָגט, וואָס האָב אפילו פאַר קיינעם מיין ביטער הארץ ניט אויסצוגיסען. צו וועמען דען זאָל איך געהן, צו וועמען? ווען „מיינער", עליו השלום וואָלט געלעבט, וואָלט אודאי אנדערש גע־ווען... נאָר מסתמא איז מיר שוין אַזוי אָנגעצייכענט פון זיין ליע־בען נאָמען — זינדיג איך חלילה ניט! ווי דער אויבערשטער פיהרט, נעהם איך אָן פאַר ליעב. האָב איך אָבער צרות פון מיין הערשעלע'ן, זאָל געזונד זיין. ס'הייסט נישט חלילה דערפאַר וואָס ער איז אַ שלעכט קינד — חלילה! איהר האָט דאָך אודאי געהערט פון מיין הערשעלע'ן? אַ קינד, איך זאָג אייך אָהן זיין שאָדען, אויף אַלע אידישע קינדער געזאָגט! אַ ניידען קינד, פשוט אַ נחת. אַ שטי־לער, אַ גוטער, טשעפּעט נישט אַ פליעג אויף דער וואַנד. נאָר זעהר אַן איידעלער, אַ שוואַכער; הוסט צו־ביסלעך, דוכעט, קוים וואָס ער האַלט זיך אויף די פיס; זעהט אויס נישט ווי פון אכצען יאָהר (ביז הונדערט און צוואַנציג), נאָר ווי פון צוועלף. היט איך איהם ווי מען היט אַן אויג אין קאָפּ: האַנדעל, וואַנדעל; דער טאָג טראָגט מיך ארויס, די נאַכט ברענגט מיך אריין; איך ארבייט ווי אַן אָקס אין סאָכע: פערגין זיך נישט דאָס לעבען, מיינע שונאים, אבי איהם זאָל חלילה גאָר נישט פעהלען... וועמען דען האָב איך מעהר אויף דער וועלט? פון זעקס קינדער, ניט פאַר קיין אידיש הויז געזאָגט, איז ער מיר איינער געבליעבען...

שוין! איז געלויבט דער וואָס אייביג לעבט דערפאַר. זאָל ער מיר זיין מיט לאַנגע יאָהר. ווי זאָגט מען: „ער" גיט און „ער" נעהמט... איז ווען דער פאָטער, איהם אויף לאַנגע יאָהרען, האָט געלעבט, ווייסט איהר דאָך וואָס פאַר אַ הויז ביי מיר איז געפיהרט געוואָרען? אַן אָרימאַן, ס'זאָל נישט אויסגערעדט זיין, פלעגט קיינמאָל נישט ארויסגעהן מיט ליידיגע הענד — ס'זאָל איהם נאָר „דאָרט" אָקעגען קומען, וואָס פאַר אַ כשרה נשמה ער איז געוועזן.

היינט איז געווען אין הויז פון כל טוב: פון עופות, פון בהמות, קופער, מעש, זילבער, ווער קען זיך אזוי פיעל אנגעדענקען — איז פון דעם אלעמען געוואָרען חוכא וטלולא.

וואָס איך וויל, פרעגט איהר? טאַקע קענען דעם דערצעהל איך דאָך אייך. איז, ווען „ער“ האָט געלעבט, איז דאָס קינד, הער־שעלע הייסט עס, ביי איהם געווען אַן אויג אין קאָפּ. דעם שעהנס־טען שכר לימוד פלעגט ער פאַר איהם צאָהלען. אז ס'איז געקומען שבת ביים פערהערען, איז פּשוט געווען א גן עדן אין שטוב. קומט אָבער דער שטן און זאָגט: שרה בריינדעל איז א זינדיגע אידענע און דאַרף ווערען א פינסטערע, אָרימע אלמנה... בין איך געבליע־בען, איך זאָל ניט זינדיגען, מיט מיין הערשעלע'ן ווי אויפ'ן וואסער. אין דער התחלה, ווי ווייט איך האָב נאָר געקענט, האָב איך פּשוט אָבגעשפּאָרט דעם ביסען פון'ם מויל און נאָך געצאָהלט שכר לימוד. שפּעטער אָבער, ווייסט איין גאָט דעם אמת אז איך האָב ניט גע־קענט. זאָג איך: ווייסטו וואָס, הערשעלע, זעהסט דאָך, אז קיין שכר לימוד קען איך ניט צאָהלען, און צוהעלפען אין דער פּרנסה ביזטו צו שוואך, — ווער א בית־המדרש בחור'ל און לערען דאָרט ווי אנדערע בעל־הבתי'שע קינדער. פערקרימט ער זיך. וואָס איז, הערשעלע, געפעלט דיר נישט? „ניין! זאָגט ער. ער וואָלט גי־כער, זאָגט ער, חשק געהאט — מען האָט איהם געזאָגט, אז ס'איז דאָ ערגעץ א גוי'שע „שקאָלע“, וואו מען לערנט אומזיסט — וואָלט ער גיכער געוואָלט געהן אהין.. האָט מיר אזש א זעץ געטהאָן אין הארצען. סטייטש, טענה איך, הערשעלע, גאָט איז מיט דיר, ביזט חלילה פון שכל אראָב, מיינע שונאים? ווער מיר שקאָלע, וואָס מיר שקאָלע, ווי קומסטו צו א גוי'שע שקאָלע? דער טאַטע דיינער עליו השלום האָט עפּיס א סך געוואוסט פון א שקאָלע? פון דעסטוועגען, הלואי, דיר צו לאנגע יאָהר, זאָלסטו זיין אזא בעל הבית מיט אזא קאָפּ ווי דער טאַטע דיינער איז געווען. איז ער דאָך אָבער פאָרט א כשרה נשמה — האָט ער מיך „פּראָוודע“ גע־פּאָלגט און גענומען געהן יעדען טאָג אין בית המדרש אריין.

פלוצלונג, מען זאָל עס נישט זעהן אויף אלע ווייסטע וועלדער, כ'גיב א קוק, מיין הערשעלע קומט אהיים איינפאַך איך דערקען ניט דאָס קינד! צוריסען, צופליקט, די אויערן צובלוטיגט, דאָס פּנים צודראַפּעט, קוים וואָס ער דוכעט! בין איך דאָך א צו ווייהטאָגטע מאַמע מישטיינס געזאָגט, כאַפּט עס מיך דאָך אָן פאַר'ן הארצען...

וויפיעל טרערען האב איך פערגאסען ביז איך האב דערלעבט איהם צו זעהן א שטיקעל לייט? פרעג איך: הערשעלע, א וויהטאג איז מיר, ווער האט דיר דאס געטהאן? ווער האט דיך אזוי גשלא־גען?

— לייזער דעם אקציזניק'ס, זאגט ער.

— פאר וואס?

— גאר גיט, זאגט ער, ס'איז עפעס אויסגעקומען צודרייד, רוף איך זיך אן, אז דאס הויז וואו זיי, די אקציזנעקס וואוינען, איז „אונ־זערס"... דער טאטע האט דארויף שווער געהארעוועט, און זיי האבען עס איינפאך ביי אונז אוועקגערויבט... האט ער זיך גענר־מען שלאגען.

איהר הערט אן עולה! דערפאר קומט צו שלאגען. וואס איין האנד פון „יענעם" איז געזונדער פון מיין הערשעל'ען אין גאנצען. וואס־זשע, ס'איז אפשר ליגען? איהר ווייסט דאך דעם אמת ווי בדיל הדל זיי האבען אונז געשטעלט, ווען מיינער עליו השלום איז קראנק געווען... נאר גארנישט! איך וויל דען חלילה עפעס? זאל מיינס קומען פאר גאט! הערשעל'ן אבער פערדריסט עס אמאל...

פאל איך אריין אין בית המדרש מיט א געוואלט: סטייטש, טענה איך, ווי לאזט מען דאס איין אידיש קינד דאס אנדערע אזוי שלאגען? בעפאלען זיי מיך אלע ווי די הינד, להבדיל, און אלע גיבען זיי נאך גערעכט דעם תכשיט, דעם אקציזניק'ס, און צושרייען זיך, אז מיין הערשעלע איז דער אלער־לעצטער אפיקורוס, אז מען טרעפט איהם אלע מאל בגנבה אריינקוקען אין גויה'שע ביכער...

איהר הערט? מיין הערשעלע קוקט אין וויה'שע ביכער!... אן אפיקורוס! זעה איך דאך, אז איך האב צו טהון מיט עזות פנים'ער, געה איך אוועק. וואו־זשע געהט מען? געה איך צום אקציזניק אליין. איך ווייס, האב איך געטראכט, אן עלטערער מענש, אפשר וועט ער איהם פארט אביסעל אויסשטראפען, דעם תכשיט זיינעם, קום איך אריין, גיט מיר באלד א בלישטש אין די אויגען דאס קור־פער, דאס מעש, די זילבערנע לייכטער — אלץ אונזערס, טראכט איך, און וויין; סטייטש, אייער זוהן שלאגט מיין הערשעל'ן... פארוואס קומט עס איהם, פארוואס? צובייזערען זיי זיך נאך אויף מיר. ער פון איין זייט און זי, פון דער אנדערער זייט — ס'קומט נאך זיי ארוים!... און דער תכשיט זייערער נעהמט מיך סטראשען,

אז איך וועל ניט ארויסגעהן, וועט ער מיך ארויסווארפען. כאפט עס דאך אן ביי דער זיבעטער ריפּ... וואס־זשע, מיין נשמה איז קיין נשמה ניט, הא? ענטפער איך; נאט זאל איך העלפען איהר זאלט נאר איבערקומען אויף מיין שטייגער!... שרייט מיר דער תכשיט נאך, אז איך וועל נאך אמאל שיקען מיין הערשעלע'ן אין בית המדרש אריין וועט ער איהם, מיינע שונאים, דער'הרג'ענען...

בין איך געקומען צו אייך, א רב, איך וויים, איהר האט דאך עפּעס א דעה. ווי געזאגט, אז „מיינער" האט געלעבט, האט קיינער נישט דערלעגט... איין גאט ווייסט אבער דעם אמת, אז איך בין אן ארימע, פינסטערע אלמנה, וואס האט ניט מיט וואס אפילו א טאג איבערצוקומען... ווער דען זאל זיך אננעהמען פאר אן אריר מען יתום, אז נישט איהר? ... איך בין דאך פארט נישט מעהר ווי א זינדיגע אידענע — א מאמע, מישטיינס געזאגט, מיט א צער ווייהטאגט הארץ!...

.1908

ביים רבין'ס שלוש-סעודות

1.

א גרויסע פיער־עקיגע דאווען־שטיב, פול מיט יודען.

ביז איצט, האט נאך פון די גרויסע זעקס פענסטער, וועלכע זענען אבגעטיילט צו דריי אויף א וואנד — אבגעשלאגען א מאטער שיין, וועלכער האט זיך, ווי אין א שטילען קאמפף, גראנגעלט מיט דער אנקומענדער פינסטערניש. ביסלעך־ווייז אבער, האט די פינס־טערניש אלץ מעהר דעם שיין פערשלונגען, אלץ זיכערער זיך אין יעדען ווינקעל פערשפרייט, און ענדליך די גאנצע שטוב ווי אין איין שווארצען שאטען איינגעהילט.

אויב'ן־אן, ביי א לאנגען ברייטען טיש, וועלכער איז פון בייד־דע זייטען בעזעצט מיט חסידים, — זיצט דער רבי און פראוועט דעם שלוש־סעודות.

א הייליגע שטילקייט הערשט אין דער שטוב.

דער רבי זאגט תורה!..

כמעט אלע וואס געפינען זיך ארום טיש, זענען צונויפגעדריקט מיט איינגעהאלטענע אטעמס, אלץ נעהענטער צום „אויב'ן־אן"; אלע זענען צונויפגעגאסען ווי אין איין קנויל, ווי אין איין שווארצען פלעק, — יעדער וויל הערען דעם רבין'ס הייליגע קול, יעדער וויל אויפכאפען זיינע הייליגע תורה־ווערטער.

און די ווערטער פון'ם הייליגען צדיק ציהען זיך, קלינגען אב, באלד אין א בייזער, באלד אין א שטילען אנגענעהמען ניגון; צו־גיסען זיך אין דער טיעפקייט פון די צוהערערס נשמות: גלעטען זייערע הערצער; פערטראגען זיי ערגעץ אין א העכערער וועלט, אין א וועלט פון הייליגקייט...

צווישען די צוהערער, שטעהט אויך ר' פנחס דער „פאסעסאר", ווי מען רופט איהם, — א חסיד נאך פון'ם „אלטען" זכרונו לברכה... דער פאטער פון'ם „איצטיגען"...

פון קיין זאך האט ר' פנחס ניט אזא הנאה פון'ם „איצטיגען", ווי הערען פון איהם א שטיקעל תורה... דאס קול, די תנועות — איינגאנצען אויפ'ן „אלטען'ס" שניט...

שטעהט ר' פנחס מיט גרויס כונה, די הענד פערלייגט אויפ'ן הארצען, דעם קאפ ארונגעלאזען, און אין זיינע רעיונות לעבט איצט אב דאס גאנצע געשטאלט פון'ם „אלטען"...

ער זעהט זיין געבויגענעם קערפער, דאס גרויע שפּיציגע בערדיל; דאס בלייכע פּנים מיט די ליכטיגע אויגען, — און ער פיהלט בחוש, יענעמ׳ס רוחניות... יענעמ׳ס ברען...

2.

וויים ארונטער, נעבען דעם הינטערשטען טייל טיש, נאהענט פון טיהר, שטעהט חיים בער דער מלמד. ער האלט אנגעשפּארט איין פוס, אויף איינע פון זיינע צוויי קוואס־קאנען, וואס ער האלט נעבען זיך, דעם קאפּ אנגעלעהנט אויפ׳ן עלענבויגען, און בערעבענט אין געדאנק, וויפיעל גלאז קוואס ער האט דא היינט אויסגעגעבען; ווער עס האט געטרונקען, כדי מארגען, בלי נדר, צו־וויסען ביי וועמען צו מאנען...

לויט אבער חיים בער בערעבענט, איז ער פון׳ם היינטיגען שבת ניט זעהר צופריעדען. פון די גאנצע צוויי קאנען, האט ער סך־הכל, אפשר זעקס, אדער זיבען גלאז קוואס פערקויפט; אפילו קיין האלבע קאן ניט... וואס גאט גיט א שבת, מעהר, ווערט אלץ ערגער... פאר׳ן „אלטען“, זכרונו לברכה, פלעגט ער שוין אין דער צייט קיין קאפּ קוואס ניט האבען — גאר אנדערע צייטען דאן געוועזן...

קיין תרעומות אויפ׳ן „איצטיגען“, האט ער חלילה ניט דערפאר, דעם אמת אבער, קען חייר בער ניט פערלייקענען! ער מוז מודה זיין, אז ס׳פעהלט עפּיס... א ס׳אי ניט דאס וואס געוועזן: נישטא יענער עולם, נישטא יענע התלבות — אלץ רחמנא לצלן, עפּיס ווי אבגעהאקט געווארען!...

שטעהט חיים בער א פערטראכטער, און עס וואלט ניך איהם שוין זעהר וועלען אהיים געהן. ער האט שוין אפילו בדעה געהאט לאנג א היים צו געהן — וויל ער אבער בכיון ווארטען ביז נאך הבדלה, כדי צו קענען זיך היינט זעהן מיט נחום דעם „ארענדאר“. שוין א שטיק צייט אז ס׳קומט איהם ביי איהם פאר א פאר גלאז קוואס און יענער מאכט זיך ניט וויסענדיג... ער ווייס אז וועט ער איהם היינט ניט זעהן, קען ער ווידער דארפען ווארטען, ווער, ווייס ווי לאנג, ביז נחום וועט ווידער ווען ס׳איז קומען אין שטאד אריין אויף א שבת...

גלאט אבער פלוצלונג צוגעהן צו נחום׳ען מאנען דעם חוב, קען חיים בער ביי זיך ניט פועל׳ן. פארט אן אלטער געוועזענער בעל הבית זיינער... כמעט אלע קינדער זיינע, ביי איהם תלמידים געוועזן...

מאכט חיים בער ביי זיך אָב, אָבצו־וואַרטען נחום׳ען נאָך הבדלה אויף דער סטאַנציע, פערפיהרען מיט איהם פריהער א שמועס מכח עפּיס אַן ענין, און דאַן ערשט, בעטען ער זאָל קיין פּאַראיבעל ניט האָבען, און איהם וועגען דעם חוב דערמאָנען...

3.

ניט ווייט פון טיש, אויף אַ לאַנגער באַנק, נעבען אַ ברייטען געמויערטען אויבען, זיצען אויסגעזעצט אַ גאַנצע רייהע אידען פער־טיעפט אין פערשיעדענע ענינים.

צווישען זיי, זיצט אויך שמואל דער קצב. דאָס שטריימעל איז ביי איהר פערוקט אויף אַ זייט, די הענד פערלייגט אין אַ פערזאָרג־טער פּאָזע, און ער קען זיך קיין עצה ניט געבען וועגען אַ שווערען ענין.

די לעצטע צייט, איז ער פּשוט אויס מענש! עס האַלט זיך ביי איהם שטענדיג אין איין טרפה׳ענען... עס האָט איהם שוין ממש בדול הדל געשטעלט!

קלערט שמואל דער קצב, נאָך הבדלה. דורכצושמועסען זיך וועגען דעם מיט׳ן רבי׳ן. ער קלערט, אפשר האָט עס עפּיס אַ שיכות מיט׳ן שוחט: אַ יונגער שוחט, אפשר פערקוקט ער אמאָל...

א חוץ דעם, ישוב׳ט ער זיך, צו זאָל ער פאַר איין־וועג מאַכען מיט׳ן רבי׳ן אַ טענה, וועגען „אָברעכבענען" זיך... שוין קנאַפּע זעקס חדשים, אז מען האַלט פון איהם, אין אין בּאַרגען פלייש אהער, און עס נעהמט קיין סוף ניט.... איין גאָט ווייס: עס אמת אז ס׳איז שוין איבער זיינע כחות...

ער ווייס אפילו, אז אין אזעלכע זאַכען מישט זיך דער רבי ניט. מיט דער רבי׳צען אָבער, קען ער קיינמאָל צו קיין סוף ניט קומען: פון איין וואָך צו דער צווייטער, האַלט זי איהם אין איין „פיהרען", אין איין צוזאָגען... איינפאַך, עס איז איהם שוין מיאוס און מאוס מאַנענדיג.

שלאָגט זיך שמואל מיט דער דעה, וואָס ער זאָל טאָהן. אין גאַנ־צען וועגען דעם שווייגען, טהוט איהם פּשוט וועה דאָס האַרץ; אזוי פיעל שוואַר פערהאָרעוועט בלוט אָנגעבאָרגט... מאַכען ווידער מיט׳ן רבי׳ן וועגען דעם אַ טענה, האָט ער מורא אפשר וועט ער נאָך עפּיס קאַליע מאַכען...

זיצט שמואל פערטיעפט אין מחשבות, און קען זיך קיין עצה ניט געבען.

4.

אביסעל ווייטער, אויף דער זעלבער באנק, זיצט פייוועל דער בעל עגלה. א יוד נאך אין די מיטעלע יאהרען. ער הויבט זיך יעדעס מאל אויף, זעצט זיך צוריק, און קען זיך פאר עגמת נפש קיין ארט ניט געפינען.

שוין עטליכע וואכען, אז ער איז אהן פרנסה געבליבען. ביז איצט פלעגט ער נאך ווי ס'איז דאס ביסעל חיונה פון זייער פערדיל ציהען, — איז עס איהם אבער פלוצלונג אוועקגעפאלען, און מעהר זיך ניט אויפגעהויבען... ער געהט ארום, אז דער מח הויבט זיך איהם פשוט פאר צרות! וואלט ער געהאט מיט עפּיס, וואלט ער זיך דערווייל אן אנדער שטיקעל פרנסה געזוכט. איז איהם אבער אזוי ביטער, אז ס'איז אין שטוב לחלוטין קיין שטיקעל ברויט נישטא, מיט וואס אפילו א טאג איבערצוקומען...

חוץ דעם, עגבערט איצט פייוועלען א געדאנק, וועגען גאר אן אנ־דערע זאך:

הינטער דער אפענער טיהר וואס פיהרט פון דאוועןשטוב אין קיך אריין, האט ער ווען ס'איז ליכטיג געווען, געזעהן שטעהן א גרויסען זאק מיט קארטאפלעס.

ווי אזוי דאס איז געשעהען, קען זיך פייוועל אליין קיין רעכנונג ניט אבגעבען. ער ווייס נאר, אז ס'האט איהם עפּיס ווי א ניט־גוּ־טער געהאלטען אין איין שלעפען, אין איין ציהען אהין...

א פאר מאל איז ער אזוי שטעהן געבליבען ביים זאק, מעכא־ניש דארט א ריהר געטאהן מיט דער האנד, און ווי דערשראקען פאר זיין אייגענעם געביין, איז ער יעדעס מאל אוועק א צוטראגענער.

צולעצט אבער, האט ער מעהר ניט געקענט ביישטעהן דעם נסיון און ער האט עטליכע פון די קארטאפלעס צו זיך אין קעשענע אריינגעלייגט... ניט מעהר טאקע ווי עטליכע — אפילו קיין פולע קעשענע ניט...

פייוועל פיהלט אבער וועגען דעם א שטארקע חרטה און עס לאזט איהם ניט רוהען. ער האט זיך שוין עטליכע מאל געלאזט אהיים געהן און עס לאזט איהם ניט דאס הארץ... ער האט נאך

קיינמאָל יענעמס ניט בעריהרט, קיינמאָל נאָך קיין פרעמד'ס ניט נהנה געווען, אפילו וואָס א שפּילקע די ווערטה איז...

איין גאָט ווייס אָבער דעם אמת, אז ער איז ניט שולדיג, טרויסט זיך פּייוועל אין הארצען — פאַר זיינעט וועגען וואָלט ער דאָס אודאי ניט געטהאָן; פאַר זיך, ווי־פאַר זיך, ער קומט צום „טיש“, ווי ס'איז, כאַפּט ער חאָטש א מאָל א לעפּעל געקעכץ, א שטיקעל חלה... נאָר דאָס ווייב? די קינדער? — שוין צוויי וואָכען קיין שבת ניט גע־מאַכט...

1909.

ר׳ אלטער דער קלעזמער

ר׳ אלטער דער קלעזמער האט גאר ניט געקענט פערשטעהן פאר וואס גאט זאל איהם אויף זיינע עלטערע יאהרען פלוצלונג אזוי שטראפען, אזוי שטראפען! אבנעהמען איהם פלוצלונג א האנד, שונא ציון, און ער זאל גאר דארפען אויף דער עלטער מיט זיין חנה גיטלען אוועקלאזען זיך קיין אמעריקא צו די קינדער. עס האט זיך איהם גאר ניט געגלויבט, אז, נאכדעם ווי ער איז אפגעוועזן דרייסיג יאהר דער ערשטער קלעזמער אין שטאדט, זאל ער גאר אויף איין מאל אין גאנצען ווערען אוים קלעזמער! נישט קענען, א שטייגער, מעהר א זאג טהאן ביי א חתונה: „מאטקע, דיין פי־דעל איז ניט גוט געסטראיעט! אדער „זעליג, דער באס ריטשעט צו שטארק!״ אדער גאר א טופ טהאן מיט׳ן פוס צום פויקער, ער זאל ניט אזוי גלישען און פויקען צום טאקט. עס האט זיך איהם גאר ניט געגלויבט!

דרייסיג יאהר איז ר׳ אלטער געווען קלעזמער אין שטאדט און געהאט א שם אין דער גאנצער אומגעגענד פאר איינעם פון די בעס־טע אידישע קלעזמער. עפעס אז ר׳ אלטער האט געשפיעלט די חתונה, האט זיך גאר אנדערש געפיהלט אויף׳ן הארצען. זיינער אן „אפשפיעל״ פלעגט פשוט צוגעהן אין יעדען אבר. היינט זיינע אדויני׳לעך, זיין כל נדרי „צום טיש״, פשוט די הענד איהם צו קושען. „א! — פלעגען זיך די מחותנים קוויקען בשעת זיין שפי־לען — אט דאס הייסט א כלי!״

און ר׳ אלטער האט נאך טיעפער פערקנייטשט זיין שטערען, מעהר ארונטערגערוקט די פידעל אונטער זיין בארד און נאך טרויע־ריגער זיך צוואויינט אויף די סטרונעס, נאך טיעפער געצויגען די טענער — טאקע מיט דעם אמת אידישען קרעכץ, מיט דעם אמת אידישען זיפץ... און אז ער האט דערפיהלט אז עס הערען זיך שוין שטילע ווייבערשע כליפען, האט ער מיט שטאלץ א הויב געטהאן זיין קאפ, אזוי אז די צוויי שפיציגע בארד זיינע איז געבלי־בען ליגען אויף׳ן פידעל, און גענומען שפילען א זעהר פריילעך שטי־קעלע אז עס האט ממש א הויב געטהאן צום טאנצען..

און אז ר׳ אלטער האט געזעהן אז דער עולם איז זיך משמח, האט ער ניט געזשאלעוועט, געשפיעלט נאך א מאל, און טאקע נאך א מאל, און פלעגט זיך טאקע אליין אויך אפט משמח זיין ווי אן

אמת'ער איד — און פארוואס ניט?

את דערפאר אליין האט זיך ר' אלטער אזוי בעליעבט, און גע־קראגען אזא שם.

נאר פלוצלונג, אז עס האט זיך אין שטאדט געמאכט עפעס א בעל הבית'ישע חתונה האט מען גאר אנגעהויבען נוצען קלעזמער פון אן אנדער שטאדט, קלעזמער וואס האבען געשפיעלט פון נא־טען, יונגע חברה מיט לאנגע האר — מיט איין ווארט, גאנצע דייט־שען! האט זיך אין ר' אלטער'ס הארץ גענומען אריינגנב'ענען א טיעפער פערדרוס: סטייטש אזעלכע אינגלאך וואס וואלטען זיך ערשט בעדארפט ביי איהם לערנען, זאל מען פערבייטען אויף איהם, אויף איהם, וואס איז שוין דרייסיג יאהר דער ערשטער קלעזמער אין שטאדט!... און אז ער האט שפעטער בעמערקט, אז קלענערע בעל הבתים געפעהלט שוין אויך בעסער יענע „דייטשע קלעזמארוקעס", ווי ער פלעגט זיי רופען, האט זיך דער פערדרוס אין איהם נאך מעהר פערגרעסערט, און טיעף אין זיין הארצען האט גענאגט, געטאטשעט ווי א בייזער ווארים וואלט דארט וועלען פערצעהרען זיין נשמה...

מעהר אבער ווי אימער האט זיך אין דעם אלטער קלעזמער ערוועקט א טיעפער פערדריסליכער שמערץ, ווען זלמן דער שענקער, זיינער א שכן, האט חתונה געמאכט זיין מיזינקע — אויך מיט די דייטשע „קלעזמערוקעס"...

— נו? — האט ער זיך געווענדעט צו זיין אלטער מיט א ביי־טערען שמייכעל, — זלמן שענקער געפעהלט שוין אויך ניט אלטער קלעזמער — זלמן קבצן, ביי וועלכען איך האב דריי קינדער חתונה געמאכט אהן א גראשען שכירות!... שעהן זיך דערלעבט, איא, חנה־גיטעל?...

— אזוי איז שוין — האט חנה גיטעל צוגעשאקעלט מיט'ן קאפ — אז פון דראבעס ווערען לייט, גיט מען פאר ברויט אפ שטיינער...

ר' אלטער'ן אבער האט עס וויינינג געטרייסט. יעדעס מאל ווען יענע קלעזמער האבען גענומען שפילען ביי זלמן דעם שענקער האט איהם עפעס ווי א געהיימע קראפט געצויגען צום פענסטער בעסער זיך צו צוהערען ווי אינגלאך מאכען חוזק.. חאטש אין הארצען האבען איהם די טענער געשניטען ווי מיט מעסער; געקלונגע אין זיינע אויערען, ווי מען וואלט קלאפען מיט צדקה פושקעס...

שפעטער ווען עס האט זיך דערהערט שפיעלען דער חופה מארש איבער'ן מארק בעגלייטעט פון א גרויסער קעסעל־פויק, איז ר' אל־טער שטעהן געבליבען ביים פענסטער ווי א דערשלאגענער.

— ווי געפעלט דיר די באנדע? — האט ער מיט ביטערער איראניע בעמערקט חנה גיטלען — גאר מיין חופה מארש, איא?... אדרבא, דו האסט דאך מיך שוין אמאל עפים געהערט שפיעלען, — הערט זיך אפילו איין אידישער טאן אין דעם מארש?... פונקט ווי מיכאלקע שפיעלט אויף א גוי'אישע כאסליערע... און די קעסעלפויק? — זעצט אין די אוירען פונקט ווי מען וואלט געקלאפט אין א פאס! געדענקסט חאטש וו אך פלעג דעם קליינעם יאשקע דרייהען ביי די אוירען פאר אזא פויקען? . . .

און וואס ווייטער די קלעזמער האבען געשפיעלט, אלץ טרויעריגער האבען פאר איהם געקלונגען די טענער: טיעפער האט איהם געשניטען אין הארצען....

און ווי א צומישטער האט ער פלוצלונג א נעהם געטאהן זיין פידעל און גענומען שפילען אן אלטען חופה־מארש... און וואס העכער די טענער פון יענע קלעזמער האבען זיך געהערט, אלץ שטארקער האט ער געצויגען דעם בויגען איבער זיין פידעל, אלץ שנעלער האבען זיינע פינגער געארבייט איבער די סטרונעס...

דעם אלטען קלעזמער, איז דאן פלוצלונג די פידעל פון האנד ארויסגעפאלען. אין מח האט איהם גענומען רוישען, דער קערפער איז איהם בעגאסען געווארען מיט א שוויס, און ער איז מאכטלאז שטעהן געבליבען אנגעשפארט ביים טיש אין א פיבערישען ציטערען.

זייט יענעם טאג איז ר' אלטער אין גאנצען געווארען אוים קלעזמער. לאנג, לאנג האט גענומען ביז ער איז צו זיך געקומען; טרויעריגע, פינסטערע טעג האט ער דורכגעלעבט פאר דער צייט. און ווען ער איז צו זיך געקומען, האט זיך איהם גאר ניט געגלויבט, ער זאל מעהר ניט קענען שפיעלען אויפ'ן פידעל; אין גאנצען, גאר אויף איין מאל ווערען אוים קלעזמער! ניט קענען מעהר אפילו א ריהר טהאן מיט דער האנד, אפילו ניט איין ציה טהאן דעם בויגען איבער'ן פידעל? . . .

ביי אזעלכע געדאנקען פלעגט זיך אין איהם אפט ערוועקען א לוסט צום פידעל: חאטש א קוק טהאן, פרופען אפשר וועט פארט געהן! עפעס חאטש א שפיעל טהאן! סטייטש, דרייסיג יאהר געשפיעלט!

ער פלעגט נעהמען די פידעל, בעקוקען איהר פון אלע זייטען, א צימבעל טהאן מיט זיין געזונטער האנד איבער די סטרונעס, גע־

פרופט איהר ארײנלײגען אין זײן קראנקער האנד, געדרעהט אויף אלע זײטען און אז ער האט געזעהען אז זײן מיה איז אומזיסט, פלעגט ער נערוועז א מורמעל טהאן:

— אבגעשפּיעלט!...

און טרויעריג, זעהר טרויעריג האט ר' אלטער געפיהלט אויף'ן הארצען ווען דער טאג איז געקומען און ער האט מיט זײן חנה־גיטלען בעדארפט פערלאזען זײן אלטע היים.

— פארט דא אבגעלעבט זײנע שעהנסטע יאהרען, — האט ער געזיפצט, — פארט דרײסיג יאהר געװען א בכבוד'ער בעל הבית — דרײסיג יאהר! און יעצט, אויף זײנע עלטערע יאהרען, גאר זיך אװעקלאזען אין א פרעמדער מדינה צו די קינדער, צום זוהן, װעלכער האט נאך אין דער היים געשפּיעלט פון די בלעטער און ניט געװאלט װיסען פון א אידישען ניגון....

און דעם זעלבען טאג, װען ר' אלטער'ס אלע בעקאנטע זענען זיך מיט איהם געקומען געזעגענען, איז אויך געקומען מאטקע, זײן געװעזענער צװײטער פידלער, װעלכער איז געװען בײ ר' אלטער'ן דער בעליעבטעסטער פון זײן גאנצער קאפּעליע.

— זײ געזונד, מאטקע ברודער, — האט איהם ר' אלטער שטארק געדריקט די האנד, — אוים! אבגעשפּיעלט, מאטקע!...

ער האט דערבײ א שװערען זיפץ געטהאן, טיעף אײנגעדרונגען זײנע בליקען אויף מאטקע'ן, און װײטער געזאגט מיט צער:

— דרײסיג יאהר געװען קלעזמער! דרײסיג יאהר, מאטקע ברודער! אמת, צו דיר האב איך גארניט, מאטקע! דו ביזט שטענדיג געװען עהרליך צו מיר, ניט װי יענע אינגלעך....

ער איז דאן דרײסט צוגעגאנגען צו א װינקעל, א נעהם געטהאן זײן פיעדעל, און צוגעטראגען צו מאטקע'ן.

— נא! — האט ער איהם דערלאנגט די פידעל מיט א געבראכענעם שטאלץ, — אט דא האסטו מײן פידעל פאר א זכר! איך האב שוין מײנס אבגעשפּיעלט... נאר געדענק, מאטקע ברודער, — האבען די טרעהרען איהם גענומען שטיקען, — מײן פידעל... דרײסיג יאהר האב איך אויף איהר געשפּיעלט!... דרײסיג יאהר, מאטקע ברודער!....

און ר' אלטער דער קלעזמער האט זיך צובליפּעט װי א קינד.

.1906

מיין טאטען׳ס פידעל

(געווידמעט דעם אנדענקען פון מיין פערשטארבענעם פאטער)

מיט איהר איז ענג פערבונדען
מיין טאטען׳ס שטילע ליידען
דער שמערץ פון זיינע וואונדען
די טרעהרען ביי זיין שיידען.

איך ליעב זי, מיין טאטען׳ס פידעל. זאגאר יעדעס שטריכעלע, יעדעס שפעלטעלע, יעדעס ביסעלע שטויב וואס געפינט זיך ערגעץ אין איהרע בערבארגענע ווינקעלעך ליעב איך.

מיין טאטען׳ס פידעל!...

א סקעלעט, צוזאמענגעשטעלט פון אויסגעטריקענטע ביינער, זעה איך יעצט פאר זיך. און דאך, קוקט נאך, דאכט זיך, אויף מיר די אלטע פידעל מיט דער זעלבער שטרענגקייט ווי אמאל ווען זי האט נאך בעלאנגט צו מיין טאטען, — מיט דעם זעלבען שטאלץ, ווי עס קוקט אמאל אן אלטער חזןביים עמוד.

א גאנצען בוך פון מיין פערגאנגענהייט זעה איך פאר זיך, א בוך, פון וועלכען איך וואלט, דאכט זיך, קיינמאל נים מיעד געווארען צו לעזען.

מיין טאטען׳ס פידעל!

די פריידען פון קינדער יאהרען זענען מיט איהר פערבונדען; די בליהענדע בלומען פון מיין פריהלינג! א ים מיט בילדער, א ים מיט ערינערונגען שווימען ארויף אין מיין זכרון ווען איך בעטראכט זי. טיפע געדיכטע וועלדער, ברייטע פעלדער פערוואקסען מיט גאלדענע זאנגען, זיסע טרעלען פון פויגעלאך, אנגענעהמע מעלאדיען פון פאסטוכער. איך מיט מיינע חברים לויפען ארום, פרעהליכע לוסטיגע חדר אינגלעך צווישען די גערטנער, קלעטערען אויף די בוימער, איינער שניצט פייפלאך פון ווערבע, א צווייטער מאכט א פידעלע, און איך ברענג א סטרונע — אן אמת׳ע סטרונע פון מיין טאטען׳ס פידעל....

און וויים, ערגעץ אונטער א בוים, ווייט פון דעם ענגען חדר, פון דעם שטרענגען רבי׳ן מיט׳ן קאנטשיק, זיצען מיר און שפיעלען אונזער קינדערשען קאנצערט.

מיין טאטען׳ס פידעל!...

דער צויבער קראַנץ פון מיין קינדהייט געפלאָכטען פון די בלומען פון מיין לעבענס פריהלינג.

מיר דאכט, ווי דאָס וואָלט ערשטע נעכטען געווען.

איך זעה אונזער שטוב אין וועלכער מיר וואוינען. ס׳איז שבת נאכט, א שעהנער לופטיגער אבענד; די אָפענע פענסטער וויגען זיך אהין און צוריק פון א קיהל ווינטעל וואָס גיט יעדעס מאָל, ווי פער׳גנב׳עט, א בלאָז, און פון יעדען בלאָז טהוט א לייכטער ציטער דער פלאַם פון׳ם קליינעם נאַפט־לאָמפּ וואָס בעלייכטעט די שטוב מיט א געלב־מאַטען ליכט.

אויבען, ביים טיש, זעה איך דעם טאטען ווי ער שטעהט און שפּיעלט אויפ׳ן פידעל. זיינע טיעפע גוטמוטהיגע אויגען קוקען מיט ערנסטע בליקען; זיין רונדע טונקעלע באָרד ליעגט שטאָלץ און ברייטלעך אויף דער פידעל, און איבער דער שטוב גיסט זיך זיין אַלטער המבדיל...

איך שטעה נאָהענט נעבען איהם; קוק מיט נייגעריגע זשעדנע אויגען ווי זיינע פינגער טאַנצען פון איין סטרונע אויף דער צווייטער, און ווי פון יעדען דרוק איבער די סטרונעס, פון יעדען ציה מיט׳ן בויגען, קומען ארויס אַנדערע טענער; צוגיסען זיך דורך די אָפענע פענסטער ווייט איבער דער גאָס; מישען זיך צוזאַמען מיט פרעהליכע קינדערשע געלעכטערס, מיט א מעלאַנכאָליש קול פון ערגעץ אין איינזאַמען אידען, וועלכער איז נאָך מחדש די לבנה.

איך שטעה ווי א פער׳חלום׳טער מיט א האַרץ פולל מיט לוסט — אָט אזא פידעל ווי דעם טאטען׳ס ווילט זיך מיר האָבען! אַן אמת׳ע פידעל מיט אמת׳ע סטרונעס... די לוסט וואַקסט אין מיר אַלץ גרעסער, גרעסער. איך רוק זיך צו נאָך נעהענטער צום טאטען, אזוי, אז יעדער ציה פון׳ם בויגען גלעט, דאכט זיך, ווי א לייכט ווינטעל מיינע באַקען. איך טהו פער׳גנב׳עט יעדעס מאָל א גלעט די פידעל איבער איהר אויסגעדרעהטען קאָפּ, שפּיעל זיך מיט א שטיקעל סטרונע, וואָס הענגט ארונטער, דרעה דאָס אַלץ פעסטער ארום מיין פינגער און פיהל אין דער מינוט ווי א כאַפּ טהאָן די פידעל פון׳ם טאטען, צודריקען זי פעסט צו זיך און אַנטלויפען מיט איהר ווייט, ווייט ערגעץ אונטער דער שטאָדט וואו עס ציהט זיך דער גרויסער געדיכטער וואַלד...

איך דערפיהל פּלוצלונג, ווי די סטרונע טהוט זיך א ציה ארויס

פון מיין האנד און איך דערזעה אויף זיך דעם טאטען'ס שטרענגען בליק, ווי ער וואלט זאגען: מען ריהרט ניט דעם טאטען'ס פידעל!...

מיין טאטען'ס פידעל!...

א לעבעדיגען סקעלעט, אין וועלכען עס האט אמאל א ווארים דאריץ געקלאפט, און היים בלוט געשטראמט, זעה איך פאר זיך!

איך זעה דעם טאטען א קראנקען, א שוואכען מיט א געל איינגעשרומפטען פנים: איך זעה ווי עס פלאגט איהם א שווערער שטיקענדער הוסט, און יעדער הוסט טראגט מיט זיך מיט א שטיק פון זיין הארץ, א טהייל פון זיין לעבען און זיינע קרעכצען זענען עפעס אזוי שניידענד, אזוי טיעף....

פערשוואונדען זיינען יענע פרעהליכע זומער טעג, פערזונקען די זיסע נגונים; אין שטוב איז טרויעריג, שטיל: די שויבען זענען איבערצויגען מיט א ווייסען פראסט; פון א ווינקעל טראגט זיך א שטיל טשירקען פון א קאנאריק וואס טאנצט ארום אין א שטייגעל; גיסט זיך צוזאמען מיט דעם טאטען'ס קרעכצען און ווארפט נאך א טיעפערע מרה שחורה איבער דער שטוב.

און טרויעריג, טרויעריג ווי א עלענדער יתום הענגט די פידעל אויף דער וואנד; פערשטומט האבען די טענער, געפלאצט האבען די סטרונעס, געפלאצט און פערצויגען זיך מיט שטויביגע שפינוועבס-פעדים; הענגען ארונטער ווי שנירלעך פון פערגלי־ווערטע טרעהרען....

מיין טאטען'ס פידעל!...

בלויז איין מאל האט דער טאטע אויף איהר געשפיעלט אין דער צייט פון זיין קראנקהייט. איך וועל, דאכט זיך, קיינמאל אן יענעם שפיעלען ניט פערגעסען! טרויעריגע, הערצרייסענדע טע־נער זענען דאס געוועזן! יעדע סטרונע, דאכט זיך, האט דאן גע־וויינט; יעדער טאן האט אויסגעדריקט די טיעפקייט פון זיינע ליידען! און טיעף אין הארצען האבען די טענער אזוי געצויגען... ס'האט זיך עפעס אזוי געוואלט וויינען....

פערשטומט האבען די לעצטע טענער — שטיל געווארען איז דער קוואל פון מיין טאטען'ס שטילע טרעהרען....

1907.

מיין פערפלאָסענער פריהלינג

„ווידער איז דער מאַי געקומען,
מיט זיין צויבער, מיט זיין פּראַכט,
אַלע גראָזען אַלע בלומען
האָבען ווידער אויפגעוואַכט".
(מאָררים ראָזענפעלד).

פריהלינג !....

די ליעבע שעהנע זונן האָט ווידער איהרע וואַרעמע שטראַה־לען אויף דער ליעבער מוטער־ערד געשיקט און זי ווידער פון איהר ווינטער־שלאָף דורך א הייסען קוש אויפגעוועקט.

אויסגעטאָן האָט פון זיך די ערד איהר ווייסען שניי־מאַנטעל, און ווידער איהר מעכטיגען קערפּער אין א גרינעם געוואַנט, גע־וועבט פון פּרעכטיגע בלומען איינגעהילט.

און שטאָלץ ווי א קעניגין, צערטליך ווי א געטרייע מוטער צו איהרע קינדער, קוקט זי אויף אַלעם וואָס לעבט און בעוועגט זיך אויף איהר; ערנעהרט יעדעס קלענסטע בעשעפעניש פון איהרע פולע ברוסטען.

און עס גרינען די בוימער, עס דופטען די בלומען, עס זינגען די פויגעל, עס זשומען די פליעגען, און די זונן שיינט; בעציערט אַלעס מיט איהרע העלע וואַרעמע שטראַהלען.

פריהלינג !....

אמאָל האָב איך אויך א פריהלינג געהאַט. אמאָל בין איך אויך ווי א בלום געוועזן — ווי א בליהענדע בלום אונטער דער אויפ־זיכט פון א גוטען גערטנער. א ים מיט שטראַהלען האָבען אין מיין יונגער פאַנטאַזיע גאָלדענע חלומות געפלאָכטען; דער גאָר־טען איז מיין היים געוועזן; די פויגעל מיינע חברים; איך האָב אויף ווערבע־פייפלעך זייער כאָר בעגלייט, — און ווי זיי, אונטער'ן פרייען הימעל אין מיין פריהלינג געשוועבט.

מיין שעהנער פערפלאָסענער פריהלינג !...

ווי א קראַנץ, געפלאָכטען פון פערוועלקטע בלומען, שוועבט ער יעצט פאר מיר: יעדע בלום קוקט אויף מיר מיט איהרע פער־וועלקטע בלעטלעך; עפענט פאר מיר איהר פערטרוקענטע קנאָס־

פע און ציינט מיר א שטיק פון מיין לעבען, א טהייל פון מיין פער־גאנגענהייט.

יעדעס שטיקעלע דרינגט אריין אין דער טיעפקייט פון מיין נשמה; יעדעס טהיילכעל וועקט פערבארגענע קעמערלעך פון אלטע זכרונות... און די זכרונות וועבען זיך; צוגיסען זיך אין אן אנ־גענעהמע ווארעמקייט איבער מיין הארצען; לעבען אב אין מיין מח אין פערפלאָסענע פריהלינגס־בילדער — אין יענע זיסע קינדער בילדער, וועלכע זענען פערבונדען מיט די שעהנסטע האפנונגען און הערליכסטע פאנטאזיען.

איך זעה מיין שטעדטעלע: מיין קליין אָרים געבורטס־שטעדטעלע!

ס'איז שבת בייטאָג. א שעהנער, ווארימער פריהלינגס־טאָג. דאָס גאנצע שטעדטעל איז אין א הייליגער שטילקייט פערוויעגט. פון'ם ריינעם בלויען הימעל קוקט מילד ארונטער די זונן; שפיעלט זיך צווישען די בוימער פון די ארומיגע גערטנער; בעגילדעט די קליינע הייזלאך; שימערט פינקעלדיג איבער די שויבען פון די אָפענע פענסטער, וועלכע וויעגען זיך הין און צוריק פון א קיהל ווינטעל.

כמעט פון יעדען פענסטער זעהען זיך געשטאלטען מיט ערנ־סטע פנים'ער.

ביי איין פענסטער קוקט פערטראכט ארויס א מיידעל; קנאקט ניס אוןווארפט יעדעס מאָל ארויס די שאָלעכץ אויף דער גאס. ביי א צווייטען פענסטער זיצט א חסידישער בחור פערטיעפט אין עפעס א ספר'ל. ער פערטראכט זיך פון צייט צו צייט און ווארפט יעדעס מאָל א פער'גנב'עטען בליק צו דער ניס־קנאקערין.. פון אנ־דערע פענסטער זעהען זיך עלטערע אידענעס, געבויגען איבער טייטש־חומשים; עס רייסט זיך ארויס א מעלאנכאָליש קול פון א תהילים־זאָגער; א יונג שטימעלע פון א חדר־אינגעל וועלכען א מלמד פערהערט פאר'ן פאָטער. די שטימען גיסען זיך צונויף מיט דעם סווישטשעריי פון די שוואלבען וועלכע בויען זיך אונטער די דעכער זייערע נעסטען: צוטראָגען זיך און שטארבען אָב ערגעץ ווייט אין דער לופט.

איך מיט מיינע חברים לאָזען זיך ארויס שפאצירען צום שלאָס.

— דער שעהנסטער שפאציר־גאנג אין די זומערדיגע שבתים.

פוןביידע זייטען ציהען זיך הויכע געדיכטע בוימער וועלכע

ווארפען אריבער זייערע צווייגען איבער דעםברייטען וועג; שעהנע גרינע לאנקעס שלענגלען זיך אויף א ברייטען שטח צווישען געדיכט־פערוואקסענע פעלדער — און ווייט, אויף א הויכען בארג אויסער דער שטאדט, זעהט זיך דער שלאס, — דער אלטער גרויער שלאס, אונטער וועלכען עס האבען געבליהט די ערשטע בלומען פון מיין פריהלינג, די שעהנסטע האפנונג פון מיין יוגענד...

דער אלטער שלאס!...

ווי א זיסער פערשוואונדענער חלום שוועבט ער יעצט פאר מיר!

מיר געהען דורך דעם הויכען ברייטען שלאס־טויער וועלכער פיהרט אויף דער צווייטער זייט בארג; איבעראל זעהען זיך נאך דא סימנים פון אלטע צייטען; פון אן אלטער אבגעלעבטער ווירטשאפט; אלטע שטיינערנע בענק, צובראכענע פיגורען מיט אונלעזבארע אבגעריבענע אויפשריפטען; טהירען פון געהיימע קעלערען — אלעס רופט עפעס ארויס אן ערנסטקייט, א מין פערבארגענע נייעגריגקייט אין דער טיעפקייט פון אונזערע יונגע נשמות.

אונטער'ן בארג איז יעצט פרעהליך, שבת'דיג. אין די גראזען זעהען זיך אויסגעזעצטע גרופען, אבגערוקט ווייט איינע פון דער אנדערער, — אידען מיט שטריימלעך, איונגערע און עלטערע ווייבער; מיידלעך; מען רעדט, מען לאכט, מען דערצעהלט זיך מעשות; קינדער לויפען ארום פרעהליכע, לוסטיגע; איינגלעך מיט סאמעטענע יארמולקעס; מיידלעך מיט פערפלאכטענע צעפעלעך אין שבת'דיגע קליידעלעך; זיי קלייבען זשאבע שיסעלעך, טאנצען און זינגען פרעהליכע קינדערשע ליעדער.

איך מיט מיינע חברים לויפען ארונטער דעם בארג, פערקריכען ערגעץ צווישען ניעדריגע, געדיכטע צווייגלעך, און נעהמען זיך מעשה'לעך דערצעהלען — מעשה'לעך פון אלטע קעניגע, וועלכע האבען אמאל ביי דעם שלאס מלחמה געהאלטען.... פון א שעהנער פרינצעסין וועלכע מען האט אמאל אין די קעלערען פערשפארט, וויל זי האט א ציגיינער געליעבט... די נייגעריגקייט וואקסט, שפאנט אונזער קינדערשע פאנטאזיע; פערטראגט אונז ערגעץ אין א ווייט בעזונדער וועלטעלע....

פארנאכט, ווען אויף די שפיצען פון די בוימער בעווייזען זיך די לעצטע שטראהלען פון דער פערגעהענדער זונן, נעהמט מען גרופען־ווייז פערלאזען דעם שלאס. עס פערבלייבט בלויז א קליינע גרופע שניידער־מיידלעך מיט שניידער־געזעלען וועלכע נעהמען זיך

צוגעהן פארלעך-ווייז צווישען די בוימער...

— בים - ם - - ם! באם - ם - - ם! — דערהערט זיך פלוצ־לונג דאם קלינגען פון א ווייטען קלויסטער-גלאק.

גלין - ן - ן! גלאן - ן - ן! — חאפט אונטער א צווייטער גלאק. און די טענער פוןביידע גלעקער הילכען אב; צוגיסען זיך אין דער לופט אין א מעלאנכאלישען עכא...

אלעס ארום ווערט דאן אין אן אנגענעהמער שטילקייט פער־וויגט — א שטילקייט, דורך וועלכער עס ציהט זיך אן אבגעריסען, פערהשפעטיגט. פויגעל-שעפטשעריי, א פליסטערען פון א היישריק, א קוואקען פון א זשאבע — און צוזאמען מיט דיעזע שטימען קלינגען אב טרויעריגע, אנגענעהמע מעלאדיען פון די פארלעך, וועלכע צוגיסען זיך צווישען די בוימער אין ליעבעס-ליעדער.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

נאך יענער פערפלאסענער פריהלינגס-צייט בענקט זיך מיר! נאך יענער צייט, ווען איך בין נאך געווען ווייט פון דעם גאנצען רעש'יגען לעבען; ווייט פון דער ברייטער וועלט מיט אלע איהרע שמערצען, מיט אלע איהרע ליידען....

און מיר בענקט זיך! עס בענקט זיך עפים אזוי טיעף...

עס ווינקט דער וואלד, עס רופט דאם פעלד, עס שמייכעלט די לאנקע, און די זונן ציהט, לאסטשעט, וועקט אין מיר פרישעס לעבען; ערצעהלט מיר פון בלומען, פון וועלכע איך האב נאך דעם ריח ניט געפיהלט; פון פויגעל, וועמעס טרעללען איך האב נאך ניט געהערט....

און צוזאמען מיט דיעזער בענקשאפט גלאצט צו מיר עפעס שווארצעס — שטיקענדעס!... שוועבט איבער מיר ווי דאם גע־שטאלט פון א גרויסער בייזער קראה; שרעקט מיך מיט איהרע שארפע נעגעל; רייסט זיך צו פערשטעלען מיט איהרע שווארצע פליעגלען יעדען זונענשטראהל... פערטויבט מיט משונה'דיגע קולות יעדען אנגענעהמען נאטור-גערויש און שרייט, דוכט זיך, צו מיר אין א ווילדען כעס: —

„פרעמד די בלומען פרעמד די בלעטער,
פרעמד די וועלט, א פרעמדען מאי!
פרעמדע פויגעל, פרעמדע געטער,
פרעמדע מענשען — אלץ פערביי"...

1908.

IV.

לידער.

ליידען

(אוים דעם טאַגע־בוך פון אַ געטהאָ־מיידעל).

יוני דעם 14טען.

דער הוסט האָט מיך לעצטע נאַכט אַזוי פערמאַטערט, אַז איך בין היינט ניט אימשטאַנד געווען צו געהן צו דער ארבייט. וואָס דער סוף וועט זיין מיט מיין הוסט ווייס איך ניט! שוין פון עטליכע טעג אַז עס האַלט מיך אין איין מוטשען. הערי רעדט מיך צו איך זאָל זיך וועגען דעם בעראַטהען מיט אַ דאָקטאָר. — איך לייג אַלץ אָב פון איין טאָג אויפ'ן צווייטען — מיר איז זעהר ניט אַנגענעהם אַנצופאַנגען מיט דאָקטוירים.

מיטאַג־צייט האָב איך זיך געפיהלט בעדייטענד בעסער. איך האָב זיך אָרום געוואַשען, אָנגעטאָן אַ פרישע בלוזע און בין אַרויס אין גאַס עפּעס קויפען. זינט הערי האָט מיט מיר איבערגערעדט וועגען אונזער חתונה, וואָלט איך ניט מיער געוואָרען שטענדיג אַרומצוגעהן אין גאַס און האַנדלען. מיין קופערט איז שוין פול מיט פערשיעדענע זאַכען וואָס איך האַלט זיך ביסלעכווייז אין אַנגרייטען.

היינט האָב איך זיך געקויפט וואָל און זיך גענומען העקלען אַ נייע שאַל. — דאָס וועט שוין זיין די צווייטע שאַל וואָס איך וועל האָבען; די ערשטע איז אַ רויטע, און די וועט זיין אַ גרויע מיט אַ גרינעם ברעג.

איך בין זיכער, אַז איך וועל דערפון דערצעהלען הערי'ן, וועט ער זיך שוין האָבען פון וואָס צו ווערטלען — אַזאַ טבע האָט ער שוין — יעדעס מאָל ווען איך צייג איהם עפּעס אַ נייע זאַך, טהוט ער גלייכגילטיג אַ ציה מיט די אַקסלען און שמייכעלט.

מיין ליעבער גוטער הערי! פאַר איהם וואָלט רעכט געווען מיר זאָלען אַפילו חתונה האָבען ווי איך שטעה און געה...

יוני דעם 17טען.

אויב איך האָב אַמאָל דורכגעלעבט שרעק און פערצווייפלונג, איז דאָס געווען אין היינטיגען פריהמאָרגען! אַ שוואַרצער וואָל־

קען האָט זיך איבער מיר פערצויגען; א טיעפע מרה שחורה אין מיין הארצען פערשפרייט!

ליגענדיג אין דער פריה אויף מיין געלעגער, האָב איך בע־מערקט אין שפיי־קעסטיל, וואָס געפינט זיך נעבען מיין בעט, א פערגליווערטען בלוט־שפיי....

— איך שפיי מיט בלוט!... — האָט מיר מיט אמאָל א זעץ געטאָהן אין מח.

איך בין געבליבען ליגען ווי א צומישטע. א טיעפער שווידער האָט דורכגענומען מיין גאנצען קערפער, מיין הארץ האָט גענומען קלאפען מיט א העפטיגער שנעלקייט, און איך האָב זיך ניט געקענט איינהאלטען פון וויינען...

מיך פערדריסט שוין יעצט פארוואָס איך האָב, ביים אויס־שווענקען דאָס שפיי־קעסטעל, ניט נענויער אכטונג געגעבען — ס'קען זיין אז דאָס איז בלויז געווען עפּעס איין איבעריגער בראָקען וואָס האָט די עהנליכקייט צו בלוט... מעגליך אז אימיצער האָט עפּעס אהין ארייננעוואָרפען... איך האָב שוין דאָרט ניט איינמאָל בעמערקט ליעגען אבגעפאלענע רויהע שטיקלעך פלייש וואָס די פרוי ביי וועלכער איך וואוין, ווארפט אהין אריין....

פונדעסטוועגען, אום צו זיין פאלשטענדיג בערוהיגט, בין איך שוין היינט ניט נעגאנגען צו דער ארבייט, און בין אוועק צו א דאָקטאָר בעראטהען זיך וועגען מיין הוסט. אויסער דעם, האָט ריך עפּעס געסטערן ביי דער ארבייט געכאפּט א שטארק שטעכען אין הארצען, וואָס לאָזט מיך ניט אב! איך האָב זיך די גאנצע נאכט איינפאך קיין אָרט ניט געקענט געפינען! יעדעסמאָל האָט, ווי א גליהענדע שפּיעז דורכגענומען מיין ברוסט.

דערווייל ווייס איך נאָך גאָר ניט וואָס מיר איז. דער דאָק־טאָר האָט מיך בלויז אונטערזוכט, געהייסען זיך איבערלאָזען אביסעל שליים אין א גלאָז, און מיר מאָרגען ווידער געהייסען קומען.

יוני דעם 20טען.

איך געה ארום ווי א דערשלאָגענע! מיינע לונגען זענען אָנגעגריפען... אויב איך וועל ניט ווי אמשנעלסטען פערלאָזען ניו יאָרק שטעה איך אין געפאהר צו קריגען א בלוט־שטורץ!... י

וואָס איז מיט מיר פאָרגעקומען ווען דער דאָקטאָר האָט מיר אָנגעזאָגט די בשורה? בין איך געפאלען אין חלשות, אָדער איז דאָס בלויז געווען אן אָנפאל פון שרעק?

מיר איז שווער דאָס צו אונטערשיידען! איך געדענק נאָר ווי עס האָט מיר גענומען מישען אין קאָפּ, שווינדלען פאַר די אויגען און ווען איך בין צו זיך געקומען, האָב איך זיך געפונען ליגענדיג ביים דאָקטאָר אויף דער סאָפאַ אין אַ היסטערישען ציטערען...

הערי'ן האָב איך נאָך דערוויילע גאַרנישט דערצעהלט. ער בעזוכט מיך כמעט יעדען אבענד און איך בעגעגען איהם מיט דער זעלבער רוהיגקייט, מיט דער זעלבער ליעבליכער אויפנאַהמע ווי געוועהנליך.

פאַרוואָס דערצעהל איך איהם ניט וואָס מיר איז?

איך קען זיך וועגען דעם אַליין קיין רעכענונג ניט אָבגעבען! ווי נאָר עס קומט מיר אויפ'ן געדאַנק צו פערטרויען איהם וועגען ריין לאַגע, גנב'עט זיך עפּעס אין מיר אריין אַ געהיימע שרעק, אַ שרעק פאַר עפּעס אונבעשטימטעס, פאַרבאָרגענעס...

דאָך, מיר קומט פאָר אַז הערי קוקט עפּעס יעצט אויף מיר אַנדערש ווי געוועהנליך! געסטערן אבענד ווען ער האָט מיך בע־זוכט, האָט עפּעס זיין האַלטונג געמאַכט אויף מיר אַ זאָנדערבאַרען איינדרוק. איך האָב איהם נאָך, דאַכט זיך, קיינמאָל ניט גע־זעהען אַזוי קאַלט און אַזוי מרה שחורה'דיג ווי נעכטען! וואָס לענגער מיר האָבען פערבראַכט, אַלץ שווערער און אונאַנגענעהמער איז מיר געוואָרען אויפ'ן האַרצען; עפּעס אַ מאָדנע פערדעכטיג געפיהל האָט מיך גענומען פּלאָגען; יעדע קלייניגקייט וואָס גע־פינט זיך אין מיין צימער, האָט עפּעס אויף מיר געקוקט מיט שטומע פערהדעכטיגע בליקען... אַלעס האָט, דאַכט זיך, געטראָגען אויף זיך, פון אויבען אויף, דעם סוד פון מיין ליידען...

מעהר ווי אַלעס האָט מיך פערפאָלגט דאָס שפּיי־קעסטעל... יעדעסמאָל, וואָס איך האָב דערויף אָבגעשטעלט מיינע בליקען, האָט מיר אויסגעוויזען, אַז, אָט אָט, און דער שטומער עדות קריכט אפיער פון אונטער'ן בעט און פערראַטה מיך — דערצעהלט אַז איך שפּיי מיט בלוט...

איך האָב געפיהלט ווי אַלע אברים הויבען זיך אין מיר אָן צונויפצוציהען; צו קרעמפּפעווען... נאָך אַ ווייל, און עס וועט עפּעס געשעהן אַזעלכעס וואָס איך האָב אַליין ניט געקענט בע־גרייפען!

ניט וויסענדיג אַליין וואָס איך טהו, האָב איך מיט אַמאָל

א נעהם געטהאָן מיין שאַל וואָס איך האַלט אין העקלען און א פרעג געטהאָן הערי'ן מיט אן אָנגעשטרענגטען געלאַסענעם טאָן:

— וואָס פאַר א ברעג, דענקסטו, איז שעהנער צו א גרויער שאַל, א גרינער אָדער א רויטער?...

הערי האָט מיר עפּעס געענטפערט, אָבער מיר איז שווער צו געדענקען וואָס. איך האָב בלויז געפיהלט ווי ער האָט מיך אין א ווײַלע ארום, ארומגענומען, גערעדט צו מיר שטילע צערטליכע ווערטער, און דערביי בעדעקט מיין פּנים מיט הייסע קושען.

אז איך טהו זיך א בערעכען, בין איך כמעט מעהר ווי זיכער, אז די גאַנצע שרעק איז ניט מעהר ווי א פּוסטע איינרעדעניש! הערי איז דערזעלבער ווי געווען; ער ווייס פון גאָרנישט! — פון וואַנען זאָל ער וויסען? האָב איך איהם דען עפּעס דערצעהלט? — פון מיין אויסערליכען אויסזעהען קען ער אויך גאָרניט מערקען. איך האָב זיך היינט אומיסטען בעטראַכט אין שפּיעגעל און איך בין זיכער, אז אין מיין אויסזעהען האָבען איך זיך כמעט גאָרניט געענדערט. פערקעהרט, מיינע באַקען זעהען נאָך, דאַכט זיך, יעצט אויס פאַרביגער ווי געוועהנליך... ניט מעהר, אונטער די אויגען איז מיר א ביסעל בלויליך... אָבער דאָס, גלויב איך, וועט אויך פערשווינדען — אז דער הוסט לאָזט מיך אָב און איך קען רוהיג שלאָפען, פעהלט מיר קיין זאַך ניט.

יוני דעם 24טען.

אַלע שטוביג שלאָפען שוין נאָר איך איינע בין נאָך וואַך. איך ליג אויפ'ן געלעגער אין מיינע נאַכט-קליידער און לאַנגווייליג זיך. שוין די דריטע נאַכט אז דער הוסט רויבט פון מיר דעם שלאָף. — אך, ווי לאַנגווייליג מיר איז! מיר קומט פאַר אז קיין ערגער מאַטערניש, קיין ערגערע לאַנגווייליגקייט ווי צו פערברענגען אין איינזאַמקייט א שלאָפלאָזע נאַכט, עקזיסטירט ניט! אַלעס איז ארום מיר אָנגעלאָדען מיט מרה שחורה; יעדעס ווינקעלע אָטהעמט מיט פּחד...

שטיל...

דורך דער אָפענער טהיר פון מיין צימער ציהט זיך דאָס מאָנאָטאָנע אָטהעמען פון די שלאָפענדע; אן אונאויפהערליך שורקען פון א מייזעל, וואָס גריזשעט ערגעץ אין א ווינקעל; דער איינטאָניגער טיק-טאַק פון'ם זייגער — און אַלעס צוזאַמען, עסט

זיך עפּעס אזוי מאָדנע אײן אין די בײנער — רײסט די נערוועז
ווי מיט צוואַנגען!

איך האָב פון לאנגווײליגקײט העלער געמאכט דעם גאז־פלאם,
און גענומען בלעטערען מײן טאגע־בוך.

אמאָל פלעגט זײן מײן בעסט פערגעניגען אוועקצוזעצען זיך
איבער מײן טאגע־בוך, און פערצײכענען יעדע אײנצעלהײט פון
מײן לעבען. וואָס ברײנגט מיר מײן לעבען יעצט? — אלץ
עלענד און פערצווײפלונג; שמערצען און לײדען!

הערי האָט מיר שוין נעכטען אויסגערעדט מיט פערדרוס,
פאַרוואָס איך געה ניט צו א דאָקטאָר וועגען מײן הוסט... איך
האָב איהם פערשפּראָכען, און אנשטאָט א דאָקטאָר האָב איך הײנט
בעזוכט א פּראָפעסאָר.

ביז הײנט האָב איך נאָך אלץ געלעבט אין האָפנונג. ווי עס
זעהט אָבער אויס, שפּיעלט דער שיקזאַל מיט מיר א טרויעריגען
שפּאַס... דער פּראָפעסאָר האָט מיר ארויסגעגעבען דעם זעלבען
אורטײל וואָס דער דאָקטאָר. — יעדער טאָג וואָס איך פערברענג
דאָ, איז פאַר מיר גיפט.. איך מוז זײן אין א הויכע געגענד
וואו די לופט איז רײן און פריש...

פאַר הערי'ן האָב איך מײן ראָלע ווידער גוט געשפּיעלט.

דער דאָקטאָר האָט געזאָגט, אז מיר איז גאָרניט, האָב איך
איהם איבערגעגעבען, ער זאָגט אז דאָס איז בלויז א שטארקע פערקיהלונג און ראטה מיך, אויב מעגליך, צו פאָהרען אויף א פּאָר
וואָכען אין א קאָנטרי זיך א ביסעל ערהאָלען...

הערי גלויבט מיר אלעס; הערי ווײס אז איך זאָג קײן
ליגען ניט...

מײן ליעבער גוטער הערי! פאַרוואָס נאַר איך איהם? פאַרוואָס זאָג איך איהם ניט דעם אמת? איז ער מיר דען ניט
איבערגעגעבען מיט זײן גאַנצען לעבען, מיט זײן גאַנצער נשמה?...
איך בין בײז אויף זיך אלײן!

יולי דעם 1טען.

איך האָב שוין געמאכט אלע נויטיגע פּאָרבערײטונגען צו
מײן אָבפאָהרען אין קאָנטרי. איך האָב הײנט ארויסגענומען פון
דער באנק מײנע עטליכע אָבגעשפּאָרטע דאָלאַר וואָס איך פערמאָג, הערי האָט מיר בעזאָרגט מיט א רענצעל, געהאָלפען אײנפּאַקען מײנע זאכען און מאָרגען פערלאָז איך ניו יאָרק.

הערי'ס אוועקגעהן האט מיר היינט געלייגט א מאָדנע שווער־קייט אויפ'ן הארצען. — ווי שווער עס איז איהם היינט געווען מיך צו פערלאָזען! ביי יעדען מאָל וואָס ער האט זיך געלאָזט אוועק־געהן, איז ער אלץ ווידער געבליבען; נאָך א מאָל מיך איינגעקלאַ־מערט אין זיינע ארימס, ווידער זיך איינגעגעסען אין מיינע ליפּען — „מיין טייערע סאָניע, — האט ער ניט אויפגעהערט צו מיר צו שעפּטשען, — איך וועל אזוי בענקען נאָך דיר, אזוי בענקען"...

איך האָב זיך ביי די ווערטער אזוי פערלוירען אז איך האָב זיך קיין אָרט ניט געקענט געפינען.

— איך וועל דיר אלע טאָג א בריעף שרייבען, — האָב איך זיך קוים געקענט בעהערשען צו שענקען איהם א טרויסט־וואָרט. איך האָב דערביי אינסטינקטיוו איינגעגראָבען דעם קאָפּ אין זיין ברוסט, און מיט איינגעהאלטענקייט געשלונגען די טרערען....

מיין געטרייער איבערגעבענער הערי! איך פיהל ווי פון טאָג צו טאָג ווערט ער מיר אלץ מעהר איינגעבאקען אין הארצען.

יולי דעם 10טען.

ווען עס וואָלט מיך יעדעס מאָל ניט אָנגעכאפּט אזא בענק־שאַפט נאָך הערי'ן, וואָלט מיר, דאכט זיך, קיין שום זאך דאָ ניט געפעהלט! — האָטש מיט איין בליק זיינעם וואָלט זיך מיר וועלען בעגעגענען; איין וואָרט האָטש פון זיינע ליפּען הערען!

דאָך פיהל איך זיך דאָ פיעל מונטערער און לעבענס־לוסטיגער ווי אין דעם שטענדיג טומעלדיגען שטאָדט־לעבען. מיר קומט פאָר, ווי עפּעס א געהיימע קראַפט וואָלט מיך מיט אמאָל ארויסגעריסען פון אַן אונערטרעגליכען גהינום־לעבען, און מיך פערטראָגען אין א גן־עדן־וועלט, אין א וועלט פון הערליכקייט, אין א וועלט פון גענוס! יעדעס ווינקעלע איז דאָ אָנגעזאַפּט מיט פרישקייט, יעדעס גרעזעלע אָטעמט מיט דופט. — אָה, ווי גוט דאָ איז צו לעבען! די הערליכסטע בילדער וועבען זיך דאָ אין דער פאַנטאַזיע, די שעהנסטע האָפנונגען!

איך שטעל זיך פאָר ווי גליקליך איך וועל זיין, ווען איך וועל פאָלקאָמען געזונד ווערען. דאָס ערשטע וועל איך הערי'ן אלעס דערצעהלען וואָס איך האָב די לעצטע צייט דורכגעלעבט — אלעס, קיין זאך וועל איך פאַר איהם ניט פערבאָרגען! אין אָנפאַנג וועט איהם אפשר אביסעל פערדריסען מיין ניט אָפענהערציגקייט

צו איהם, נאכהער אָבער, וועט ער מיך איבערבעטען און אויסדריקען זיין ליעבע צו מיר... — מיר וועט זיך דערביי צוגיסען אזא אַנ־גענעהמקייט, אזא ווארימקייט אויפ'ן הארצען..

מיין בעסט פערגעניגען איז, ווען איך זעץ זיך אוועק אונטער א שאָטיגען בוים און שרייב צו איהם א בריעף. אַך, ווי גוט איך פיהל דאן! איך שרייב איהם אַלעס וואָס איך פיהל, אַלעס וואָס די נאַטור רופט אין מיר ארויס; מיט יעדען אנגענעהמען מאָמענט, וואָס איך געניס דאָ, טייל איך זיך מיט איהם! איך שיק איהם כמעט יעדען טאָג א בריעף, און אין יעדען בריעף פרעס איך פאר איהם איין א בלום.

ביז די לעצטע פּאָר טעג האָב איך זיך דאָ געפיהלט זעהר לאַנגווייליג. איך האָב זיך דאָ בלויז געפונען אין דער געזעלשאַפט פון דער קליינער פארמער פאמיליע און עטליכע אָבגעלעבטע, שטענ־דיג פאר'מרה־שחורה'טע מענשען. יעצט איז שוין דאָ פיעל אינ־טערעסאַנטער. כמעט יעדען טאָג קומען צו נייע געסט; עס ווערט אַלץ לעבעדיגער!

אנגענעהמער ווי איבעראַל פיהל איך זיך אונטער'ן פרייעם הימעל. א ים פון זונען־שטראַהלען נעהמט מיט ליעבשאַפט ארום מיין קערפּער; א קיהל ווינטעל גלעט אנגענעהם מיינע באַקען, לאַסטשעט מיך; פערטראָגט צו מיר זיסע מחיה'דיגע בשמים ריחות.

היינט אין דער פריה בין איך ווידער געוועזען ביים טייכעל. יעדען אין דער פריה נעהמען מיר זיך צוזאַמען א גרופע פון עטליכע מיידלאַך און מיר געהען מיט אויפגעהאָנגענע האַנד־טיכער אויף די אַקסלען, ווייט אוועק פון פאַרם צום טייכעל זיך וואַשען.

אַה! מיר וואָלט, דאַכט זיך, קיינמאָל ניט מיאוס געוואָרען צו זיצען נעבען דיעזען טייכעל!

דאָס איז א שמאָל, זילבער־ווייס וואַסערעל, וואָס שלענגעלט זיך אין א שטענדיגען פליסען, צווישען צוויי הויכע, געדיכ־בעבוימטע בערג. די קליינע לויטערע כוואַליעלאַך פינקלען, שפּיעלען זיך אַקעגען אונצעהליגע זונען־פאַסען, וואָס ראַנגלען זיך פון צווי־שען די צווייגען; פערלען זיך, יאָגען איינס איבער'ן אַנדערען — פערשווינדען אין א זיסען נשמה'דיגען מורמלען, אין א הערצליכער צויבער־מעלאָדיע.

מיר האָבען זיך אלע היינט דאָרט אונזערע האָר צופלאָכטען, אין דעם קלאָרען וואסער זיי געוואשען, און דערנאָך זיך אויפ'ן פרישען גראָז אויסגעזעצט, און די נאסע צולאָזענע האָר אקעגען דער זונן געטריקענט.

די מיידלאך בעהויפטען, אז דאס איז זעהר געזונד פאר די האָר זיי זאָלען ניט ארויספאלען... ווען דאס וואָלט ווירקליך געהאָלפען וואָלט איך זעהר צופרידען געווען. די לעצטע צייט האָבען מיינע האָר שטארק גענומען אויספאלען. ביי יעדען מאָל פערקעמען זיך, נעהם איך צונויף א גאנצען קנויל אויסגעפאלענע האָר...

פונדעסטוועגען פערדריסט מיך שוין יעצט, וואס איך האָב זיך היינט געוואשען דעם קאָפּ. די לעצטע טעג האָט מיך עפּעס ווידער גענומען שטעכען אין הארצען... איך קלער, אז נעצענדיג דעם קאָפּ, האָב איך זיך נאָך אפשר ערגער געמאכט... ביי יעדען מאָל וואָס איך ציה אָב דעם אָטהעם, טהוט מיר א טיעפער שטאָך...

אויב עס וועט מיר ביז מאָרגען ניט בעסער ווערען, קלער איך צו געהן ערגעץ צו א נאָהענטען דאָקטאָר.

יולי דעם 19טען.

איך פיהל ווי פון טאָג צו טאָג נעהמט מיך ארום א גרעסערע איינזאמקייט, א טיעפערער עלענד! די מיידלעך האָבען זיך אויפ־געהערט מיט מיר צו חבר'ן; קוקען עפּעס אויף מיר מיט פער־דעכטיגע בליקען... יעדער זוכט ווי מעגליך אויסצומיידען מיין גע־זעלשאפט; יעדער היט זיך צו קומען מיט מיר אין בעריהרונג...

זיצענדיג היינט ביים עסען, האָב איך א קינד א שטיקעל ברויט דערלאנגט. — האָט די מוטער דערפון דאָס ניט געקענט פערטראָגען. זי האָט מיט כעס פון דעם קינד'ס הענטעל דאָס שטיקעל ברויט ארויסגעריסען און עס ארונטערגעוואָרפען אונ־טער'ן טיש...

פארוואס האָט זי דאָס געטהאָן? פאר וואס האָט זי מורא געהאט?

דער געדאנק לעבערט מיר דעם מח! עגבערט אונערבארעמליך מיין נשמה!

יולי דעם 27טען.

זינט די פארם־געסט האָבען זיך אויפגעהערט מיט מיר צו אינטערעסירען, פערברענג איך מיר איינע אליין. איך געה ארום

אין דער פרייער נאטור און לייסטע מיר אליין מיין געזעלשאפט.

די לעצטע טעג האב איך זיך אבגעזוכט א פלאץ אונטער א הויכען בארג, ווייט אוועק פון פארם, און איך פערברענג דארט מיט פערגעניגען יעדע פרייע שטונדע. יעדעסמאל, ווען איך קום אהין, קוקט שוין, דאכט זיך, אויף מיר דער בארג ווי אן אלטער פריינד; ווינקט צו מיר מיט ליעבשאפט.

צייטענווייז, אויב איך פיהל זיך ניט צו שוואך, האב איך ליעב ארויף צו קלעטערען צום סאמע שפיץ פון דעם בארג, און זיך פערקוקען אין דער אונענדליכער טיעפקייט פון האריזאנט...

צווישען הימעל און בערג געפין איך זיך דאן!

פון ווייטען זעהען די בערג אוים נאך רייצענדער, נאך שעהנער. יעדער בארג טראגט זיך זיין בוימער־משפחה; יעדער בוים — זיין פויגעל־געזינדעל.

וואס ווייטער פערלירען זיך די בערג אלץ פארבלאזער, בלאסער, קוקען אוים אין דער טיעפער ווייטקייט, ווי אן אונגעהייערע צוזאמענגעשמאלצענע מאסע, פון גרויע פערגליווערטע כוואליעס...

דא בין איך גליקליך. דא בין איך אליין מיט דער ליעבער הערליכער נאטור! אלעס איז מיר דא ליעב און טייער; יעדעס גרעזעלע איז מיר ווי איינגעבאקען אין הארצען!

נאך אנגענעהמער פיהל איך, ווען איך זיץ דארט אויף מיין שטענדיגען פלאץ אונטער דעם שאטען פון אן עפעל בוים.

דאס איז א דיקער, געדיכטער בוים, פון וועלכען די שווערע צווייגען, מיט נאך יונגע גרינע עפעל, הענגען ארונטער כמעט ביז צו דער ערד.

א זיסער בעצויבערענדער פויגעל געזאנג טראגט זיך פון דיעזען בוים! יעדער פויגעל גוידערט זיך, שפרינגט בריה׳ש פון צווייג צו צווייג; טרעלט אוים פון זיין קעהל דער נאטור׳ס רייכע מוזיק.

אין אזעלכע מאמענטען פיהל איך זיך ווי פער׳כשופ׳ט. איך ווער ניט איינמאל אזוי מיטגעריסען פון מיינע געדאנקען, אז איך נעהם אינסטינקטיוו ארום דעם בוים, לייג מיט ליעבע צו מיין פנים צו דער דארער טרוקענער קארע, און מיר שטעלט זיך פאר, אז דאס זיצט נעבען מיר הערי... איך פיהל זיין אטעם; איך זעה זיינע גוטמוטהיגע בליקען...

— — — — — — — — — — — — — — — — —

היינט האָב איך פון איהם א בריעף ערהאַלטען.

„מיין הערצענס געליעבטע סאָניע, — שרייבט ער מיר, — דאָס איז א דיקער געדיכטער בוים, פון וועלכען די שווערע בענקשאפט צו דיר איז ווען איך ערהאַלט פון דיר א בריעף. שרייב מיר וואָס מעהר, מיין טהייערע. דיינע געשריבענע ווערטער קלינגען פאר מיר, פונקט ווי דו וואָלסט זיי אליין צו מיר גערעדט"....

הערי'ס בריעף לאָזען מיך ניט רוהען. אין דעם טאָג וואָס איך בעקום פון איהם א שרייבען, קען איך זיך פון בענקשאפט קיין אָרט ניט געפינען....

יולי דעם 29טען.

ביז היינט, אז ס'איז געקומען צום עסען, בין איך מיט אלעמען צוגלייך ביי איין טיש געזעסען; מיט וועמען עס איז, חאָטש ביים עסען, זיך מיט א וואָרט דורכגעוואָרפען, — יעצט האָט זיך יעדער פון מיר אָבגעזונדערט. ביסלעכווייז, האָט ביי יעדען מאָהלצייט אָנגעהויבען אויפעהלען אן אנדערע פערזאָן ביי מיין טיש, ביז איך בין ענדליך געבליבען אליין — איינע אליין ביי א ליידיגען טיש.....

איך בעמיהע זיך צו פערהאַלטען רוהיג ווי מעגליך. איך ווייס אז די קלענסטע אויפרעגונג שאדעט מיין געזונד; די מינדעסטע אנשטרענגונג איז פאר מיר א געפאהר. דאָך, טיעף אין מיין הארצען זידט, קאָכט ווי שטילע ברויזענדע כוואַליעס!.. יעדער ביסען ווארגט מיך!...

זאָל איך אפשר שרייבען הערי'ן ער זאָל קומען צו מיר? זאָל איך איהם איינמאָל פאר אלע מאָל קלאָר מאכען דעם סוד פון מיין לאַגע?...

איך טראַכט, און וואָס מעהר איך שטרענג וועגען דעם אָן מיינע געדאַנקען, אַלץ טרויעריגער ווערט מיר אויפ'ן הארצען; חושך'דיגער מיין לעבען...

אויגוסט דעם 2טען.

איך זיץ אין מיין צימער ביים שיין פון'ם נאַפט-לאָמפּ און טראַכט. אַן אונערטרעגליכע דריקענדע שטימונג איז יעצט אין מיין צימער. מיסעס ברוין — אַן עלטערע קרענקליכע פרוי, מיט וועלכער איך וואוין פאר די לעצטע פאָר טעג צוזאַמען — ליעגט

א צונויפגעקארטשעטע אויף איהר געלעגער אין א רוהיגען שלאף און איבער די שויבען קלאפט אן אונאויפהערליכער רעגען.

אין אזא וועטער פאלט עפעס אויף מיר די גאנצע וועלט מרה שחורה! וואלט איך כאטש געקענט איינשלאפען, וואלט דאס וויינינסטענס פערטריבען פון מיר די לאנגווייליגקייט — איז מיר אבער אונמעגליך! פונקט ווי אויף להכעיס, מוטשעט מיך היינט דער הוסט ערגער ווי אימער!

צוליעב דעם שלעכטען וועטער בין איך היינט געצוואונגען געווען צו פערברענגען דעם גאנצען טאג ביים פארם. באלד אין דער פריה האב איך בעמערקט, אז דער טאג וועט היינט זיין טריעב און פויל. די זונן האט אויסגעזעהען מאט, נעבעלדיג; די לאנד־שאפט האט פערלוירען איהר רייצענדען גלאנץ, און איבער'ן הימעל האבען זיך ביסלעכוויז געצומען ציהען געדיכטע בלייענע וואלקענס.

איידער עס האט אנגעפאנגען רעגענען, האב איך זיך איינגע־הילט אין מיין רויטער שאל, וואס איך האב זיך אהער מיטגעבראכט און אום ווי מעגליך צו פערטרייבען פון זיך א ביסעל די לאנג־ווייליגקייט, האב איך איינע אליין גענומען אומגעהן, אויף און אב, אויף דעם שמאלען אויסגעטראטענעם וועג, וואס ציהט זיך צו דער פראנט פון פארם־הויז.

איך האב געוואלט וועגען עפעס טראכטען, אבער מיר איז אונמעגליך געווען. קיין שום געדאנק האט ניט געהאט קיין צו־זאמענהאנג — אלץ איז ארויסגעקומען אבגעריסען; אהן א טאלק!

איך האב זיך ענדליך דערפיהלט מיעד. און ניט אכטענדיג אויף קיין זאך, האב איך זיך אריינגעלייגט א ביסעל אברוהען אין איינעם פון די „העמאקס", וועלכע הענגען אקעגען הויז, אנגענאגעלט צווישען דיקע שאטינע בוימער.

מיטאג־צייט האט זיך ביז אין די וויטע האריזאנטען אן אונ־היימליכע פינסטערניש פערשפרייט; די גאנצע אומגעבונג איז פון א ווילדען שטורם אויפגעטרעסעלט געווארען; פחד'דיגע דונערען מיט פייערדיגע בליץ־צונגען האבען זיך טייפליש פון צווישען די געדיכטע וואלקענס געריסען, — די גאנצע געגענד איז ענדליך פון א מבול רעגען פערפלייצט געווארען.

פארנאכט איז צו מיר צגועקומען דער פארמער, געבעטען מיך אום ענטשולדיגונג און מיר געלאזט וויסען, אז ביים בעסטען ווילען איז איהם ניט מעגליך איך זאל ביי איהם ווייטער קענען קוואר־טירען...

אין אָנפאַנג איז מיר די ערקלעהרונג געווען אונבעגרייפליך. ענדליך אָבער איז מיר אַלעס קלאָר געוואָרען.

— גלויבט מיר — האָט זיך דער פאַרמער פאר מיר פערענט־פערט, — ווען עס וואָלט זיך געווענדעט אָן מיר, וואָלט איך דאָס אפילו פאר'ן מויל ניט געבראַכט. ביי מיר זענט איהר פונקט אזא גאַסט ווי יעדער איינער. וואָס זאָל איך אָבער טהאָן, אז פאַר יעדער קלייניגקייט קומט מען זיך צו מיר בעקלאָגען... איך וויים, איהר האָט זיך עפּעס היינט אוועקגעלייגט אויף מיסס ב. העמאַק, קרימט זי זיך... זי האָט נאָך דאַ געדענקט צו פערבלייבען אַ פּאָר ו אָכען, פאָהרט זי שוין מאָרגען אוועק... אויף איהר קוקענדיג ברוגז'ען זיך שוין אנדערע אויך... גלויבט מיר, עס וועט אייך גאָר נישט פעהלען. איך וועל אייך איבערפיהרען אין אַן אנדער פאַרם וואו איהר וועט זיך פיהלען גאַנץ בעקוועם....

דער מאַן האָט נאָך עפּעס גערעדט, איך האָב שוין אָבער ניט געקענט פערשטעהן וואָס. עס האָט מיר גענומען שווינדלען פאר די אויגען, און אַ פיבעריש ציטערען האָט דורכגענומען מיין גאַנצען קערפּער.

— עס מאַכט ניט אויס, — איז מיר קוים מעגליך געווען צו ענטפערען איהם אַ פּאָר ווערטער, — איך פערשטעה אליין... איך האָב דאָס שוין אליין אין זינען געהאַט...

איך בין ווי אַ צומישטע אריין אין מיין צימער און גענומען צונויפפּאַקען מיינע זאַכען.

אויגוסט דעם 3טען.

אנשטאַט איבערצוגעהן היינט אין אַן אנדער פאַרם ליעג איך אין בעט. דער הוסט מוטשעט מיך אַזוי אַז איך האָב שוין קיין כח ניט איבערצוטראָגען די מאַטערניש! אַ העלישער פייער ברענט אין מיין הארצען!...

אויגוסט דעם 6טען.

שוין היינט דער פיערטער טאָג אַז איך געפין זיך אין אַ געפעהרליכען צושטאַנד. דער הוסט האָט אַזוי לאַנג געריסען מיין הארץ, ביז איך האָב געקראָגען אַ בלוט־שטורץ...

וועל איך נאָך געזונד ווערען? וועט מיר נאָך מעגליך זיין וויינינגסטענס צו זעהן מיין הערצ'ן?....

אויגוסט דעם 9טען.

דער הוסט האָט זיך מיר שוין כמעט אין גאַנצען אײנגעשטילט. דער דאָקטאָר גיט מיר גוטע האָפנונג... איך קען שוין פערלאָזען דאָס בעט און פערברענגען אביסעל אויף דער פרייער לופט.

* * *

מיר איז נאָך אַלץ שווער צו פערטרייבען פון זיך דעם שויד־דערליכען געדאנק פון מײן אונגליק....

וואָס האָב איך אין יענער נאַכט דורכגעלעבט? עקזיסטירט נאָך עטוואָס שרעקליכערעס אין לעבען?...

די אײנציגע פּאַוזע, אין וועלכער איך האָב זיך דאן מאָמענטענווייז געפיהלט א ביסעל ערלייכטערט, איז געווען, ווען איך האָב זיך אויפגעזעצט אויף מײן געלעגער, אײנגעקאָרטשעט זיך ווי ווייט עס איז מיר מעגליך געווען, און מיט אַלע כחות אײנגעהאַלטען זיך ניט צו הוסטען.

אָה, וואָס פאר אן אונערטרעגליכע מאַטערניש דאָס איז פאַר מיר געווען! ווי גרויזאַם און מערדעריך דער הוסט האָט גע־ריסען מײן נשמה! ווי טויזענדער עלעקטרישע שטראָמען האָט יעדעס מאָל מיר א ברען געטהאָן אין הארצען!

עס איז ענדליך געקומען דאָס שרעקליכסטע! איך האָב מיט אַמאָל א שטאַרקען הוסט געטהאָן, און מײן מויל איז אין דער זעלבער רגע אָנגעפילט געוואָרען מיט א הייסער געזאַלצענער פליסיגקייט....

איך האָב זיך אָנגעבויגען צום ברעג פון בעט, און פון מײן האַלז האָט זיך ארויסגעגאָסען א הייסער בלוט־שטראָם...

בייזע געשטאַלטען מיט פייערינע מלאך המות בליקען האָ־בען דאן פאַר מיר געשוועבט! די קליינע בלוט־ליזשע ביים בעט האָט נאָך צום איבריגען געגיפטעט מײן נשמה; גע׳שרפה׳ט מײן הארץ ווי מיט גליהענדע אייזענס!...

איך האָב אָנגעשטרענגט מײנע אַלע קרעפטען, און גענומען וועקען מיסעס ברוין.. אָבער מײן קול האָט זיך דאן אזוי געענדערט אז איך האָב זיך דערשראָקען פאר זיך אליין. עפּעס א פרעמד קול האָב איך, דאכט זיך, געהערט; א שטילס, א הייזעריגס... א קול, ווי עס וואָלט זיך געריסען פון ערגעץ א פערמאַכטען פאַס...

דאָס אײנציגע מיטעל, דורך וועלכען מיר איז געלונגען אויף צו וועקען די פרוי, איז געווען די שטוהל, וואָס געפינט זיך נעבען

מיין בעט. איך האָב אָנגעשטרענגט מיינע לעצטע כחות, אויסגע־שטרעקט די האנד, און מיט אימפעט די שטוהל איבערגעקעהרט...

די פרוי האָט זיך אויפגעכאפט און גענומען מיר לייגען קאלטע קאָמפּרעסען צו דער ברוסט; געטרויסט מיך ווי א געטרייע מוטער...

די לעצטע עטליכע טעג, וואָס איך בין געצוואונגען געווען צו ליגען, איז פאר מיר געווען די ערגסט עאָבקומעניש! מיין איינ־זאמקייט האָט זיך מיר אזוי דערעסען, אז איך האָב פון נערוועזקייט גענומען טהאָן נארישקייטען, פון וועלכע איך האָב זיך דערנאָך פארשעהמט פאר זיך אליין. — איך האָב געמאָסטען די לענג פון מיין בעט, געכאפּט פליגען און ארייגעלאָזט אונטער אן איבער־געקעהרטען גלאָז, — עפּעס א מאָדנע פערגעניגען האָב איך געהאט צו קוקען ווי די פליגען ראנגלען זיך, זוכען א שפּעלטעלע צו קענען זיך בעפרייען...

איינמאָל האָב איך זיך פּלוצלונג ענג איינגעוויקעלט אין מיין צודעק, געלעגט זיך מיט'ן פּנים ארויף, אויסגעצויגען די הענד מיט די פיס, און געקוקט מיט איינגעהאלטענקייט אויף מיין אויס־געשטרעקטער פּאָזע, ווי איך וואָלט געווען טויט...

מיר האָט זיך דערביי פאָרגעשטעלט, ווי מיינע גליעדער ווערען ביסלעכווייז פערגליווערט; מיינע אויגען שליסען זיך; מיין אָטעם ווערט אַלץ שוואכער, שוואכער... איך פיהל ווי איך שטארב... מיי־נע כחות געהען אויס און קיינער זעהט אפילו ניט...

מיך האָט דאן ארומגענומען אזא פחד, אז איך האָב זיך מיט אמאָל האסטיג אויפגעזעצט, א נעהם געטהאָן א שפּיגעלע און זיך גענומען בעטראכטען ווי איך זעה אויס — אויב איך לעב נאָך...

— — — — — — — — — — — — — — — — —

ווי מאָדנע פערענדערט איך האָב זיך! ווי שרעקליך איך זעה אויס! מיין פּנים איז מיט א בלאסער געלקייט פערצויגען, די באקען איינגעפאלען, די נאָז פערשפּיצט — און די אויגען — עפּעס מאָדנע אויגען האָב איך, דאכט זיך, בעקומען... גרויס, פער־גלעזערט — קוקען עפּעס אזוי שארף, ביסטרע!... אזעלכע אויגען האָב איך נאָך, דאכט זיך, ביי א נאָרמאלען מענשען קיין מאָל ניט געזעהן. ווען ניט די צוויי רויטליכע פּליאמעס וואָס זשריהען נאָך אויף מיינע באקען, וואָלט, דאכט זיך, מיין פּנים אפילו קיין סימן פון לעבען ניט געהאט!

פארנאכט בין איך צום ערשטען מאָל פאר די לעצטע טעג פון מיין אָבליגען, ארוים אויף דער פרייע רלופט. דאָס וועטער איז געווען פריש און קיהל; אן אנגענעהם ווינטעל האָט שטיל צווישען די בוימער און גראָזען געשטיפט; אויפ'ן ריינעם בלויען הימעל האָט וואו ניט וואו, א לייכט דורכזיכטיג וואָלקענדעל ארום געבלאָנדזשעט; אויף די שפּיצען פון די בוימער האָבען שוין די לעצטע שטראהלען פון דער פערגעהענדער זון געשימערט.

איידער איך בין צוריק געגאַנגען אין מיין צימער, בין איך צוגעגאנגען צום פארמער, בעצאָהלט וואָס איהם איז געקומען, און איהם געבעטען, אויב ס'איז מעגליך, ער זאָל מיך מאָרגען אין דער פריה איבערפיהרען אין דעם פארם, פון וועלכען ער האָט מיר געזאָגט. — צו וואָס זאָל איך דאָ זיין אן אָנגעוואָרפענע, אן איבעריגע?....

דער פארמער האָט מיר העפליך געדאנק, פערשפּראָכען צו טהאָן פאר מיר דאָס בעסטע, און מיר נאָך צולעצט מיט גוט־מוטהיגקייט אָנגעבאָטען, אויב איך וויל, וועט ער מיר זאָגאר אוים־באָרגען דעם „העמאָק“ וועלכען מיסס ב. האָט דאָ איבערגעלאָזט...

איך האָב איהם געדאנקט, און בין אוועק מיט אן איינגעהאל־טענער אויפרעגונג....

אויגוסט דעם 11טען.

שוין דער צווייטער טאָג אז איך געפין זיך אויף מיין נייער קוואַרטיר. אויף דיעזען פארם בין איך אליין. א חוץ מיר געפינט זיך דאָ ניט קיין שום פרעמדע פערזאָן. די איינציגע געזעלשאפט וואָס איך האָב דאָ, איז בלויז דאָס אלטע קריסטליכע פארמער פּאָר־פאָלק, וועלכע פערהאלטען זיך צו מיר זעהר פריינדליך. ביים ערשטען אָנבליק האָבען זיי אויף מיר געמאכט דעם איינדרוק פון זעהר עהרענהאפטע און זיטליכע מענשען. — ער מיט זיין לאנגער גרויהער באָרד, וועלכע נעהמט דרך ארץ'דיג ארום זיין, פון דער זון אָבגעברענטעם, געזיכט — און זי, מיט איהר שלאַנקער עטוואָס געבויגענער פיגור, און מילדען בעל הבית'ישען אויסזעהען.

* * *

היינט האָב איך פון הערי'ן א בריעף ערהאלטען.

„מיין טייערע סאָניע, שרייבט ער מיר, ווי ביי יעדען בריעף דיינעם, האָב איך זיך אויך יעצט אוועקגעזעצט מיט דער שפּאַ־

נענדסטער אויפמערקזאמקייט, צו קוויקען זיך מיט דיינע הארציגע ווארימע אויסדריקע. ליידער אָבער האָב איך דאָס מאָל געהאַט אַ טעות. דיין שרייבען האָט עפּעס ארויפגעוואָרפען אויף מיר אַ קאַלטקייט; אַן אונערקלערליכען פראגע צייכען! וואָס איז די אורזאכע פון דיין פּלוצלונגער ענדערונג?... איך פיהל אין דיין שרייבען, אַז עפּעס דריקט דיך אויפ׳ן הארצען; עפּעס בעהאַלטסטו פאר מיר... פארוואָס טהוסטו דאָס? פארוואָס זאָגסטו מיר ניט דעם אמת? האָבען מיר זיך ניט אימער געטהיילט פריי און אָפען מיט אונזערע געפיהלען? פלעגסטו ניט אליין זאָגען אַז מיר זענען צוויי קערפּערס מיט איין זעעלע?....

„איך ענדיג מיין שרייבען מיט דעם פעסטען בעשלוס די טעג דיך צו קומען זעהן".

„דיין פערצווייפעלטער הערי.

איך טראכט, און מיר איז נאָך יעצט אונמעגליך זיך געגוג צו דערמאָנען יעדע איינצעלהייט פון מיין לעצטען בריעף צו איהם. איך געדענק נאָר, אַז איך האָב געענדיגט מיט אַ קורצער בעמער־קונג, אַז דער הוסט האָט מיר די לעצטע טעג שטארק גענומען דערקוטשען און באלד ווי איך וועל פיהלען בעסער, דענק איך אי־בערצוגעהן אין אַן אנדער פּאַרם, צוליעב דעם שטענדיגען טומעל, וואָס מיר איז דאָ שווער צו פערטראָגען.....

איך האָב הערי׳ן געענטפערט ער זאָל קומען. זאָל זיך יעצט טהאָן מיט מיר וואָס עס וויל!... צו וואָס זאָל איך זיין גענארט אין זיך אליין? צו וואָס זיך בעהאַלטען אונטער אַ מאַסקע פון פוסטער איינבילדונג?... פיהל איך דען ניט ווי איך צאַנק.... ווי איך געה אוים ווי אַ ליכט?...

אויגוסט דעם 13טען.

ניט האָבענדיג דאָ מיט וועמען צו פערברענגען, סטארעט זיך דאָס אַלטע פארמער פּאָר־פּאָלק צו לייסטען מיין געזעלשאַפט.

היינט האָט מיך דער גרויה־בערדיגער פּארמער איינגעלאַדען צו געהן זעהן מיט איהם דעם וואסער־פּאל, וואָס געפינט זיך דאָ ניט ווייט פון דעם פּאַרם.

איך האָב פּאָר זיך דערזעהען אַ בילד, פון וועלכען איך האָב לאַנג ניט געקענט אָברייסען מיינע בליקען פון ענטציקונג!

דאָס איז אַ מורא׳דיג הויכער, גרין־בעזוימטער בארג, מיט אַן

אויפגעריסענעם צוקאַליעטשעטען פעלזען־בויך, איבער וועלכען עס
פאַלען, פון אויבען אראָב, גרויסע מעכטיגע כוואַליעס, אין אַן אונ־
אויפהערליכען זידען און רוישען! טייפליש שנעל זעצט איין
כוואַליע איבער דער צווייטער, פערשלינגען זיך, ווערען צוריסען
פון שאַרפע שפּיציגע גראַנאַט־פעלזען, וואָס שטעהען זיי אין וועג,
און פאַלען ענדליך אריין, מיט אַ ליאַרעמדיגען בראַזגעריי אין
איין טיעפען אבגרונד, אין איין שוואַרצען תהום.

איך בין לאַנג געשטאַנען ביים ברעג פון דעם חושך'דיגען גרוב,
און מיט נייגיעריגקייט בעטראַכט די אונענדליכע טיעפקייט. מיין
בליק איז פערכאַפּט געוואָרען פון אַ גאַנצען הויפען וואַסער־פלאַנצען
וואָס וואַקסען דאָרט צווישען ווילדע אויסגעקרומטע פעלזען־ציין;
פון אַ פּאָאַר בלאַסע זונען־שטראַהלען וועלכע האָבען זיך אהין
אריינגעגנב'עט פון דער אויבערפלעכע, — די שוואַכע שטראַהלעכ־
לעך האָבען דאָרט געבלאָנדזשעט, געוויגט זיך פון פעלז צו פעלז,
פון צווייגעל צו צווייגעל; געציטערט אויף דעם אומרוהיגען וואַסער
שפּיגעל אין אַ קרענקליכען אבשיין.

מיר איז עפּעס דערביי טרויעריג געוואָרען אויפ'ן האַרצען.
די טיפענייש צוזאַמען מיט דעם קאָכעריי פון די כוואַליעס, האָט
עפּעס ערוועקט אין מיר אַ געהיימע שרעק; אַ טיעף פערבאָרגענעם
זעעלען־אומעט...

צוריק געהענדיג, האָט מיך דער אַלטער ניט אויפגעהערט צו
פעראינטערעסירען מיט פערשיעדענע געשיכטען און פּאַסירונגען
וועלכע זענען מיט דיזען וואַסער־פאַל פערבונדען. ער האָט מיר
דערצעהלט פון איניגע פערפלייצונגען וואָס ער האָט שוין דאָ אי־
בערגעלעבט; פון אונצעהליגע פערד און בהמות וועלכע זענען שוין
דאָרט דערטרונקען געוואָרען...

וואָס ווייטער דער אַלטער האָט גערעדט, אַלץ ענגער איז מיר
עפּעס געוואָרען זיין געזעלשאַפט, דריקענדער די שטימונג... זיין
אויסזעהן האָט עפּעס פאַר מיר גענומען ווערען געהיימניספאָל...
שרעקענדיג...

מעהר ווי אַלעס האָט אויף מיר ארויפגעוואָרפען אַן אונגע־
הייערע שרעק, ווען ער האָט מיר גענומען אַבשילדערען די שווי־
דערליכע פּאַסירונג, ווי ער האָט אַ מאָל אליין געהאָלפען ארויס־
ציהען פון דעם אַבגרונד אַ יונגע פאַרמער מיידעל, וועלכע איז דאָרט
דערטרונקען געוואָרען...

„איהר געזיכט איז געווען בלויה, פערשטאארט — האט ער מיך דורכגענומען מיט זיין באסאווע שטימע — איהרע הענד מיט פער־גליווערטע בלוט־וואונדען"...

איך בין געווארען אזוי נערוועז, אז איך האב זיך קוים געקענט איינהאלטען פון ציטערען...

— — — — — — — — — — — — — — — — —

איך קען ניט בעגרייפען מיין זאנדערבארע ענדערונג! איך וויים אז איך ווער מעהרסטענטהיילס פערפאלגט פון פוסטע איינ־בילדונגען, און דאך הער איך אויף צו קענען זיך קאנטראלירען!

וואס איז מיט מיר געווארען? וואס פאר א געהיימע קראפט פערדונקעלט מיין לעבענס־וועג?...

איך טראכט, און מיין גאנצער עקזיסטענץ הויבט אן פאר מיר ווערען א שווערער דריקענדער פראגע־צייכען...

אויגוסט דעם 14טען.

ביז שפעט אין דער נאכט בין איך געסטערן געלעגען אויף מיין געלעגער און עס איז מיר אונמעגליך געווען צו בעפרייען זיך פון דער פוסטער אונזיניגער שרעק. פון וואס איך האב געטראכט, מיט וואס איך האב געזוכט זיך צו בערוהיגען, האט זיך אלץ ניט אויפגעהערט צו פלאנטערען אין מיין פאנטאזיע דער וואסער־פאל... די דערטרונקענע...

מיר האט זיך פארגעשטעלט אז איך געפין זיך איינע אליין ביים אבגרונד; ס'איז א טויטע נאכט שטילקייט; די כוואליעס רוישען, בייזערען זיך, און צוזאמען מיט דעם פילדעריי פערטראגט זיך יעדעס מאל א משונה'דיגער ברום פון א מענשליכען קול... דאס קול רייסט זיך, ווערט וואס אמאל שוואכער, הייזעריגער — און אט בעוויזט זיך דער גרויהער פארמער און טראגט אויף זיינע הענד א טויטע פרויען פיגור... איהרע האר זענען צושויבערט, איינגע־שרומפען, די הענד פערשטאארט, אויסגעקרומט — אט אט, און זיי קלאמערען מיך ארום — שלעפען מיך אלץ טיעפער צום אב־גרונד...

— איך וועל משוגע ווערען! — האב איך זיך פון נערוועז־קייט גענומען רייסען די האר פון קאפ — איך וועל פון זינען אראב!...

מיר איז מיט אמאל איינגעפאלען א גוטער געדאנק; איך וועל

אנהויבען נאכצעהלען דעם טיק־טאק פון׳ם זייגער... דאס האט מיר שוין ניט איינמאל געדינט אלס א גאנץ גוטער מיטעל איינצושלאפען.

איך בין געבליבען ליגען אין א רוהיגער פאזע, האב אויפ־מערקזאם אנגעשטרענגט מיין געהער, און מיט׳ן געדאנק, געגוי אנגעהויבען נאכפאלגען דאס איינטאניגע קלאפעריי;

— איינס צוויי דריי, איינס צוויי דריי!...

מיר איז אבער לאנג ניט מעגליך געווען איינצוהאלטען מיין געדולד. דער טיק־טאק, האט פאר מיר ביסלעכווייז געגומען ווע־רען שוואכער, שטילער, און די פריהריגע רעיונות האבען ווידער גענומען גיפטען מיין נשמה!

— ווי לאנג, א שטייגער, קען א מענש קעמפפען אין וואסער ביז ער ווערט דערטרונקען — האט מיט א מאל ווידער א ריס געטהאן מיין מח — פערליערט ער באלד דאס בעוואוסטזיין, אדער פיהלט ער ביז ענדע וואס מיט איהם קומט פאר?...

איך האב זיך מיט אלע כחות צונויפגעקארטשעט, איינגעגע־סען מיט א נערוועזער ליידענשאפט די ציין אין קישען, און ווי ווילענדיג זיך ראטעווען פון עפעס א שרעקליכען געפאהר, האב איך אויפ׳ם ניי, נאך מיט מעהר צוטראגענהייט גענומען פארט־זעצען:

— איינס צוויי דריי, איינס צוויי דריי!...

* * *

היינט אין דער פריה האב איך פון הערי׳ן א בריעף ערהאלטען. מארגען קומט ער — מארגען וועל איך זיך זעהן מיט דעם, מיט וועלכען עס איז פערבונדען א שטיק פון מיין לעבען, א טהייל פון מיין נשמה...

וועט ער מיר ניט מאכען קיין פארווירפע, פאר מיין ניט אויפ־ריכטיגקייט צו איהם? וועט זיך אין דער טיעפקייט פון זיין זעעלע אבדריקען דער טיעפער ריס פון מיין לעבען?...

מיטאג־צייט האט מיך שטארק גענומען ברענען אין הארצען. יעדעס מאל ווען עס כאפט מיך אן דיעזע ברענונג, מוז איך באלד איינגעהמען אזעלכע טראפענס, וואס איך בעקום די לעצטע צייט פון׳ם דאקטאר. אויב איך בענוץ זיך ניט מיט דיעזען מעדיצין, נעהמט מיך באלד שטיקען דער הוסט און איך פאל אריין אין א פיעבער.

היינט קען איך אליין ניט בעגרייפען וואס מיט מיר איז גע־

װען! אנשטאט צו פיהלען בעסער איז מיר נאָך ערגער געװאָרען.
איך בין װעגען דעם אװעק צום דאָקטאָר.

א חוץ דעם האָב איך זיך געװאָלט בעראטהען מיט'ן דאָקטאָר װעגען מיין הייזעריגקייט. זינט איך האָב געהאט דעם בלוט פערלוסט, װער איך פון טאָג צו טאָג אלץ מעהר הייזעריגער. איך בין שוין אזוי הייזעריג, אז איך קען קוים הערען מיין אייגען קול... אײבערהױפּט װאָלט איך געטהאָן אייניגעס, צו קענען כאָטש מאָרגענדיגען טאָג האָבען מיין נאטירליך קול — מאָרגען װען איך װעל זיך בעגעגנען מיט מיין הערין...

ליידער קען מיר אָבער דער דאָקטאָר װייניג העלפען. מיינע שטים בענדער זענען שטארק געשװאָלען, די לופט רעהרען ענטצינדען — און נאָכ'ן דאָקטאָר'ס מיינונג װאָלט פאר מיר געװען ראטהזאמער איך זאָל זיך איבערגעבען אין א סאניטאריום... דאָרט װעל איך זיך פיהלען בעקװעהמער; דאָרט װעט מען אויף מיר מעהר אכטונג געבען...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

װי עס זעהט אויס, בלאָזט דער גרױזאמער שיקזאַל אלץ טיפערישער פאנאנדער אין מיר דאָס פייער... גראָבט אלץ טיעפער פאַר מיר א קבר!...

אויגוסט דעם 16טען.

ביז היינט אין דערפריה האָט מיך ניט אויפגעהערט צו מאַטערען דער געדאנק װעגען הערי'ס מאָדנער האלטונג צו מיר. געסטערן, באלד נאָך די ערשטע פּאָר מינוטען פון אונזער הערצליכען בעגעגנען זיך, האָב איך אויף איהם אָנגעהויבען צו מערקען א מערקווירדיגע ענדערונג! די גאנצע צייט װאָס מיר האָבען פערבראַכט, איז עפּעס די שטימונג צװישען אונז געװען א געדריקטע, א שװייגענדע! זיין גאנצע ערשיינונג האָט עפּעס אויף מיר געמאכט דעם איינדרוק פון א טיעף פערבאָרגענעם סוד...

װאָס איז מיט איהם פאָרגעקומען? װאָס האָט זיך געפּלאָנטערט אין זיינע געדאנקען?...

זיין װייניג רעדען האָט געברענט מיינע נערװען; געפּריסיגט מיין נשמה!.. און בין יעדעס מאָל אריינגעפאלען אין אזא עקסטאז פון אויפרעגונג, אז איך האָב געפיהלט װי צוצופאלען צו איהם װי א װילדע חיה, און אויסשרייען; — מערדער, פארװאָס מוטשעסט

דו מיך!? פאַרוואָס פערצאַפּסטו נאָך צום איבריגען מיין בלוט!?...

היינט אין דער פריה, ווען איך בין נאָך געלעגען אויף מיין געלעגער, איז ער אריינגעקומען אין מיין צימער, אוועקגעזעצט זיך נעבען מיר אויפ'ן בעט און מיך געפּרעגט ווי איך פיהל. א לאַנגע ווײַלע איז ער אַזוי געזעסען און מעהר קיין וואָרט ניט גערעדט. ער האָט בלויז אריינגענומען מיין האַנד אין זיינער, געגלעט זי, געקוקט אויף מיר מיט ווייכע דורכדרינגענדע בליקען, און יעדעס־מאָל אַ בעדויערענדער שאָקעל געטהאָן מיט'ן קאָפּ, ווי ער וואָלט זאָגען: „זעה ווי דו זעהסט אויס... זעה וואָס פון דיר איז געוואָרען"..

— איך פיהל זעהר שלעכט, הערי... — האָב איך מיט מיין פערשטיקטער הייזעריגקייט איבערגעריסען די שטימונג — אַ בראַנד פייער האָט זיך אין מיין הארצען פערשפּרייט!...

איך האָב ערוואַרטעט אז הערי וועט מיך ביי די ווערטער פערוואַרפען מיט פראַגען, פערשיטען מיט פאַרווירפע! אָבער אויך יעצט בין איך געבליבען ענטוישט. אַנשטאָט צו ענטפערען מיר אפילו איין וואָרט, האָט ער פלוצלונג איינגעגראָבען דעם קאָפּ אין מיין ברוסט, און מיט אמאָל אויסגעבראָכען אין אַ שטילען יאָמערליכען געוויין...

דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל וואָס איך האָב הערי'ן געזעהן וויינען; דאָס ערשטע מאָל וואָס ער איז נעבען מיר געזעסען געבראָכען ווי אַ קליין הילפלאָזעס קינד.

איך האָב איהם געוואָלט עפּעס זאָגען, בערוהיגען, — עס איז מיר אָבער אונמעגליך געווען. די טרעהרען האָבען זיך אין מיר געריסען, געשטיקט, ווי מיין האַלז וואָלט מיט אַ שטריק פערצויגען געווען...

איך האָב איהם אָהן ווערטער ארום גענומען, מיט אַלע קרעפטען איינגעקלאַמערט אין מיינע אָרימס, און ליידענשאַפטליך זיך איינגעזויגען אין זיינע ליפּען...

אַן אונבעשרייבליכע זיסע מעלאַנכאָליע האָט זיך דאַן אין מיר צוגאָסען, אַן אונערקלערליכער תענוג! איך האָב עפּעס דערביי געפיהלט, ווי ארויסרייסען אַ שטיק פון זיין ליֵיב; אריינגעהמען איהם אין גאַנצען צו זיך אין הארצען!...

— פערלאָז מיך ניט... — האָב איך זיך ביי איהם געבעטען ווי אַ קינד, ציטערענדיג מיט אַלע גלידער — זיי שטענדיג נעבען מיר... אָט אַזוי... אָט אַזוי וואָלט זיך מיר וועלען שטאַרבען...

אויגוסט דעם 18טען.

דער טאָג איז היינט אַן אונגעהייער הייסער! די ערד איז טרוקען, פערחלש'ט, די בלומען הענגען פעשמאכט ארונטער פון זייערע צווייגליך; די גראָזען ציטערען ווי פון נערוועזקייט; קוקען אוים, ווי זיי וואָלטען בעטען רחמים ביי דער זון, זי זאָל זיך איבער זיי דעבארעמען; ניט ברענען זיי אזוי רציחה'דיג!

איך זיץ אַקעגען הויז, אונטער דעם שאָטען פון א בוים. ניט ווייט פון הויז שטעהט דער פארמער און לייגט אָב פון א וואָגען, פריש אויסגעטרוקענט היי, וואָס ער האָט ניט לאַנג צוריק פון ערגעץ געבראכט.

איך קוק אויף דעם פערוועלקטען אָבגעשניטענעם היי, און עפּעס א מאָדנע געפיהל נעהמט ארום מיין זעעלע...

ערשט איז דאָס היי גרין פריש גראָז געווען; ערשט האָבען די גראָזען אַ פעלד בעציהרט; מיט זייערע אונצעהליגע קווייטען — חבר'טעם קענען א ווינטעל געשטיפט. —

ניט לאַנג צוריק בין איך געווען מיט העררי'ן ביים וואסערפאַל, וועלכען ער איז נייגעריג געווען צו זעהן. מיר זענען דאָרט א שטיק צייט געזעסען אויף א גרין בערגיל. העררי האָט זיך געסטאַרעט מיך צו פעראינטערעסירען מיט פערשידענע לעבענס ערשייניסע, געטרויסט מיך מיט גוטע ליעבליכע ווערטער, און ניט אויפגעהערט מיט בעגייסטערונג צו בעוואונדערען די שעהנקייט פון דעם וואסער־פאַל, די רייכקייט פון די ריזיגע כוואַליעס, מיט זייער שטענדיגען רוישען און זידען.

— זעהסט — האָב איך פּלוצלונג דערפיהלט איהם צו בעמערקען — דער פארמער האָט מיר דערצעהלט אז אין דיעזען אָבגרונד איז אַמאָל דערטרונקען געוואָרען א מיידעל...

מיך פערדריסט שוין יעצט וואָס איך האָב איהם דאָס דערצעהלט. צו וואָס האָב איך זיך גאָר איינגאנצען בעדארפט אין דעם דערמאָנען?...

איך האָב זיך צו איהם, ביי די ווערטער, ענג צוגעטוליעט, און צוגעמאכט די אויגען, ווי איך וואָלט זיך וועלען בעשיצען פון עפּעס א מורא'דיגער זאך... און אין אמת'ן, האָב איך זיך טאַקע פאר עפּים געגומען שרעקען — א מאָדנע שרעק איז דאָס געווען! מיר האָט געגומען אויסווייזען, אז יעדע כוואַליע וואָס קומט צו שווי־

מען, פערקערפערט מיט זיך עפּיס א געשטאַלט פון א מין ווילדער אויסטערישער חיה! משונה׳דיגע געשטאַלטען מיט ברייט גע־עפענטע מיילער, וועלכע זענען בערייט צו פערשלינגען אַלעס וואָס קומט זיי אין וועג!...

א לאַנגע ווײַלע בין איך אַזוי געזעסען אַנגעלעהנט דעם קאָפּ אויף הערי׳ס אַקסעל און פּשוט מורא געהאַט אָפען צו האַלטען די אויגען...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

מיר וואָלט אינטערעסאַנט געווען צו וויסען, וואָס א שטייגער עס וואָלט געווען ווען איך וואָלט, זיצענדיג אַזוי נעבען הערי׳ן, זיך פּלוצלונג אויפגעהויבען, און מיט אַמאָל אַריינגעשפּרונגען אין וואַ־סער... מיר קומט פאָר אַז דאָס מוז זיין דער לייכטסטער טויט. איך וואָלט באַלד פערשלונגען געוואָרען פון די כוואַליעס, און אין א ווײַלע אַרום וואָלט איך געווען טויט... פערגליווערט... געגליכען צו א שטיין, צו א שטיק ערד... איך וואָלט קיין זאַך ניט געזעהן קיין זאַך ניט געפיהלט — וואָס וואָלט איך דערביי פערלוירען? וואָס פאַר הנאה קען איך שוין, אינגאַנצען האָבען פון מיין לעבען?...

דער איינציגער וועמען מיין פערלוסט וואָלט אשר איבערגע־לאָזט א טיפען שמערץ, וואָלט געווען הערי. מיט דער צייט אָבער וואָלט ער אויך פערגעסען; איך וואָלט פערגעסען געוואָרען פּונקט ווי איך וואָלט קיינמאָל אפילו אויף דער וועלט ניט געווען...

*　　*

*

הערי וויל אונבעדינגט איך זאָל מיט איהם צוריקפאָהרען אין ניו יאָרק. — ער וועט מיך לאָזען בעהאַנדלען פון א גרויסען פּראָפעס־סאָר, ער וועט טאָהן אַלעס מעגליכע מיך צו ראַטעווען...

וואָס זאָל איך יעצט טאָהן? זאָל איך איהם פאָלגען? איז נאָך מעגליך אַז דאָס לעבען זאָל מיר צוריקגעבען דאָס, וואָס ס׳האָט ביי מיר אווועקגענומען?...

דערווייל פיהל איך, ווי פון טאָג צו טאָג, ווערען אַלץ שרעק־ליכער מיינע ליידען; ענגער מיין לעבען. די צייט וועבט אַלץ זי־בערער פאַר מיר א נעץ פון תכריכים־פעדעם... שלעפּט מיך אַלץ טיעפער, טיעפער...

אויגוסט דעם 21טען.

הערי האט מיך שוין היינט געזאלט פערלאזען. מיר האבען צוויי־שען זיך אבגערעדט אז ער זאל צוריקפאהרען אין ניו יארק און איך זאל נאך דא פערבלייבען א פאר וואכען. ער האט זיך אבער איבערלייגט, אז אהן מיר קען ער ניט פאהרען; אהן מיר געפינט ער ניט אין לעבען קיין שום אינטערעסע...

אויף ווי ווייט אבער איך בין איבערציינגט, איז מיט זיין צוריק־בלייבען פערבונדען אן אנדערע אורזאכע.

הערי האט נעכטען בעמערקט ווי איך האב זיך שטארק פער־הוסט, און ער האט צום ערשטען מאל דערזעהן אז איך שפיי מיט בלוט... ער מאכט מיר וועגען דעם קיין שום בעמערקונגען ניט. איך דערקען אבער אין זיין מוטהלאזיגקייט, וואס פאר א טיפע ווירקונג דאס האט אויף איהם געמאכט: איך פערשטעה דאס אין זיין שטילער מעלאנכאלישער שטימונג...

אויגוסט דעם 23טען.

צווישען מיר און הערי'ן געהט יעצט אן א מין שטילער פער־בארגענער קאמפף! א מין געהיימניספאלע שרעק שוועבט, איבער אונז! הערי האט זיך די לעצטע טעג עפים אזוי מאדנע געענ־דערט... זיין ארט האלטונג איז מיר איינפאך אונפערשטענדליך! אט זעצט ער זיך נעבען מירך אוועק, קוקט אויף מיר מיט שטימע פער'מרה־שחורה'טע בליקען, לאזט פאלען א פאאר אבגעריסענע ווערטער, און אט פערשווינדעט ער פון מיר ערגעץ, אויף שטונדען לאנג!...

הערי'ס נידערשלאגענקייט, צוזאמען מיט מיין טרויעריגער לאגע, האט מיך געבראכט צו דער העכסטער שטופע פון פערצווייפ־לונג! אלץ איז מיר עפעס מיאוס געווארען. יעדע זאך וואס קומט מיר פאר די אויגען, וואלט זיך מיר נאר וועלען צושטערען, פער־ניכטען! יעדע קלייניגקייט, טראגט, דאכט מיר, אויף זיך די שולד פון מיינע ליידען; אלעס האט א חלק אין מיין קראנקהייט!...

היינט אין ער פריה בין איך בעגאנגען עטוואס שרעקליכעס!

די לעצטע פאאר טעג האב איך גענומען פיהלען א ליעבע, צו פערברייגנען צווישען די היהנער וואס געפינען זיך דא. איך נעהם אפט מאל א שטיקעל ברויט אין האנד, זעץ זיך אוועק אינטערן הויז

נעבען א בוים, און ווארף שטיקלעך־ווייז פון דעם ברויט פאר די היהנער. איך האב א בעזונדערען פערגניגען צו קוקען ווי די עופות בעלאגערען מיך, יאגען מיט אויסגעשטרעקטע העלזער איינע איבער די אנדערע צו כאפען א בראקען. איך ווארף די שטיקלעך ברויט וואס א מאל אלץ נעהענטער, נעהענטער, ביז די היהנער קומען צו גאנץ נאהענט צו מיר. אזוי, אז מיר געלינגט יעדעס מאל, אהן שום אנשטרענגונג צו כאפען אן עוף. א שטיק צייט קען איך אזוי זיצען מיט דעם עוף ביי זיך אויף דעם שויס און זיך דערמיט שפילען. מיר איז עפיס דערביי אזוי אנגענעהם, אזוי גוט... איך פיהל, ניט איינמאל, ווי עפיס א קליין אונשולדיג קינד וואלט נעבען מיר גע־לעגען; געלאשטשעט מיך...

היינט אין דער פריה ווייס איך אליין ניט וואס מיר איז געווען! זיצענדיג אזוי מיט א יונג, ווייס עוף'עלע אויף מיין שויס, איז מיך עפיס בעפאלען א מאדנע געפיהל! די רוהיגקייט פון דעם אונ־שולדיגען בעשעפעניש, האט אין מיר ארויסגערופען א מין פער־לאנג צו רייצען זיך דערמיט, צו טהאן עס להכעיס!... און ווי גע־שטופט פון עטוואס אונבעוואוסטעס, האב איך דאס שוואכע בעשע־פעניש גענומען מוטשען; געפרעסט עס מיט איין האנד צו זיך, און מיט דער אנדערער געשטיקט פאר'ן העלזעל...

דאס ליידענדע עופה'לע האט זיך גענומען רייסען, צאפלען, געפאטשט מיט די פליגלען, געווארפען מיט די פיסלעך. — אבער וואס מעהר דאס האט זיך געראנגעלט, אלץ שטארקער האט זיך אין מיר אנגעצונדען די לוסט דאס צו שטיקען!... עפעס א ווילדע הנאה האב איך געפיהלט צו קוקען ווי דאס הילפלאזע בעשעפעניש ליידעט; צאפעלט זיך אונטער מיינע הענד!...

דאס עוף האט ענדליך אן עפען געטהאן דעם שנאבעל, א פאר מאל א לייכטען ציטער געטהאן מיט די פליגלען, און ווען איך האב דאס געוואלט בעפרייען האט דאס מעהר ניט געלעבט...

— — — — — — — — — — — — — — — — —

איך האב מורא אז מיט מיר וועט געשעהן עטוואס שרעקלי־כעס!... איך פיהל אז מיינע געדאנקען הויבען מיך אן ארויפצו־פיהרען אויף עפעס אן אנדערען וועג!... אלץ הויבט אן פאר מיר צו זינקען... לעשען... א שווארצע וואנט צוימט זיך פאר מיר!....

אויגוסט דעם 25טען.

„מיין ליעבער גוטער הערי: —

עס איז אין גאנצען א צעהן מינוט זינט דו האסט פערלאזט מיין צימער. איך האב באלד נאך דיין אוועקגעהן, ארונטער געצויגען די ראלעטען איבער די פענסטער; קלענער געמאכט א ביסעל דאס ליכט פון'ם לאמפ, און זיך אוועקגעזעצט מיט א קלאהרען געוויסן צו שרייבען דיר דיעזע צייליען.

„דאס איינציגע וואס שטערט יעצט אביסעל מיין רוהיגקייט איז בלויז דער געדאנק וועגען דיר. ערשט בין איך אין דיינע ארימס געליגען, ערשט זיך צו דיינע קלוגע ליעבליכע טרויסט-ווערטער צוגעהערט, און אט ביזטו פון מיר פערשוואונדען — אויף אייביג פערשוואונדען, מיין טהייערער! דאס איז געווען אונזער לעצטע בעגעגניש; אונזער לעצטער זעלען אויסגוס!... איך האב דיר לאנג נאכגעקוקט, לאנג איינגעגעסען זיך אין די שפור פון דיינע טריט... דאך, איך פיהל זיך יעצט גענוג שטאנדהאפט, אלעס אין זיך צו דערשטיקען, אלעס פון זיך צו פערטרייבען.

מיט דיעזע צייליען, מיין ליעבער, שליסט זיך דאס לעצטע קאפיטעל פון מיין לעבען... דער לעצטער זיפץ פון מיינע ליידען...

איך בין זיכער אז מיין טויט וועט אויף דיר מאכען א שרעקליכען איינדרוק — איך גלויב אבער, אז די צייט איז אימשטאנד צו פערהיילען דעם טיעפסטען זעעלען שמערץ. דאס לעבען איז גענוג מעכטיג איבערצורייסען דעם שטארקסטען באנד, וועלכער איז געוועבט פון די ווארעמסטע געפיהלען...

פאר מיר, ליעבער הערי, האט זיך אלעס געענדיגט! איך פיהל ווי איך וואלט זיך יעצט געפונען אונטער א ברענענדער געביידע פון וועלכער די העלישע פלאמען רינגלען אלץ שטארקער ארום מיין קערפער; פערניכטען אין מיר לאנגזאם גליד נאך גליד!...

צו וואס די אונענדליכע מאטערניש? צו וואס זיין אן אומזיסטע לאסט? איז דאס ניט די פליכט פון יעדען מענשען וואס געפינט זיך אין מיין לאגע צו מאכען אן ענדע צו אזא לעבען?...

אלס אמת'ער הארץ-פריינד, וואלט איך זיך יעצט בעדארפט פאר דיר ענטשולדיגען, איך האב פיעל מאל פערבארגען פאר דיר מיינע געפיהלען, פיעל מאל ניט געזאגט דיר דעם אמת. — אבער ניט יעצט איז פאר מיר די צייט זיך צו פערענטפערען! איך וויל

אין דיעזען מאָמענט ניט פערלירען איבער זיך די קאָנטראָלע; איך װיל זײן מוטהיג װי מעגליך!...

איך פערלאָז יעצט דאָס צימער, און אַלעס װאָס איך האָב ביז יעצט געליטען, אַלעס װאָס האָט פערביטערט מײן לעבען, װעט באַלד פערשלונגען װערען פון דעם טיעפען אַבגרונד — פון יענעם תהום בײם װאסער־פאַל...

דײן אונגליקליכע סאָניע.